STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09204

SOF FUN VANDERUNG

Benzion Palepade

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בנציון פּאַלעפּאַדע

סוף פון וואַנדערונג

בוענאָס איירעס
יאָר פונעס באַפרייער גענעראַל סאַן מאַרטין 1950

BENZION PALEPADE

"Sof fun vanderung"

(FIN DE VIAJE)

BUENOS AIRES, 1950

Año del Libertador General San Martín

שערבלאַט געצייכנט פון י. וואָלבערג

Es propiedad. — Hecha el
depósito que marca la ley.

סוף פון וואַנדערונג

1. — דער ערשטער אַרויספּאָר

שוין לאַנג, זייער לאַנג, האָט שלמהלע געטרוימט וועגן אַן אַרויספאָר אין דער ברייטער וועלט אַריין, אָבער ביזוואַנען דאָס איז צושטאַנדגעקומען האָט ער זיך גענוג אָנגעפּלאָגט, באַ פאַרשיידענע, טיילמאָל זייער שווערע אַרבעטן, אין וועלכע ער האָט צומאָל ניט געזען קיין שום ציל און אין וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט געפינען קיין באַפרידיקונג.

שלמהלעס טרוים וועגן אַרויספאָרן האָט זיך אָנגעהויבן דעמאָלט ווען אין זיין שטעטעלע, אינעם פאַרוואָרפענעם, פון דער וועלט אָפּגעריסענעם „ווערבאָווע" האָבן צום ערשטן מאָל פאַרבלאָנדזשעט עטלעכע יידישע אַקטיאָרן. זייער פאָרשטעלונג האָבן זיי געגעבן אין אַ שטאַל, וואָס איז ספּעציעל צו דעם צוועק צוגעגרייט און אויפגעריכט געוואָרן. שלמהלע איז דעמאָלט געווען צווישן פובליקום, געשלונגען אַ יעדעס וואָרט וואָס איז געפאַלן פון דער אימפּראָוויזירטער בינע, און אַהיימגייענדיק האָט ער באַשלאָסן: — ער מוז ווערן אַן אַקטיאָר. אום כדי דאָס צו דערגרייכן — האָט ער פאַרשטאַנען — מוז ער אַרויספאָרן אין אַ גרעסערער שטאָט אַריין.

צו דעם דאָזיקן אַרויספאָרן האָט אים אויך געטריבן נאָך אַ סיבה: שלמהלע האָט שטאַרק ליב געהאַט צו לייענען. ער פלעגט לייענען אַלץ וואָס איז אים געקומען אין דער האַנט אַריין, אָבער אין דעם קליינעם שטעטעלע ווערבאָווע, וועלכעס האָט געציילט סך-הכל צוויי הונדערט יידישע משפחות, איז קיין איין ציי‍טונג נישט אָנגעקומען. קיין ביבליאָטעקן זענען אויך נישט פאַראַן געווען. בלויז אַ פאַקנטרעגער פלעגט אַמאָל פאַרבלאָנקען אַהינצו און פונאַנדערלייגן באַלד זיין קרעמל, וואָס איז באַשטאַנען פון סידורים, מחזורים, ציצית און, וואָס איז געווען די הויפּטזאַך, מעשה-ביכלעך.

באַ דעם דאָזיקן פאַקנטרעגער טאַקע האָט שלמהלע געפונען שמ"ר (שייקעוויטשעס) ראָמאַן: „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק". שלמהלע

האָט זיך צוגעכאַפּט צום ביכל און עס איינגעשלונגען אין איינציקע צוויי טעג.

נאָכן איבערלייענען דעם דאָזיקן ראָמאַן איז ביי שלמהלען נאָך שטאַרקער געוואָרן דער באַגער צו געפינען זיך אין אַ גרויסער שטאָט, וווּ עס זענען פאַראַן ביבליאָטעקן מיט ראָמאַנען, צייטונגען פון וועלכע מען קען יעדן טאָג געוואָר ווערן וואָס עס טוט זיך אויף דער ברייטער וועלט, און וווּ עס געפינט זיך אַ טעאַטער.

גאַנצע נעכט איז שלמהלע נישט געשלאָפן, געלעגן מיט אָפענע אויגן און געטראַכט קוקנדיק אין דער פינצטערניש אַריין. ער האָט געקעמפט מיט זיך אַליין ביז איינמאָל אין אַזאַ שלאָפלאָזער נאַכט האָט ער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן וואַרבאָוווע, די מאַמע זיינע, די שוועסטער און ברידער און לאָזן זיך אין דער ווייטער וועלט אַריין. שוין לאַנג ווי ער האָט זייער פיל געהערט וועגן דער גרויסער שטאָט יעקאַטערינאָסלאַוו. פון אייביק אָן האָט ער געחלומט צו פאָרן אַהינצו, און איצט האָט ער באַשלאָסן דעם דאָזיקן חלום צו פאַרווירקלעכן.

אָבער ווי נעמט מען געלט דערויף? ער האָט דאָך נישט אפילו אויף די ערשטע הוצאות. אָבער אויך דער דאָזיקער פאַקט האָט נישט געקאָנט ענדערן זיין באַשלוס. אין איינעם אַ טאָג האָט ער איינגעפּאַקט אין אַ צע־בראָכענער וואַליזקע אַריין דאָס ביסעלע אָרעמקייט זיינס און געלאָזט זיך גיין צום וואָקזאַל, וואָס האָט זיך געפונען 15 קילאָמעטער פון שטעטעלע. אויף צו דינגען אַ פור האָט ער קיין געלט נישט געהאַט, האָט ער דערי־בער באַשלאָסן דורכצומאַכן דעם דאָזיקן וועג צופוס.

געזעגנט האָט ער זיך מיט קיינעם נישט. ער האָט נאָך פריער געהאַט אָפּגעמאַכט באַ זיך: זיך נישט געזעגענען מיט קיינעם, בכדי אויסצומיידן די געוויינען פון שוועסטער און ברידער און איבערהויפּט פון דער מאַמע זיינער. זיין מאַמע, שיינע־שרה, וואָלט זיכער געפּרוווט אים אָפּצו־האַלטן פון דער דאָזיקער אַוואַנטורע. אומבאַמערקטערהייט האָט ער זיך דעריבער אַרויסגעשלייכט פון שטוב, און מיט זיין קליין וואַליזקעלע אין האַנט אַרוים אויפן ברייטן שליאַך, וועלכער האָט געפירט צום וואָקזאַל.

ס'איז געווען אַ האַרבסטיקער נאָכמיטאָג, און פוןביידע זייטן שליאַך האָבן זיך געצויגן ווייטע, שוין אָפּגעשוירענע סטעפּעס, באַלויכטענע פון אַ מילדער זון, וואָס האָט מיט איר וואַרעמקייט ווי צוגעזאָגט אים אַ גליק־לעכע צוקונפט.

צוערשט האָט שלמהלע געשפּאַנט אין געאייל — ווי ער וואָלט וועלן עפּעס אַניאָגן, אָבער דערנאָך האָט ער דערפילט אַ מידקייט אין זיינע פיס און זיינע טריט זענען געוואָרן פּאַמעלעכער און לאַנגזאַמער, און שפּאַנענ־

דיק אַזוי געלאָסן האָט ער צייט געהאַט אַרומצוטראַכטן די לאַגע זיינע. אומגעריכט איז אים געקומען אויפן געדאַנק זיין טאַטע ע״ה, וועלכער איז פרי אַוועק פון דער וועלט, און שלמהלע האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע פאַר־יתומטע קינדער־יאָרן. דערנאָך האָט אים אַ שוועב געטאָן פאַר די אויגן דאָס בילד פון דער שטוב, וועלכע ער האָט אָקערשט פאַרלאָזט, און דער טרויער וואָס וועט דאָרט הערשן, ווען מען וועט זיך אַרומזען אַז ער, שלמהלע, פעלט. עס האָט אים אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן דער געדאַנק וועגן דעם צער פון זיין מאַמען און שוועסטער און ברידער, וועלכע ער האָט פאַרלאָזט.

באַ אָט דעם געדאַנק האָט ער פּלוצלינג דערפילט, אַז עס איז אים שווער צו אָטעמען. אַ טיפער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין יונגער ברוסט, און ער האָט דערפילט ווי וואַרעמע טרערן קייקלען זיך און רינען אַראָפּ איבער זיינע באַקן.

...אפשר אויפגעבן דעם גאַנצן פּלאַן וועגן אַרויספאָר? — האָט ער פּלוצלינג אַ טראַכט געטאָן, אָבער באַלד איז געקומען אַ געדאַנק אַ צווייטער: — און וואָס וועט זיין שפּעטער? ווידער זיך אַרומבלאָנקען אָן אַ שום ציל איבער ווערבאָווע?

אַזוי האָט ער געקעמפט מיט זיך אַליין, און געשפּאַנט פאָרויס מיט ניט זיכערע טריט, און זיין בליק האָט זיך איינגעגעסן אינעם ווייטן האָ־ריזאָנט, וועלכער האָט זיך אים פּלוצלינג אויסגעוויזן צו זיין טריב און טרויעריק. אָבער אָט האָט זיך פאַר זיינע אויגן גענומען אויסשיילן דער וואָקזאַל. וואָסאַמאָל דייטלעכער האָט ער שוין געקענט זען די געביידע, פאַר וועלכער ס׳איז גראָד געשטאַנען אויף די שטאָלערנע רעלסן אַ לאַנ־גער, אומענדלעכער לאַסט־צוג.

שוין קומענדיק אויפן וואָקזאַל האָט זיך שלמהלע ערשט דערמאָנט אַז ער איז אינגאַנצן אָן געלט. עס איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען אַ באַן־אַר־בעטער און שלמהלען איז איינגעפאַלן אַ פרעג טאָן באַ אים צי דער צוג גייט אויפן וועג קיין יעקאַטערינאָסלאַוו.

דער פויער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט חשד, אָבער מיט אַ באַ־האַלטענעם כיטרען שמייכל האָט ער אים געענטפערט:

—ער גייט טאַקע אין דער ריכטונג, דער צוג, אָבער ניט ביז יעקאַ־טערינאָסלאַוו. ער גייט בלויז ביז יוזעווע.

שלמהלע האָט באַדאַנקט דעם פויער. ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן מיטן לאַסט־צוג ביז יוזעווע און דאָרט וועט ער שוין צוטראַכטן ווי אַזוי צו פאָרן ווייטער. אַ מידער, האָט ער זיך דערווייל אויסגעזוכט אַ ווינקע־לע און צוגעזעצט זיך אָפּרוען, אָבער באַלד האָט ער זיך אַ רים געטאָן פון

ארט וויל לויט דעם גרייטן זיך פון די באן-ארבעטער האט ער פארשטא־נען אז דער צוג קלייבט זיך שוין אין וועג אריין. מיט א צעפלאטערט הארץ האט ער געקוקט אף דער אומענדלעכער שורה פון די וואגאנעס און מיט די בליקן געזוכט דעם וואגאן אויף וועלכן ער זאל זיך ארויפכאפן. ענדלעך האט ער אויסגעקליבן א וואגאן וואס איז געווען אנגעלאדן מיט געהילץ און אומגעשטערט האט ער זיך פארשטעקט אין א באקוועמען ווינקעלע.

לאנג האט עס נישט געדויערט און דער שווערער משא-צוג האט גע־רירט פון ארט. ווי א וויכער האט זיך דער צוג, צוזאמען מיט זיין שווע־רער לאסט גענומען טראגן צווישן באשניטענע סטעפעס; קליינע דערפע־לעך און וועלדלעך, איינגעהילטע אין בין-השמשותדיקער טונקלקייט. עס האט זיך אויסגעדוכט, אז דאס איילט ער זיך אזוי, דער צוג, בכדי אנצו־קומען צו דער צייט צו זיין באנאכטיקער רו.

גלייך מיטן צופאלן פון דער נאכט, האט זיך דער צוג אפגעשטעלט אין יוזעווע, און שלמהלע א נישט-באמערקטער פון קיינעם נישט איז פלינק אראפגעשפרונגען פונעם וואגאן. ער איז אוועק צום וואקזאל און דארטן גענומען נאכפרעגן זיך בא מענטשן ווען דער פאסאזשיר-צוג גייט דורך אויפן וועג קיין יעקאטערינאסלאוו. ער האט זיך דערוווסט אז עס וועט אים אויסקומען צו ווארטן נאך עטלעכע שעה: דער צוג גייט דורך ערשט פארטאג.

דערווייל האט אים דער מאגן דערמאנט אז ער איז הונגעריק. מיט דער וואליזקע זיינער אין האנט האט ער זיך דעריבער אוועקגעלאזט אין שטאט אריין, און פאר די לעצטע עטלעכע קאפיקעס וואס ער האט נאך פארמאגט, איינגעקויפט זיך עפעס צו עסן. ער האט ארומגעשפאנט אן א שום ציל איבער די יוזעווער גאסן און גייענדיק האט ער געגעסן פונעם איינגעקויפטן שפייז. ער האט געוואלט מיט זיין ארומגיין וואס שנעלער פארטרייבן די צייט וואס פעלט אים צו דער מינוט ווען ער וועט זיך שוין דערזען אין דעם וואגאן, וואס וועט אים ברענגען קיין יעקאטערינאסלאוו, אבער די צייט האט זיך אים אויסגעוויזן צו ציען זיך אזוי לאנג. ער האט ארומגעשפאנט אן אויפגעברויזטער, אן אומגעדולדיקער אבער א פולער מיט יוגנטלעכער זעלבסטזיכערקייט און האפענונגען. ער ווייסט אליין נישט פאר וואס — אבער ער איז זיכער אז זיין פלאן וועט ער דורכפירן אזוי ווי ער האט אים פארטראכט.

שלמהלע איז לסוף מיד געווארן ארומצושפרייזן איבער די פרעמדע,

האַלב-פינצטערע גאַסן. ער האָט באַשלאָסן אומצוקערן זיך צום וואָקזאַל און דאָרטן וואַרטן.

ווען ער האָט דערזען דאָס אָנקומען פון דער באַן, האָט אים באַ-הערשט אַ מאָדנער געפיל. עס האָט זיך אים געדוכט אַז אַלע קוקן אויף אים, אַז אַלע ווייסן וואָס פאַר אַ פאַרברעכן ער וויל באַגיין: אַ קליינִיקייט — ער קלייבט זיך צו באַגנבענען די רוסישע מלוכה...

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און גענומען לויפן צו די דריטן-קלאַס-וואַגאָנעס, און צווישן אַלע רייזנדע, וואָס האָבן זיך געשטופּט האָט ער אויך זיך אַריינגעגליטשט אינעווייניק, און אוועקגעזעצט זיך אויפן ערשטן בעסטן פרייען אָרט.

דער צוג איז שוין פאַרבייגעלאָפן עטלעכע סטאַנציעס און שלמהלע איז נאָך אַלץ נישט באַמערקט געוואָרן פונעם קאָנדוקטאָר, אָבער די מורא האָט אים געמאַכט וואָסאַמאָל מער אומרואיקער, און ער האָט באַשלאָסן אַרונטערצוקריכן אונטער דער באַנק. דאָס איז אים אויך אַזוי גרינג נישט אָנגעקומען, ווייל ער האָט זיך געשעמט פאַר מענטשן, האָט ער אויסגע-וואַרט ביז וואַנען אַלע האָבן שוין געדרימלט און פאַרזיכטיק זיך אַרונ-טערגעשלייכט אונטער דער באַנק.

אַזוי איז ער אָפּגעפאָרן אַ שטיקל וועג און פּלוצלינג האָט ער דער-הערט דעם קאָנדוקטאָרס קול, ווי ער פרעגט אויף בילעטן. אַלץ איז אַדורך בשלום און שלמהלע איז ווייטער געלעגן אונטער דער באַנק מיט אַן איינ-געהאַלטענעם אָטעם, אָבער אויף דער נאָענטסטער סטאַנציע איז שוין אַרויפגעקומען צוזאַמען מיטן קאָנדוקטאָר אויך אַ קאָנטראָליער.

שלמהלע האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין וויאַזוי דער קאָנדוקטאָר האָט אים דערשנאַפּט. אַזוי פיל בענק פאַראַן אינעם וואַגאָן, און דווקא דאָ האָט ער געזוכט, דער קאָנדוקטאָר, און גלייך געפונען דעם דערשראָ-קענעם האָז. „נישט אַנדערש, נאָר עמעצער האָט אויף זיך גענומען די מצווה אָנצוווייזן" — האָט שלמהלע געטראַכט. דער פּאַטש וואָס שלמהלע האָט געכאַפּט פונעם קאָנדוקטאָר האָט אים נישט אַזוי ווי געטאָן — ווי דער בזיון וואָס ער האָט איבערגעלעבט ווען דער קאָנדוקטאָר האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון הינטער דער באַנק אַפּער. עס איז אים געוואָרן פינצטער אין די אויגן און ער איז געשטאַנען ווי אַ פאַרמשפּטער צום טויט. ס'האָט זיך אים געוואָלט אַז עס זאָל זיך פאַר אים איצט עפענען אַ גרוב ווו ער זאָל קענען ווערן איינגעזונקען צוזאַמען מיט דער בושה, מיט זיינער.

אָבער פונעם קאָנדוקטאָר איז, ווייזט אויס, דער כעס אוועק. ער האָט חרטה געקראָגן פאַרוואָס ער האָט געשלאָגן אַן אָרעם יינגל. מיט דער

זעלבער האַנט וואָס האָט אָקערשט געפּאַטשט, האָט ער געגלעט איצטער שלמהלעס באַק און מיט אַ ווייכער שטים אַ פרעג געטאָן:

— וווהין דאַרפסטו פאָרן?

— קיין יעקאַטערינאָסלאַוו...

— כאַראַשאָ! (גוט) — האָט דער קאָנדוקטאָר געענטפערט — זעץ זיך צו אויף אָט דער באַנק, ייִנגעלע. איך וועל באַלד אַריינקומען נאָכ־אַמאָל.

אַלע אַרומיקע האָבן מיט נייגיריקייט זיך צוגעקוקט צו אָט דער גאַנ־צער סצענע און אין אַלעמענס אויגן האָט זיך געמערקט אַ רחמנות צום איינזאַמען, אָרעמען ייִנגל. עס איז אויך געפעלן געוואָרן יעדן איינעם דעם קאָנדוקטאָרס חרטה.

באַלד איז דער קאָנדוקטאָר געקומען ווידעראַמאָל. און געבראַכט שלמהלען צו עסן.

— אַ דאַנק! — האָט זיך שלמהלע געבעטן באַם קאָנדוקטאָר — איך בין נישט הונגעריק.

— נעם, נעם! — האָט אים שוין דער קאָנדוקטאָר מיט כלומרשטער שטרענגקייט געצוווּנגען, און פּלוצלינג האָט ער אַרויסגענומען פון טאַש אַ פּאַפּירענעם רובל און אַריינגעשטופּט שלמהלען אין האַנט אַריין.

— נעם, נעם! — האָט ער איבערגעחזרט נאָכאַמאָל און אַרויס פון וואַגאָן.

שלמהלע איז געווען גערירט פונעם קאָנדוקטאָרס האַנדלונג לגבי אים, און זיך באַגאָסן מיט טרערן.

***

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג ווען דער צוג, מיט וועלכן שלמהלע איז געפאָרן, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן יעקאַטערינאָסלאַווער וואָקזאַל. שלמהלע האָט גענומען אין האַנט די צעבראָכענע וואַליזקע זיינע און אָנגעשפּאַנט גלייך מיטן „אַלעקסאַנדראָווסקי פּראָספּעקט", וואָס פירט פונעם וואָקזאַל אין סאַמע צענטער אַריין.

די פרימאָרגן־זון האָט זיך באַוויזן אין איר גאַנצער פּראַכט און מיט איר גאָלדענעם אָפּגלאַנץ באַשטראַלט די הויפּט־גאַס וועגן וועלכער שלמהלע האָט נאָך געהערט אין דעם שטעטל זיינעם. אַ נייגעריקער און פאַרגאַפטער האָט ער זיך איינגעקוקט אין דער גרויסער שטאָט, אין די לאַנגע גאַסן און גרויסע הייזער. כאָטש באַם סאַמע וואָקזאַל איז די גאַס געווען נאָר שיטערלעך באַבויט, דאָך וויטער צו האָט שוין שלמהלע דער־זען דעם גערויש און געווימל פון גרויסשטאָטישקייט. פּלוצלינג האָט ער

זיך דערמאָנט אַז היינט איז שבת אַף דער וועלט. נעכטן, ווען ער איז אַרויסגעפאָרן פון זיין היים איז דאָך געווען פרייטיק, היינט ווי קומט מען דאָס אַריין אין אַ יידישער שטוב אום שבת?... שלמהלע גייט ווייטער און דער אַנבליק פון דער גרויסער שטאָט מאַכט אים ווידער פאַרגעסן דערין. די באַרימטע גאַס ווערט אַלץ געדיכטער און ער שפּאַנט אַ פאַרכאַפּטער פון דעם אַלעם וואָס ער זעט. ער שפּרייזט אונטער די שטראַלן פון דער וואַרעמער זון, וועלכע צערטלט אים און גלעט אים מיט אַ צוזאָג פון אַ ליכטיקער צוקונפט, פון קומענדיקן דערפאָלג.

פלוצלינג האָט ער באַמערקט צווישן די גרויסע הייזער אַ קליינע איינשטאָקיקע געביידע, און פאַר דער טיר אַ יידן מיט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ. דער ייד האָט געהאַט אַזאַ אויסדרוק אויפן פּנים ווי ער וואָלט שוין לאַנג געוווסט אַז ער, שלמהלע, דאַרף אַהער אָנקומען, און דעריבער שטייט ער, דער ייד, פאַר דער טיר, בכדי אויפצונעמען דעם גאַסט.

שלמהלע האָט באַשלאָסן צוצוגיין.

— גוט-שבת! — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַביסל פאַרשעמט.

— אַ גוט-שבת, אַ גוט יאָר, שלום עליכם! — האָט דער ייד גוטמו־טיק געענטפערט — פונוואַנען קומט עס אַ בחור? דאַרפסט אפשר אַ קוואַרטיר? אויב אַזוי, קאָנסטו ביי מיר איינשטיין.

שלמהלע, אַ פאַרוויטלטער פון איבעראַשונג האָט געענטפערט:

— אַ דאַנק! איר האָט טאַקע געטראָפן, און געווים וועל איך איינ־שטיין ביי אייך.

דער ייד האָט באַקוקט שלמהלעס צעפליקטע וואַליזקע מיט דעם גאַנצן הולך זיינעם און אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען.

—טאַ וואָסזשע וואַרטסטו? קום אַריין אין שטוב — האָט ער לסוף צו שלמהלען אַ זאָג געטאָן.

שלמהלע איז אַריין אין שטוב און געטראָפן דאָרט אַ מיטליאָריקע יידענע, אַ פאַרטוענע אין איר שבתדיקער שטוב-אַרבעט.

— דאָס איז מיין ווייב, טעמע — האָט דער ייד מודיע געווען — און איך היים לייזער...

— אַ גוט-שבת... — האָט פלוצלינג אַ קלונג געטאָן שלמהלעס שטי־מע.

די יידענע האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט און באַטראַכט דעם גאַסט מיט פאַרשנדיקע בליקן.

— אַ גוט-שבת, גוט-יאָר! — האָט זי געענטפערט און ווייטער זיך גע־נומען צו איר אַרבעט.

— נאָר וואָס געקומען מיט דער באַן — האָט רב לייזער אויפגע־קלערט זיין ווייב — נו, האָב איך אים אריינגעבעטן...

טעמע האָט זיך ווידער אויסגעדרייט צו שלמהלען.

— נו, וואָס שטייסטו? — האָט זי געזאָגט שוין מיט אַ שמייכל — לייג אַוועק דיין טשעמאָדאַן, וואַש דיך אָרום און פיל זיך ווי בא דיר אין דער היים. דאָ איז אַ יידישע שטוב. אָט באַלד דערלאַנג איך דיר אַביסל וואַרעמס... — האָט זי אין אַ מוטערלעכן טאָן צוגעגעבן.

פונעם דערבייאיקן אַלקער האָט זיך דערהערט אַ מיידלשע שטימע:

— מאַמע צו וועמען רעדסטו עס דאָרטן?

— צו אַ מענטשן ר'עד איך — האָט טעמע מכלומרשט זיך אַ בייזער־געטאָן — און דו וואָלסט שוין געמעגט אויפשטיין פון בעט, שוין צייט...

2. — די ערשטע באַקאַנטשאַפט

שלמהלע האָט זיך באמת דערפילט ווי אין דער היים. ער האָט אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אָן אַלץ. ער איז געזעסן מיט רב לייזערן בײַם טיש און געזופּט ציקאָריע מיט מילך, און צוגעביסן מיט אַן אייער־קיכל. פּלוצלינג האָט זיך געעפנט די טיר פונעם אַלקער און ס'האָט זיך באַוויזן אַ שיין מיידל אין דער זעלבער עלטער וואָס שלמהלע.

— דאָס איז מיין טאָכטער סאָניע — האָט טעמע מיט אַ ליבלעכן שמייכל זי פאָרגעשטעלט פאַרן גאַסט.

— יאָ — האָט סאָניע געענטפערט מיט אַ פריילעך געלעכטערל — איך בין טאַקע מיין מאַמעס טאָכטער, — און זי האָט דערלאַנגט שלמה־לען איר האַנט.

— ס'איז מיר זייער אַנגענעם — האָט שלמהלע שעמעוודיק אַ זאָג געטאָן.

— מיר אויך. איר קומט מסתמא דאָס ערשטע מאָל קיין יעקאַטערי־נאָסלאַוו?

— יאָ. איך קום דאָס ערשטע מאָל אַהערצו, אַליין בין איך פון אַ קליין שטעטל. ווען איך וועל זיך האָבן אויסגערוט אַ ביסעלע וועל איך גיין אָנ־קוקן די שטאָט.

— אויב איר וועט וועלן, וועל איך זיין אייער וועגווייזערן — האָט סאָניטשקע שטיפעריש אַ זאָג געטאָן.

טעמע האָט נישט דערקאָנט איר טאָכטער, אַזוי דרייסט און קאָקעט־טיש זענען איר אויסגעקומען סאָניטשקעס ווערטער. מיט באַוואונדערונג האָט זי געקוקט אויף דער יונגער חברה און אַריינגעמישט זיך אין זייע־רע רייד:

— דערווייל גייט אַריין אין אייער חדר און לייגט אייך צו אויס־רוען זיך אַביסל — האָט זי געזאָגט צו שלמהלען.

— יאָ, דאָס איז אַ פּראַקטישע עצה — האָט שלמהלע געענטפערט —

דאָס וועל איך אייך זיכער פאָלגן. זאָל זיך מיר אויסדוכטן אַז מיין מאַמע רעדט אַזוי צו מיר.

— וואָס? — האָט סאַניטשקע מיט אַ געמאַכטן ערנסט געפרעגט — איר זענט געקומען צונעמען בײַ מיר מיין מאַמען?...

— חלילה. איך וויל בײַ אייך אייער מאַמען נישט צונעמען. איך האָב, גאָט צו דאַנק, מיין אייגענע מאַמע.

— זאָל זי אייך זיין ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר — האָט טעמע שמייכלענדיק צוגעגעבן — אַ מאַמע פון קינדער מעג אַבּיסעלע צוקוקן אַ פרעמד קינד אויך.

זי האָט אַ קעם געטאָן מיט אירע פינגער שלמהלעס געקרויזטן קאָפּ און צערטלעך אַ זאָג געטאָן:

— גיי, גיי, מיין קינד און רו זיך אויס...

סאָניע האָט זיך האַרציק צעלאַכט.

— מיינסט, עס אַרט מיך? — האָט זי שטיפעריש געזאָגט צו טעמען — זאָל זיך מיר דוכטן אַז כ'האָב אַ ברודערל. הלוואי וואָלט איך טאַקע געהאַט אַ ברודערל. איך בין אַזוי מקנא מיידלעך וואָס האָבן ברידער.

שלמהלען איז שווער געווען זיך אָפּצוריַיסן פון זיין אָרט. ער האָט דערפילט די גאַנצע האַרציקייט און וואַרעמקייט וואָס האָט אויף אים געשטראַלט פון דער דאָזיקער יידישער היים, פון די דאָזיקע גוטע מענטשן. אָבער איבערהויפּט איז אים שווער געווען אַוועקצוגיין פון טיש צוליב די צעשטראַלטע, פריידיקע בליקן וועלכע האָבן זיך געצויגן צו אים פון סאַניטשקעס גרויסע ברייט-צעעפנטע אויגן.

— צום ווידערזען — האָט ער לסוף אַ זאָג געטאָן און אַוועק צו זיך אין צימער.

אין קליינעם חדרל האָט ער געטראָפן שטיין צוויי בעטן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס פריש-איבערגעצויגענע און זויבערע בעטל איז צוגעגרייט פאַר זיינעטוועגן. אַ מידער האָט ער זיך אויסגעצויגן און דערפילט ממש דעם טעם פון גן-עדן.

דער שמועס מיט טעמען און סאַניטשקען האָט אים דערמאָנט אין זיין היים. ער האָט דערזען פאַר זיך זיין מאַמען שיינע-שרהן, זיינע שוועסטער און ברידער, דאָס שטעטעלע ווערבאָווע. ערשט איצטער גיט ער זיך אָפּ חשבון דערפון וואָס זיינע אייגענע לעבן דאָרט איבער נאָך זיין פּלוצלינגדיקן אַוועקפאָרן פון דער היים. די אויגן זיינע האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן און דאָס האַרץ האָט געפלאַטערט פאַר חרטה און בענקשאַפט.

— אין אָוונט, טאַקע באַלד היינטיקן אָוונט — האָט ער זיך פאַרגענו-

מען — וועט ער דאָס ערשטע אַוועקשרייבן אַ בריוו צו די זייניקע, און אגב טאַקע שרייבן אויך וועגן די וואונדערלעך-גוטע מענטשן צו וועלכע ער האָט געטראָפֿן.

זיין מחשבה איז פּלוצלינג איבערגעגאַנגען צו סאָניטשקען, צו דעם שיינעם מיידל, וואָס געפינט זיך מיט אים צוזאַמען אונטער איין דאַך. די אויגן אירע, די גרויסע טיפע אויגן, אויגן אַזעלכענע וואָס מען קאָן זיי נישט פאַרגעסן...

די געדאַנקען האָבן גענומען ווירבלען און פון מידקייט איז ער פּעסט איינגעשלאָפֿן. פאַרשיידענע חלומות, גוטע און שלעכטע האָבן גענומען אַרומוועבן זיין דמיון. ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די גאַנצע געשעעניש מיטן קאָנדוקטאָר. דער פּאַטש פון קאָנדוקטאָרס האַנט טוט אים אַזוי וויי, אַזוי וויי, און ערשט דער בזיון, די חרפה צו זיין געפּאַטשט פאַר מענטשלעכע אויגן... אָבער דער וואַגאָן מיט אַלע פּאַסאַזשירן איז פּאַמעלעך צערונען געוואָרן און ער האָט דערזען איבער זיך טעמען, ווי זי שמייכלט צו אים, און לעבן טעמען שטייט סאָניטשקע, די שיינע סאָניטשקע און לאַדט אים איין צו גיין שפּאַצירן... דערנאָך האָט אַלץ זיך אויסגעמישט צוזאַמען און פאַרצויגן מיט אַ נעפּל פון פאַרגעסן און גאָרנישט טראַכטן. אַזוי איז ער אָפּגעשלאָפֿן כמעט ביז מיטיק-צייט.

ווען טעמע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר בכדי אויפצוּוועקן שלמהלען, האָט ער, אַן אַרויסגעריסענער פון טיפן שלאָף, זיך האַסטיק אויפגעזעצט און צוערשט נישט געוווּסט אַפילו אויף וועלכער וועלט ער געפינט זיך. עס האָט געדויערט עטלעכע מינוט, ביז ער האָט זיך דערמאָנט ווו ער איז אין דער וועלט, אַז ער געפינט זיך שוין אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אַז ער האָט געטראָפֿן אין אַ גוטער יידישער שטוב אַריין, ווו עס רינגלען אים אַרום אַזעלכענע האַרציקע און גוטע מענטשן.

ער האָט זיך שנעל אַרומגעוואַשן, אויפגעעפנט זיין וואַליזע, אַרויסגענומען דעם שבתדיקן אנצוג זיינעם און אַ שבתדיק אויסגעפּוצטער איז ער אַריין אין עס-צימער ווו עס איז שוין געשטאַנען אַ געדעקטער דער שבתדיקער טיש באַ וועלכן טעמע האָט זיך נאָך געהאַלטן אין איין פּאָרען. אויך סאָניטשקע איז שוין געווען אין עס-צימער אַן איבערגעטוּענע אין אַ שיין קליידל וואָס האָט איר צוגעגעבן נאָך מער חן.

טעמע האָט שלמהלען באַגעגנט מיט אַ ברייטן גוט-שבת.

— אָט קומט באַלד מיין מאַן פון שול, וועלן מיר עסן מיטיק — האָט זי צוגעגעבן.

— ווי אַזוי זענט איר געשלאָפֿן? — האָט סאָניטשקע געפרעגט.

— אַ דאַנק, זייער גוט.

— אויב איר ווילט, טאַ קומט, לאָמיר אַרויסגיין אַביסל שפּאַצירן לעבן אונדזער שטוב — האָט סאָניטשקע איינגעלאַדן שלמהלען — וועסט מיר דערלויבן, מאַמע? — האָט זי זיך פּלוצלינג דערמאָנט אַ פרעג צו טאָן.

טעמע האָט גאָרניט געענטפערט. זי איז געשטאַנען און געקוקט אויף זיי ביידן מיט אירע גוטע מילדע אויגן.

— ...הייסט עס, אַז דו דערלויבסט — האָט סאָניטשקע געזאָגט — געשוויגן הייסט ביי אונדז אויך גערעדט. קומט, גאַספּאַדין סאַלאָמאָן! — און ביידע זענען אַרויס אויפן גאַס.

טעמע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער וואָס קוקט אַרויס צו דער גאַס און נאָכגעקוקט דעם יונגן פּאָרל, ווי זיי שפּאַצירן אויפן זעלבן טראָטואַר, און סאַניע לאַכט פון עפּעס... „אַ נייע וועלט — האָט טעמע געטראַכט מיט באַוואונדערונג קוקנדיק אויף דעם יונגן פּאָרפאָלק — היינטיקע מיידלעך און היינטיקע יינגלעך...”

זי האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן, גענומען פון דער פּאָליצע איר קרבן-מנחה-סידור, אוועקגעזעצט זיך ביים טיש, און אָנגעהויבן דאַווענען מיט כוונה.

3. — אַ קליינער שפּאַציר

ערשט איצטער, ווען זיי ביידע, שלמהלע און סאָניטשקע האָבן זיך געפונען אויפן גאַס, האָבן זיי אומגעשטערט געקאָנט זיך קעגנזייטיק באַטראַכטן. די וואַרעמע זון האָט אַראָפּגעקוקט פונעם הימל און מיט מילדע שטראַלן אַרומגענומען זייערע יונגע געשטאַלטן, און זיי האָבן פּאַמעלעך געשפּאַנט איבערן טראָטואַר און געקוקט אויף זיך מיט נייגיריקע בליקן. ערשט איצטער האָט סאָניטשקע דערזען, אַז שלמהלע איז אַ שיינער, נאָר דאָס אָנטועכץ זיינס איז — קאָמיש. ער זעט אויס, שלמהלע, ווי ער האַלט אַרויסגעוואַקסן פונעם גאַרניטורל זיינעם, דאָס רעקל זיינס הענגט אויף אים ווי אַ ווייבעריש קאַפּטל, און זיין קאַפּעליוש זיצט ווי אויף אַ פרעמדן קאָפּ. סאָניטשקע האָט, קוקנדיק אויף אים, זיך נישט געקאָנט באַהערשן, און זיך געשטיקט פון געלעכטער.

שלמהלע האָט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז דאָס איז ער די סיבה פון איר געלעכטער, און אַ פאַרשעמטער האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— איר לאַכט פון מיר?

סאָניע האָט זיך באַהערשט און אויפגעהערט לאַכן. מיט אַ שולדיקער שטים האָט זי מודה געווען:

— נישט פון אייך לאַך איך, איר אַליין זענט זייער אַ שיינער, אָבער אייער קליינשטעטלדיק אָנטועכץ האָט אַרויסגערופן מיין געלעכטער.

— מיט דער צייט וועל איך אויך גיין אָנגעטאָן גרויסשטאָטיש — האָט שלמהלע איר פאַרזיכערט — לאָמיך זיך נאָר איינאָרדענען אַפריער.

— אוודאי, אוודאי — האָט סאָניטשקע אים גענומען באַרואיקן — פאַלט נאָר ניט אַראָפּ באַ זיך. קליידער זענען גאָרניט, דער עיקר איז דער מענטש — און שלמהלע האָט דערפילט אַז זי זאָגט עס אויפריכטיק. די דאָזיקע אויפריכטיקייט האָט ער דערזען אין איר מילדן שמייכל, אינעם וואַרעמען בליק פון אירע גרויסע, בלויע אויגן.

— און אין וואָס אייגנטלעך שטעקט די גרויסשטאָטישקייט, וועגן וועלכער איר רעדט — האָט שלמהלע געפרעגט, און געדוכט האָט זיך אַז די דאָזיקע פראַגע שטעלט ער נישט סאָניען, נאָר זיך אַליין.

סאָניטשקע האָט אַ ציטער געטאָן:

— איר זענט גערעכט — האָט זי געזאָגט — שווער צו זאָגן וואָס עס איז אַזוינס גרויסשטאָטישקייט. אָט גיי איך אויך אַרום אין אַן איינפּאַך קליידל, און אין אַ פּאָר איינפאַכע שיך... ביי אייך, אין אייער שטעטל, גייען מסתמא די מיידלעך לחלוטין נישט אַנדערש אָנגעטאָן...

זי איז שטיל געבליבן, אוןביידע האָבן געשפּרייזט מיט לאַנגזאַמע, פּאַרטראַכטע טריט איבערן טראָטואַר, און יעדעס פון זיי איז געווען פאַרטיפט אין זיינע אייגענע רעיונות. סאָניע האָט זיך פּלוצלינג דערפילט שטאַרק שולדיק לגבי דעם יינגל. אָן ווערטער האָט זי אַראָפּגענומען פון זיין קאָפּ דעם קאַפּעליוש און אים אַ גלעט געטאָן מיט איר צאַרט הענטעלע איבער זיין באַק...

***

לייזער איז צוריקגעקומען פון שול. ער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און מיט אַ ברייטן „גוט-שבת” אַריין אין שטוב אַריין.

— גוט-שבת, גוט-יאָר! — האָט טעמע געענטפערט — וואָס זאָגסטו עפּעס צו די היינטיקע מיידלעך? האָסט געזען?

— געזען, געזען, — האָט לייזער אַ בורטשע געטאָן — וואָס זאָל איך זאָגן? ניטאָ וואָס צו זאָגן... אַזאַ וועלט איז היינט און פּאַרטיק, מיר וועלן זי ניט איבערמאַכן. אָבער ער זעט מיר אויס צו זיין אַן אָרנטלעך יינגל, און ער איז, ווייזט אויס, אין דער זעלבער עלטער וואָס סאָניע.

ער האָט אויסגעטאָן דאָס היטל און שטיין געבליבן אין דער יאַרמלקע.

— זעסט, כ'האָב גאָר פאַרגעסן — האָט רב לייזער אַ זאָג געטאָן פּלוצלינג — פאַרגעסן צו פרעגן באַ אים, צי ער האָט עפּעס אַ פּאַך.

— וועסט נאָך צייט האָבן צו פרעגן — האָט טעמע אים געענטפערט.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פונעם בענקל אויף וועלכן זי איז געזעסן און צוגעגאַנגען צום פענצטער.

— קינדער, קומט אַריין — האָט זי אַרויסגעשריגן צו שלמהלען מיט סאָניטשקען — זיי גייען שוין — האָט זי גלייך מודיע געווען רב לייזערן.

סאָניע האָט, מעשה באַלעבאָסטע, פריער דורכגעלאָזט שלמהלען, און נאָכקומענדיק פריילעך אַ זאָג געטאָן:

— און אָט זענען מיר שוין דאָ. גוט-שבת!

— אַ גוט יאָר זאָל אייך זיין — האָט טעמע געענטפערט — נו, מאַנסבילן, גייט אייך וואַשן.

באַם טיש איז שלמהלע געזעסן אַנטקעגנאיבער סאָניען. ער האָט

געקוקט אויף דער שטוב, אויף די ליבע מענטשן, אויף זייער יידישלעכער פירונג און דאָס אַלץ האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אַלע זאָרגן זיינע.

אויבנאָן איז געזעסן רב לייזער, און זיין פאַטריאַרכאַלע געשטאַלט האָט שלמהלען דערמאָנט אָן זיין אייגענעם טאַטן, וועמען ער האָט קוים געדענקט פון זיינע פריע קינדהייט־יאָרן. פון סאָניעס פּנים האָט גע־שטראַלט אַ זאָרגלאָזע יוגנט, אין וועלכער שלמהלע האָט זיך געשפּיגלט, און טעמע, די באַלעבאָסטע פון הויז האָט אויסגעזען מער שבתדיק ווי פריער. אויף אַלעם האָט זיך אָנגעזען טעמעס באַלעבאַטישע האַנט: אויף דער זויבערקייט און צוגעראַמטקייט פון דער שטוב, אויפן טישטעך, אויף די לעפל־מעסער־גאָפּל. די מאכלים, דער טשאָלנט, דער קוגל האָבן פאַר־מאָגט אין זיך אַלע טעמים פון דער וועלט.

זיינען זיי געזעסן זאַלבעפערט און הנאה געהאַט פון דער שיינער וועלט, פון שבת, פונעם שבתדיקן מיטיק, וואָס זיי האָבן גאָר געשמאַק געגעסן. רב לייזער האָט געפּרוווט פאַרבינדן אַ שמועס מיט שלמהלען, ער האָט געוואָלט מער זיך פון אים דערוויסן; ווער ער איז? וואָס ברענגט אים אַהער? וואָס האָט ער בדעה דאָ צו טאָן?

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

— גיי סאָניע, און גיב אַ קוק ווער עס קלאַפּט דאָרט — האָט טעמע באַפוילן.

סאָניע איז צו צו דער טיר און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ מאָדנע געשטאַלט.

— מען קאָן אַריינקומען צו אייך? — האָט דער פרעמדער געפרעגט.

— קומט אַריין. פאַרוואָס דען ניט... — האָט אים סאָניע אַריינגע־בעטן.

דער פרעמדער איז אַריין אין שטוב און זיין מאָדנער אויסזען האָט אַרויסגערופן פאַרוווּנדערונג בײַ די שטוביקע. אויפן קאָפּ האָט ער גע־טראָגן אַ הויכן צילינדער־הוט, פון אונטער וועלכן עס זענען אַראָפּגעפאַלן אויף די אַקסלען לאַנגע האָר. זיין ברייטע פעלערינע האָט געהאַט אַ מין גרינבלעך־געלבלעכן קאָליר, אָבער פעסטשטעלן געניי, וואָס פאַר אַ קאָליר די דאָזיקע פעלערינע האָט, איז געווען אומעגלעך. בכלל האָט ער אויס־געזען ווי לעבעדיק אויסגעשניטן פון אַ פאַרצייטיקן פאָרטרעט.

— גוט־שבת — האָט דער פרעמדער אויסגעזונגען מיט אַן אַקטיאָ־רישן ניגון. אַלע זענען געבליבן זיצן פאַרגאַפט, און בלויז רב לייזער האָט אים געענטפערט מיט אַ „גוט־יאָר".

— איך הייס מאַיסעי קאָזלאָוו — האָט דער פרעמדער זיך פאַרגע־

שטעלט — און איך בין אַ דירעקטאָר פון אַ יידישן טעאַטער. מיין טרופּע שפּילט איצטער אין ניקאָלאַיעוו און איך בין געקומען אַהער זיך אַרומ־קוקן וועגן עפּעס אַ טעאַטער־זאַל. אָנגעקומען בין איך מיטן „פּרי־צוג“, נאָר אַזוי ווי איך בין אַ מענטש וואָס האָב פיינט האָטעלן, און האָב דווקא יאָ ליב צו געפינען זיך צווישן אחינו בני ישראל, האָט מען מיר געגעבן אייער אַדרעס און מיר רעקאָמענדירט איך זאָל איינשטיין ביי אייך.

— אָבער איר מוזט וויסן, אַז ביי מיר איז נישט קיין האָטעל — האָט אים ר׳ לייזער געענטפערט — טיילמאָל בלויז מאַכט זיך, אַז איינער אָדער צוויי קומען אָן מיט דער באַן און פאַרבלאָנדזשען אַהערצו...

— נו, אויב אַזוי, בין איך אויך איינער וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט — האָט קאָזלאָוו אויסגעכאַפּט דאָס וואָרט ביי ר׳ לייזערן.

— אַט־אָ דער יונגערמאַן איז אויך היינט אינדערפרי אָנגעקומען מיט דער זעלבער באַן — האָט לייזער אָנגעוויזן אויף שלמהלען.

— מיט דער זעלבער באַן? — האָט דער פרעמדער געפרעגט — קאָן זיין אַז איך האָב אייך נישט באַמערקט צוליב דעם, ווייל איך פאָר געוויינטלעך מיט דעם ערשטן קלאַס.

שלמהלע האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיך דערמאָנט אָנעם דריי־טן־קלאַס־פּאַטש, וואָס ער האָט געכאַפּט.

— איז, הייסט עס, האָט איר פאַר מיר נישט קיין פּלאַץ? — האָט קאָזלאָוו מיט באַדויער געפרעגט — נו, אויב אַזוי, וועלן מיר גיין זוכן ערגעץ אַנדערש...

— ס׳הייסט, אויב איר וועט וועלן איינשטיין אין איין צימער מיט דעם יונגנמאַן — פאַרוואָס נישט? — האָט זיך שוין טעמע אַריינגעמישט — איר פאַרשטייט, מיר האָבן נאָר איין צימער מיט צוויי בעטן — האָט זי צוגעגעבן.

— ס׳מאַכט נישט אויס — האָט קאָזלאָוו זיך דערפרייט — איך האָב ליב געזעלשאַפט. וואונדערלעך! וואונדערלעך! — האָט ער געהאַלטן אין איין חזרן — איך בלייב דאָ וווינען טאַקע...

— וועט איר אפשר עפּעס עסן מיט אונדז צוזאַמען? מיר האָבן אפילו זיך נישט געריכט אויף קיין געסט, אָבער הונגעריק וועט איר פון טיש נישט אַוועקגיין.

— דאָס איז דאָך פּראַכטפול — האָט קאָזלאָוו דעקלאַמירט ווי אויף דער בינע — איר פאַרשטייט, מיינע דאַמען און הערן, אַן אַרטיסט דאַרף זיך אומעטום צופּאַסן צו די אומשטענדן...

טעמע האָט אים גלייך צוגעטראָגן אַ פּאָרציע טשאָלנט און ר׳ לייזער האָט אים אָנגעגאָסן אַ גלעזעלע בראָנפן:

— נעמט צו ביסלעך, וועט איר באַקומען אַפּעטיט.

— אַפּעטיט איז, גאָט זיי דאַנק, שטענדיק ביי מיר פאַראַן. אפשר נאָך מער ווי מען באַדאַרף... נו, לחיים! — און ער האָט האַסטיק אַריינ־געוואָרפן דעם טרונק אין גאָרגל אַריין.

ערשט איצטער האָבן אַלע זיך גענומען צו פאַרענדיקן דאָס עסן. דער שמועס ביים טיש איז געוואָרן זייער אַ לעבהאַפטער. קאָזלאָוו האָט אַ סך געשלונגען און נאָך מער גערעדט. ער האָט גאָרנישט אויפגעהערט רעדן. ער האָט גערעדט נאָר פון טעאַטער און לחלוטין זיך נישט איבער־גענומען צי די אַרומיקע פאַרשטייען אים אָדער נישט. אַלעמאָל איז ער אַרוים מיט אַ נייעם פּזמון. ער האָט זיי דערציילט וועגן אויפירונגען און דעקאָראַציעס, וועגן בינע־עפעקטן, ראָלן, קאָסטיומען. די שטוב־מענטשן האָבן נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַ וואָרט פון דעם אַלעם און גע־קוקט אויף אים ווי אַ האָן אין „בני־אדם”.

ענדלעך האָט אים ר׳ לייזער איבערגעשלאָגן די רייד. ער האָט גע־וואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט, וואָס נאָך צוויי מענער געפינען זיך ביים טיש און ער האָט זיי איינגעלאַדן צו בענטשן במזומן.

4. — שלמהלע זוכט אַרבעט

שלמהלע האָט פאַרברענגט דעם ערשטן שבתדיקן טאָג אין דער פרעמד אויף אַזאַ אופן, אַז קיין בעסערס האָט ער זיך אפילו ווינטשן נישט געקאָנט. די היימישקייט פון דער שטוב, די האַרציקייט פון די מענטשן, די גאַנצע סביבה האָבן אים געמאַכט פאַרגעסן אַז ער געפינט זיך ווייט פון זיין היים, און יעדעס מאָל ווען זיין בליק איז געפאַלן אויפן זיסן מיידל, אויף סאָניטשקען, האָט אים אַרומגענומען אַ שיכרות, פון וועלכער זיין קאָפּ איז פאַרוויגט געוואָרן מיט יינגלשע טרוימען.

עס איז אָבער דאָך געקומען דער אומפאַרמיידלעכער אינדערוואָכן און אים דערמאָנט אַז ער מוז אויך אַ טראַכט טאָן וועגן פאַרדינען אויף צו לעבן. ר׳ לייזער און זיין ווייב, די גוטהאַרציקע טעמע האָבן אים, חלילה, גאָרנישט געגעבן אָנצוהערן, אַרויסגעוויזן אים פריינטשאַפט און נישט געלאָזט אים פילן אַפילו אַז ער פאַלט זיי צו לאַסט. אָבער ער אַליין האָט פאַרשטאַנען, אַז ער קאָן נישט פאַרלאַנגען אַזעלכעס פון ווילד־פרעמדע מענטשן, און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט זוכן אַרבעט.

ער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אַ הילפלאָזער איבער דער אומענד־לעך גרויסער און אומבאַקאַנטער שטאָט, געפרעגט זיך, גענישטערט, גע־פרוווט אויף פאַרשידענע ערטער, אָבער אָן דערפאָלג. אַ מידער און טרויע־ריקער איז ער אַהיימגעקומען אין אָוונט און אַוועקגעפאַלן אויף זיין בעטל. ער האָט געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן, אָבער טראָץ דער מידקייט האָט ער נישט געקאָנט איינשלאָפן. ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער געלעגן מיט אָפענע אויג און געהאַלטן אין איין קלערן. אין דער היים, אין ווערבאָווע, איז ער געווען אויף דער לער ביי אַ שניידער און שוין כמעט געקאָנט צונויפשטעלן אַ פּאָר הויזן. ווען סע מאַכט זיך אַ פּאַסטן — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — וואָלט ער זיך אָנגעגעבן פאַר אַ הויזן־נייער.

אויף צו מאָרגנס איז ער ווידער אַרום זוכן אַרבעט, און ווידער האָט ער גאָרנישט נישט געפונען. ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ר׳ לייזער,

וועלכער האָט זיך משער געוועזן וועגן וואָס זיין יונגער גאַסט זאָרגט זיך, פאַרפּירט מיט אים אַ שמועס, און זיי זענען אַרויף אויפן ריכטיקן וועג.

שלמהלע האָט אים דערציילט:

— איך גיי אַרום זוכן אַרבעט אַלס הויזן-נייער.

— אויב דו קאָנסט נאָר אַרבעטן — האָט ר׳ לייזער געזאָגט — וועל איך דיר שוין אַן אָרט געפינען.

— וואָס רעדט איר, ר׳ לייזער — האָט שלמהלע אויפגעשטראַלט מיט האָפענונג און אַזש פאַרויטלט זיך פאַר גרויס פרייד — אויב איר וועט מיר פאַרשאַפן אַרבעט וועל איך אייך זיין זייער דאַנקבאַר און איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איך וויל אַרבעטן, איך מוז דאָך פאַרדינען אויף מיינע הצטרכותן.

***

אויף צו מאָרגנס האָט ר׳ לייזער באַלד אינדערפרי אַוועקגעפירט שלמהלען צו זיינעם אַ קרוב. און דאָרט איז ער שוין געבליבן אַרבעטן.

ווען ער האָט אָפּגעאַרבעט די ערשטע וואָך און באַקומען אויף דער האַנט זיין ערשט געהאַלט, איז ער אַ פריידיקער אַוועקגעלאָפן אַהיים און צו אַלעם ערשטן האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי טעמען:

— וויפל קומט אייך ביי מיר?

— וואָס איז דאָס איילעניש? — האָט טעמע אים געענטפערט מיט אַ נחתדיקן שמייכל — אפשר דאַרפסטו דערוויל פאַר זיך דאָס געלט?

— ניין — האָט שלמהלע געענטפערט מיט אַנטשלאָסנקייט — צו־ערשט וויל איך אייך באַצאָלן — און ער האָט אַוועקגעלייגט זיין גאַנץ פאַרדינסט אויפן טיש.

שלמהלע האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט גרויס פלייסיקייט. גאָר שנעל האָט ער דערוואָרבן וואָס אַמאָל מער דערפאַרונג, און ער איז געוואָרן אין אַ קורצער צייט אַ גוטער בעל־מלאכה. זיין באַלעבאָס האָט אים זייער ליב באַקומען און אַליין געהעכערט זיין לוין. אויך זיינע חברים, די אַרבעטער אין וואַרשטאַט, האָבן אים ליב באַקומען. ער האָט זיך ביי זיי באַליבט געמאַכט נישט נאָר מיט זיין חברשער האַלטונג נאָר אויך מיט זיין שיינער שטימע, און ווען שלמהלע פלעגט נעמען זינגען ביי דער אַרבעט האָבן אַלע אָנגעקוועלט פאַר נחת.

ער האָט אָנגעהויבן גוט צו פאַרדינען און דאָס ערשטע האָט ער פאַרווירקלעכט זיין טרוים: אויסצוזען ווי אַ גרויסשטאָטישער. ער האָט זיך לייטיש אויסגעקליידט און סאָניטשקע, וועלכע איז איצטער שוין גע־

ווען פאַרליבט אין אים איבער די אויערן, פלעגט אים טיילמאָל אַ זאָג טאָן, ווען זיי האָבן צוזאַמען זיך אויסגעקליבן שפּאַצירן:

— ווייסטו, וואָס עס פעלט מיר איין, שלמהלע? מיר דוכט זיך אַז איצטער זע א י ך שוין אוים נעבן דיר ווי אַ קליינשטעטלדיקע.

אויך שלמהלע האָט געפילט אַז ער איז וואָסאָמאָל מער פאַרליבט אינעם מיידל, אָבער ער איז געווען צוריקגעהאַלטן. דערקלערן זיך סאָניטשקען אין ליבע — מיינט שוין אַ טראַכט טאָן וועגן אַ תכלית, און דאָס מיינט אויך אויפגעבן זיין חלום צו ווערן אַן אַקטיאָר, באַזונדערס האָט ער נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער זאָל שוין פאַרבלייבן אַ הויזן-נייער.

סאָניעס עלטערן האָבן אויך ליב געהאַט דאָס יינגל, וואָס איז צופעליק אַריינגעקומען אין זייער שטוב. זיי האָבן געקוקט אויף שלמהלען און אויף סאָניטשקען און יעדער פון זיי האָט געטראַכט וועגן דעם זעלבן. איין מאָל אַפילו האָבן זיי צווישן זיך אַפילו איבערגערעדט וועגן אָט דעם ענין. „הלוואי שיקט אונדז גאָט צו נישט קיין ערגערן איידעם" — האָט טעמע מוטערלעך אַ שטילן זיפץ געטאָן, און ר׳ לייזער האָט באַשלאָסן זיך דורכצושמועסן מיטן בחורל.

איינמאָל, אין אַן ערב שבת, האָט ר׳ לייזער, פוצנדיק די קאַפּאָטע זיינע, אַ זאָג געטאָן צו שלמהלען:

— אפשר וואָלסטו מיט מיר מיטגעגאַנגען אין שול אַריין? האָסט נאָך מסתמא קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ באַרימטן חזן, ווי ר׳ משה-בער מיט זיינע משוררים.

— אויב סאָניע וועט מיך באַפרייען פון היינטיקן שפּאַציר — האָט שלמהלע געענטפערט. ביי שלמהלען און סאָניטשקען איז עס שוין געווארן אַ מין טראַדיציע אַזאַ, צו גיין אַלע שבת אין שטאָטישן גאָרטן.

— סאָניע! — האָט שלמהלע אַריינגעשריגן צו סאָניטשקען אין איר צימערל — ר׳ לייזער וויל מיך מיטנעמען אין שול אַריין.

— איר קאָנט גיין געזונטערהייט — האָט סאָניע צוריקגעשריגן פון איר צימער. זיי זענען שוין געווען צווישן זיך אויף „דו", אָבער פאַר טאַטע-מאַמע האָבן זיי זיך געאירצט.

— איר וועט נישט ברוגז זיין אויף מיר? — האָט שלמהלע געפרעגט.

— וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך ברוגז צו זיין? איך וועל גיין אין גאָרטן מיט מיין חברטע ציליע.

— **אויב אַזוי איז גוט. ר׳ לייזער! וואַרט צו אַ פּאָר מינוט און איך גיי מיט אייך.**

ר׳ לייזער האָט זיך צוגעהערט צו אָט דעם צעשריגענעם דיאַלאָג און נחתדיק געשמייכלט.

שלמהלע האָט זיך אויסגעפּוצט ווי אַ גראַף. ער האָט גראָד באַנייט אַ שפּאָגל־נייעם אנצוג, און עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט אַז סאָניטשקע זאָל אים אָנקוקן. אַ פריידיקער האָט ער ווידער אַריינגעשריגן צו איר:

— איר ווילט אפשר זען מיין נייעם אנצוג?

— יאָ, יאָ! איך קום גלייך אַריין.

זי איז טאַקע באַלד אַריינגעקומען מיט אַן אַרויפגעוואָרפענעם שלאָפראָק און גענומען באַטראַכטן שלמהלען פון אַלע זייטן.

— אַי, ווי שיין! — האָט זי אַ פּאַטש געטאָן קינדיש מיט די הענט און אירע אויגן האָבן געשיינט. ווען זיי שעמט זיך נישט פאַר טאַטע־מאַמע, וואָלט זי איצטער אים אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און געקושט, לאַנג, לאַנג געקושט... זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטן דאָס נישט צו טאָן. אַ ציטערנדיקע פאַר ליבע און פרייד האָט זיך זיך דערנענטערט צו אים, געגלעט דעם ניי־פּאַרפרעסטן שטאָף און אַראָפּגענומען אַ שפּרענקעלע פון זיין אַקסל. דערנאָך האָט זי זיך ווידער אָפּגערוקט און געקוקט אויף אים און געקושט אים מיט יעדן בליק פון אירע פאַרליבטע, יונג־מיידלשע אויגן.

5. — שלמהלע הערט דאָס ערשטע מאָל אַ חזן מיט משוררים

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן קומט אוים שלמהלען צו הערן אַזאַ באַרימטן חזן מיט משוררים. דאָס געזאַנג זייערס האָט אים געמאַכט פאַרגעסן ווו ער געפינט זיך. ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צום באַלעמער און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זיך איינגעהערט אין יעדן טאָן, נישט דורכגעלאָזט דאָס מינדסטע וואָרט. מיט אַ בליק פול מיט פאַרגעטערונג האָט ער אַרומגענומען די משוררים, אַלע אָן אויסנאָם, פונעם גרעסטן ביזן קלענסטן, און ווען ר׳ משה-בער דער חזן איז אַריין אין עקסטאַז און מיט אַ דינאַמישן טאָן געגומען זאָגן „הבחר בשירי זימרה" האָבן זיך שלמהלען געשטעלט טרערן אין די אויגן.

ביים אויסנעמען האָבן זיך די משוררים פאַרזאַמלט אין אַ זייטיק שטיבל, וואָס איז, ווייזט אוים, ספּעציעל צו דעם צוועק געמאַכט געוואָרן. שלמהלע האָט זיך אומבאַמערקט אויך אַריינגעשאַרט אַהינצו בכדי צו קענען באַטראַכטן איעדן איינעם פון די משוררים פון דער נאָענט. אַ פאַרגאַפטער האָט ער געקוקט אויף די שוואַרצע „ראָסן" אין וועלכע זיי זענען געווען אָנגעטאָן, אויף די טליתימלעך, אויף די מאָדנע יאַרמלקעלעך וואָס אויף זייערע קעפּ. אין אַ ווײַלע אַרום איז דער יונגער חזן אויך אַריינגעקומען אַהינצו און שלמהלע האָט זיך איינגעהערט אינעם פּאַכמעניש-חזנישן שמועס וואָס אַלע האָבן פאַרפירט.

— איך בין היינט ניט איבעריק צופרידן פון מיר אַליין — האָט משה-בער זיך פאַרקלאָגט פאַר זיינע משוררים — איך אַליין האָבן געפילט אַז איך האָב אַרויפגעצויגן אַ האַלבן טאָן.

— דאָס איז אַ זאַך וואָס טרעפט גאָר אָפט — האָט איינער פון די גענײטע משוררים געגומען טרייסטן משה-בערן — עס איז ניטאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען. דאָס איז שוין אַ פּראָצעס אַזאַ: ווען אַ זינגער דערוואַרעמט זיך — מוז ער אַרויפציען. שלעכט איז, אַז איינער פאַלט אַראָפּ אויף אַ האַלבן טאָן נידעריקער; דעמאָלט רייסט עס אָפּ דעם אויער.

— אַ הייסער זינגער מוז אַרויפציען — האָט אַ באַס-שטימע זיך

אַנגערופן. דער זעלבער משורר האָט געגעבן משה-בערן אַ חברלעכן קלאַפּ איבער דער פּלייצע.

עס איז אַוועק אַ וויכוח צווישן דער חברה משוררים וועגן דעם ענין אַרויפציען, און יעדער איינער האָט, ווי דער שטייגער איז, זיך געהאַט זיין אייגענע מיינונג, אָבער אַלע זענען געווען אייניק אין זייער אָנטציקונג פאַר זייער יונגן חזן. אַלע האָבן אים פריינטלעך און חברלעך אַרומגערינגלט און פאַרבראַכט מיט אים האַרציק ווי מיט זייערס גלייכן. משה-בער דער חזן האָט געשיינט פאַר צופרידנקייט. ער איז זיך פּשוט צעגאַנגען פון נחת און ליבשאַפט צו זיינע זינגער.

שלמהלע איז געשטאַנען אָן אַ זייט, צוגעקוקט זיך צו אַט דער סצענע און ממש געשלונגען אַ יעדעס וואָרט פון אָט דעם שמועס. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן הערט ער אַזעלכענע ווערטער, נישט אַלץ פאַרשטייט ער, אָבער ער הערט זיך איין מיט יראת-הכבוד און אַכטונג — אַ קלייניקייט, מען שמועסט דאָך עפּעס וועגן געזאַנג. עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט וואָס שנעלער נאָכאַמאָל דערהערן זייער זינגען און ער האָט זיך קוים דערוואַרט אַז משה-בער מיט זיינע משוררים זאָלן שוין ווידער צוגיין צום עמוד און אָנהויבן דעם מוסף.

משה-בערס שטימע, באַגלייט פונעם כאָר פון זיינע מיטהעלפער האָט זיך געגאָסן ווי בוימאייל איבערן חלל פון דער גרויסער שול. דעם „אב הרחמים" האָט ער געזאָגט מיט האַרץ און מיט אַ דערפאַרונג פון אַן אַלטן בעל-תפילה. מען האָט געפילט ממש ווי ער גיסט אויס דאָס האַרץ פאַרן רבונו-של-עולם. אין זיין שטים האָט געקלונגען נישט נאָר מיט געבעט און מיט תחנונים נאָר עס האָט זיך אויך געהערט דער דורותדיקער פראַטעסט און וויי-געשריי פאַר די ימים פון יידישן בלוט וואָס גיסט זיך זייט טויזנטער יאָרן, דעם בלוט פון קידוש-השם. שלמהלע האָט נישט פאַרשטאַנען די ווערטער אָבער אינסטינקטיוו האָט ער אַלץ באַנומען און זיין האַרץ איז זיך ממש צעגאַנגען פון דער מתיקות, מיט וועלכער רב משה-בערס דאַווענען איז געווען דורכגעדרונגען.

אַ פאַרטראַכטער האָט ער שפּעטער געשפּאַנט צוזאַמען מיט רב לייזערן אַהיים און אַלץ נאָך געווען אונטערן איינדרוק פונעם גרויסן גייסטיקן געניס, וואָס משה-בער האָט אים פאַרשאַפט.

ווען אַלע זענען שוין געזעסן באַם טיש האָט זיך די טיר האַסטיק אָן עפן געטאָן און סאָניע איז אַריינגעלאָפן אין שטוב מיט אַ צעזונגענעם „גוט-שבת". צוערשט איז זי צוגעלאָפן צו דער מוטער און איר געגעבן אַ הילכיקן קוש. שפּעטער האָט זי זיך דערנענטערט צום פאָטער, אים אַרומגענומען און אָנגעהויבן זיך פּיעשטשען פאַר אים. דערמיט האָט זי גע-

מיינט אויסצומיידן אַז מען זאָל זיך אויף איר נישט בייזערן צוליב איר פאַרשפּעטיקונג.

ווי תמיד האָט זי זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש אַנטקעגנאיבער שלמה־לען און מיט אַ געמאַכטן ערנסט אים אַ פרעג געטאָן:

— איז וואָסזשע מאַכט עפּעס אונדזער רב שלמה? — האָט זי זיך הילכיק צעלאַכט פון איר אייגענעם וויץ, באַווייזנדיק אַלעמען אירע צוויי ווייסע שנירלעך ציין, און געגומען זיך מיט גרויס אַפּעטיט צום עסן.

צו קיין איבערייד וועגן סאַניטשקעס פאַרשפּעטיקן זיך צום עסן איז אַזוי אַרום שוין נישט געקומען. אויף אַלעמענס ליפּן האָט אַרומגעשוועבט אַ ליבלעכער שמייכל און אַלע טעמים פון דער וועלט האָבן זיך איצט גע־פונען אויף זייער באַשיידענעם שבתדיקן טיש. טאַטע־מאַמע האָבן גע־שעפּט נחת פון זייער אויסגעוואַקסענער גערעטענער טאָכטער. בלויז שלמהלע איז געווען ערנסט. ער האָט געקוקט אויף סאַניטשקען און גע־פילט אַז עפּעס האָט זיך אין אים צעוואַקסן אַזעלכעס, וואָס ער האָט נאָך ביז איצטער נישט געפילט...

— איך האָב נייעס — האָט סאַניטשקע זיך פּלוצלינג אָנגערופן מיט אַ מויל וואָס איז פול געווען מיט עסן.

— וואָס פאַר אַ נייעס? — האָט רב לייזער געפרעגט.

— די צווייטע וואָך קומט צו פאָרן אַ יידיש טעאַטער. פּישזאָנס טרו־פּע. פאַראַן שוין אָנאָנסן אין די צייטונגען.

— אַזוי גאָר? — האָט רב לייזער זיך געוווּנדערט — און וואָס איז געשען מיט אונדזער קאַזלאָוון.

— ער איז נאָך נעכטן אַוועקגעפאָרן, — האָט טעמע געזאָגט — ער האָט דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע.

שלמהלע האָט זיך צוגעהערט צו דער נייעס מיט פרייד.

— מיר וועלן, הייסט עס, גיין אין יידישן טעאַטער — האָט ער זיך צעשמייכלט.

— געוויס וועלן מיר גיין — האָט סאַניטשקע אים פאַרזיכערט — אַלע וועלן מיר גיין, דער טאַטע מיט דער מאַמען.

— פונוואַנען ביסטו עס אַזוי זיכער, אַז מיר וועלן גיין? — האָט רב לייזער געפרעגט.

— פאַרוואָס דען נישט? — האָט סאַניע געפרעגט. איר שטימע האָט געקלונגען מיט יוגנטלעכער פרישקייט און זעלבסטזיכערקייט מיט וועל־כער זי האָט אָנגעשטעקט אירע עלטערן אפילו, און געמאַכט פאַרגעסן שלמהלען אַז ער געפינט זיך ווייט פון זיין היים, אָפּגעריסן פון זיינע איי־**גענע.**

— מיר וועלן קויפן אַ לאָזשע — האָט סאָניטשקע באַשלאָסן — און מיר וועלן גיין אַלע פיר. אָיאָ, רב שלמה?

שלמהלע האָט געוואָלט ענטפערן, אָבער רב לייזער האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד:

— פאַראַכטאָגן שבת האָבן מיר געהאַט אַ מזומן, און היינט...

ער האָט מיט אַ גלאָז וואַסער פייכט געמאַכט זיינע פינגער איבער אַ טעלער, און מיט אַ פאַרבענקטער שטימע אָנגעהויבן זאָגן: „הזן את העולם". שלמהלע האָט זיך פאַרשעמט פאַר רב לייזערן און אויך אָנגעהויבן שטילערהייט צו זאָגן. אויף סאָניעס ליפן האָט נאָך אַלץ אַרומגעפויזעט אַ שטיפערישער שמייכל און אירע פאַרויטלטע באַקן האָבן אויסגעזען ווי פרישע עפּל. זי האָט איבערגעפירט איר בליק אויף רב לייזערן און דערזעענדיק זיין ערנסטן פּנים האָט זי זיך ווי אַ קינד פאַרשעמט פאַר איר שטיפערישקייט און מיט דרך־ארץ זיך גענומען איינהערן אין זיין בענטשן.

6. — סאָניע מיט שלמהלען גייען אין יידישן טעאַטער

אזוי איז זיך די צייט ווייטער רואיק געפלאָסן. שלמהלע האָט פלייסיק געאַרבעט און גוט פאַרדינט. אין דער פרייער צייט האָט ער פאַרבראַכט מיט סאָניען. זיי זענען געגאַנגען שפּאַצירן, געשמועסט צווישן זיך געדעדט וועגן אַלעם אין דער וועלט, געזונגען טעאַטער־לידלעך, אָבער צו ריידן וועגן אַ תכלית האָבן זיי נאָך דערוויל נישט געוואַגט.

דערפאַר האָבן זייערע אויגן גערעדט, און נישט נאָר די אויגן. סאָניטשקע פלעגט טיילמאָל בשעת אַ שפּאַציר אַוועקלייגן איר קאָפּ מיט די זיידענע האָר אויף שלמהלעס אַקסלען, און איינמאָל, ווען זיי זענען געבליבן אַליין האָט זי אים פּלוצלינג אַרומגענומען, טיף אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און צוגעפּאַלן מיט אַ הייסן קוש צו זיינע ליפּן. שלמהלע האָט נישט געוואַגט אָפּצוענטפערן מיט אַ קוש אָבער ער האָט דערפילט ווי איר נאָענטקייט צינדט אָן אין אים אַ מאָדנע פייער, ער האָט דערפילט ווי עס דערוואַכט זיין דערוואַקסנקייט.

סאָניטשקע האָט זיך דעמאָלס געפּרוווט פאַרענטפערן פאַרן אויסברוך פון אירע געפילן:

— איך האָב דאָס געטאָן — האָט זי געזאָגט — פאַר שוועסטערלעכער ליבע. דו ביסט מיר ווי אַן אייגן ברודערל. קיין ברידער האָב איך נישט, נו, וועסטו זיין מיין ברודערל און מיין ליבע צו דיר איז אַ ריין שוועסטערלעכע...

***

ענדלעך האָבן זיי זיך דערוואַרט אויפן יידישן טעאַטער. די אַראָפּגעקומענע פישזאָן־טרופּע האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אינעם זאַל פון „אָבשטשעסטווענני קלוב”. וועגן קיין אַנדערער זאַך האָט מען שוין איצטער אפילו נישט גערעדט. סאָניען האָט עס געקאָסט אַ סך מי ביז וואַנען זי האָט געפּועלט בײַ אירע עלטערן אַז זיי זאָלן גיין צוזאַמען מיט איר און מיט שלמהלען אין טעאַטער, אָבער ווי שטענדיק האָט זי אויסגעפירט אירס.

געשפּילט האָט מען „מישקע־מאַשקע” אָדער „יעווראָפּעיצי איוו אַמע-

ריקיע". דאָס עלטערע פּאָרפּאָלק האָט אָנגעקוואָלן פאַר פאַרגעניגן. זיי האָבן אַלע פיר געלאַכט ביז טרערן. זיי האָבן זיך גאָרניט געגלויבט אַז מאַשקען האָט געשפּילט אַ מאַנסביל — טאַקע דער דירעקטאָר פּישזאָן בכבודו־ובעצמו. ס'איז אים לחלוטין נישט געווען צו דערקענען. ערשט ווען סאָניע האָט איבערגעלייענט דעם פּראָגראַם, האָט זי זיך ערשט איבערצייגט, אַז דאָס האָט טאַקע געשפּילט „גאַספּאַדין" פּישזאָן. אַ לאַנגע צייט נאָך דעם האָבן זיי נאָכצודערציילן די וויצן און די קאָמישע סיטואַציעס פון דער פאָרשטעלונג.

צו דער צווייטער פאָרשטעלונג זענען שוין געגאַנגען סאָניע מיט שלמהלען אַליין, אָן די עלטערן. די טרופּע האָט געשטעלט אברהם גאָלדפאַדנס היסטאָרישע אָפּערעטע „בר־כוכבא". דאָ האָבן שוין סיי סאָניע און סיי שלמהלע געהאַט מער אינטערעס. די טיטל־ראָל האָט געשפּילט דער באַרימטער זינגער ריבאַלסקי, און די ראָל פון דינהן האָט געשפּילט ווערא זאַסלאַווסקאַיאַ. שלמהלע מיט סאָניען האָבן געהאַט אָן אמתן נחת־רוח סיי פון דער רייך־אויסגעשטאַטעטער בינע, סיי פון די היסטאָרישע קאָסטיומען און סיי פון גרויסן כאָר, ווי אויך פון דער אָרקעסטער, וועלכע איז געווען אָנגעפירט פון באַרימטן דיריזשאָר שלאָסבערג. זיי האָבן ביידע אַפּלאָדירט אַזוי שטאַרק, אַז די הענט האָבן זיי נאָכדעם ווי געטאָן.

גייענדיק פון טעאַטער אַהיים, האָבן זיי געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דער פאָרשטעלונג. זיי האָבן אפילו נאָכגעזונגען עטלעכע לידער, וואָס זענען זיי געווען באַקאַנט נאָך פון פריער, ווי למשל: „וויינט און קלאָגט איר ציונס טעכטער" און אַנדערע. און דעמאָלט טאַקע האָט שלמהלע באַשלאָסן אָנצופאַרטרויען סאָניטשקען זיין גרויסן סאָד: ער האָט איר דערציילט וועגן זיין טרוים צו ווערן אַן אַקטיאָר.

סאָניע האָט אים אויסגעהערט אויפמערקזאַם און — אַ מאָדנע זאַך — זי האָט עס אויפגענומען אַזוי ווי זי וואָלט שוין געוווסט וועגן דעם. אַ לענגערע ווײַלע האָט זי געשוויגן און דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— מיר חלומען ביידע וועגן דעם זעלבן: איך טרוים אויך צו ווערן אַן אַקטריסע. איי, ווי שיין דאָס וואָלט געווען — שפּילן טעאַטער, מיטרייסן דעם עולם, אויספאָרן אַ וועלט, זען נייע שטעט, נייע לענדער...

זי האָט זיך פאַרקוקט ערגעץ ווייט און מיט אַ טיפער שטים, וואָס איז ווי געקומען פון סאַמע האַרץ אַרויס האָט זי גערעדט ווייטער:

— ...יאָ, אָבער וואָס קאָן איך טאָן? וואָס וועלן זאָגן דערויף מיינע טאַטע־מאַמע? איך בין דאָך באַ זיי אַן איין־און־איינציקע...

די דאָזיקע לעצטע ווערטער האָבן שלמהלען אַ ברי געטאָן ווי אַ פּייער.

— דו ביסט פיל, פיל בעסער פון מיר — האָט ער שטיל געזאָגט און שטיין געבליבן אַ פאַרשולדיקטער — איך האָב נאָר אינזינען געהאַט מיין טרוים, אַוועק פון דער היים נישט-געזעגנטערהייט. נישט געזאָגט אַפילו קיין „גוטן-טאָג" נישט מיין מאַמען, נישט מיינע שוועסטער און ברידער.

— דו האָסט זיך נישט געזעגנט מיט דיין מאַמען? — האָט סאָניע געפרעגט ווי זי וואָלט דאָס גאָר גלויבן אויף אים נישט געקאָנט — ווי אַזוי האָסטו עס געקאָנט טאָן אַזאַ זאַך?

— און דאָך איז עס אַזוי געשען, סאָניע, און הער סאָנימשקע, איך האָב דאָך אַזאַ גוטע מאַמע, אַזאַ געטרייע...

אינעם קנאַפּן שיין פון לאַמטערן האָט סאָניע באַמערקט אַז פון שלמהלעס אויגן קאַפּען אַראָפּ אויף די באַקן גרויסע, גלאַנציקע טרערן. פאַרטראַכטע און אומעטיקע האָבן זיי ווייטער געשפּאַנט מיט דער גאַס וואָס איז שוין אין דער שפּעטער שעה געווען ליידיק פון מענטשן. זיי האָבן אפילו נישט באַמערקט אַז זיי געפינען זיך שוין לעבן דער טיר פון זייער הויז.

— נו, שלמהלע, באַרואיק זיך — האָט זי אים געפּרוווט טרייסטן — אַ גוטע נאַכט! — און זי האָט אַרומגענומען זיין האַלדז און אים אַ קוש געטאָן — דאָך ביסטו אַ גוט-יינגל — האָט זי צוגעגעבן.

שלמהלע האָט איר דאָס מאָל אָפּגעענטפערט מיט אַ קוש. ביידנס ליפּן האָבן געגליט ווי פייער.

7. — שלמהלע באַשליסט צו ווערן אַ שױשפּילער

דער געדאַנק וועגן ווערן אַ שױשפּילער האָט שלמהלען שוין נישט געלאָזט רוען. ער האָט וועגן דעם געטראַכט גאַנצענע טעג און זיצנדיק באַ דער אַרבעט פּלעגט ער פאַרגעסן אַז ער נייט הויזן, נאָר עס האָט זיך אים געטרוימט די בינע, ראָלן, אויפטריטן, רייזעס מיט דער טרופּע איבער ווייטע, פרעמדע שטעט. סוף־כּל־סוף האָט ער איינמאָל באַשלאָסן צו דערפרעגן זיך צום דירעקטאָר פון דער יידישער טרופּע. ער וויל וויסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין — צי איז זיין חלום וועגן ווערן אַן אַקטיאָר נישט קיין פּוסטער, ער וויל הערן אַ פאַכמענישע מיינונג וועגן זיך, וועגן זיינע פעאיקייטן.

ער האָט זיך אַ שטיקעלע צייט אַרומגעטראָגן מיט אַט דעם באַשלוס, ביז וואַנען אין איינעם אַ פרימאָרגן, איז ער אַנשטאָט צו דער אַרבעט אַוועק צום האָטעל, וווּ עס זענען איינגעשטאַנען די דירעקטאָרן פון דער טרופּע — פּישזאָן און ספּיוואַקאָווסקי.

אויפגענומען האָט אים ספּיוואַקאָווסקי, אַ מאַן אַ הויכער און נישט קיין מיאוסער. זיין ריינע אויסשפּראַך אין רוסיש, זיינע אַריסטאָקראַטישע מאַנירן, זיין אויסערלעכער אויסזען האָבן געוועקט אין יעדן אַ געפיל פון אַכטונג, אַן איינדרוק אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ פּערזענלעכקייט.

שלמהלע האָט ניט געוווּסט פון וואָס אָנצוהויבן, און ווען ספּיוואַקאָווסקי האָט אים נאָך אַ פרעג געטאָן: „טשטאָ וואַם אוגאָדנאָ?״ (וואָס פאַרלאַנגט איר) — האָט ער זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. ענטפערן אויף רוסיש האָט ער מורא געהאַט, טאָמער פאַרפּלאָנטערט זיך באַ אים די צונג, האָט ער דעריבער געשוויגן אַ ווײַלע און נאָך אַ קליינער פויזע באַהערשט זיך און אַ פרעג געטאָן:

— איר וועט מיר אפשר דערלויבן רעדן יידיש?

— פאַרוואָס ניט. מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. אַלזאָ וואָס פאַרלאַנגט איר?

— איך בין געקומען אייך פרעגן אַ מיינונג וועגן מיר — האָט שלמהלע דערקלערט — איך האָב אַ פאַרלאַנג צו ווערן אַ יידישער אַקטיאָר. איך האָב אַ שטימע צום זינגען און איך וואָלט אייך בעטן איר זאָלט מיך אויסהערן.

— זינגט עפּעס פאַר אויב איר קאָנט.

— קיין גרויסע זאַכן קאָן איך נישט — האָט שלמהלע אַביסל דערשראָקן געזאָגט — איך קאָן דאָס ליד פון קצב ביי דער „כישוף-מאַכערן".

— זינגט! זינגט וואָס איר קאָנט — שעמט אייך נישט.

שלמהלע האָט זיך אַליין צוגעגעבן מוט, אָוועקגעשטעלט זיך אַנטקעגן ספּיוואַקאָווסקין אין אַ פּאָזע וואָס האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זיין העכסט טעאַטראַליש און גענומען זינגען דאָס „קצב-ליד". ווען ער האָט געענדיקט האָט ער אָנגעהויבן קוקן אויף ספּיוואַקאָווסקין וואַרטנדיק וואָס פאַר אַן אורטייל ער וועט אַרויסטראָגן.

— יונגערמאַן! — האָט ספּיוואַקאָווסקי געזאָגט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל — איר האָט אַ שיינע שטימע, און — האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ פּויזע — איר זענט נישט קיין מיאוסער בחור, און דאָס איז זייער וויכטיק פאַר דער פּראָפעסיע.

— וואָסזשע איז אייער מיינונג הער דירעקטאָר?

— מיין מיינונג איז פאָלגנדיקע: איר קאָנט דערווייל אַריין אין דער טרופּע אַלס כאָריסט. איר מוזט אַ שטיקל צייט אָפּגעבן אויף צוגעוווינען זיך צו דער בינע, און אַז מ'וועט אין אייך דערזען פעאיקייטן וועט מען אייך אָנפאַרטרויען קליינע ראָלן. דערווייל וועט איר באַקומען אַ באַשיידענעם געהאַלט, פאַרשטענדלעך מיט רייזע- און האָטעל-קאָסטן.

ספּיוואַקאָווסקי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, און דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אָן עפּעס:

— וואַרט אַ ווײַלע — האָט ער געזאָגט — איך וועל אייך פאָרשטעלן פאַר מיין שותף.

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טרייבל פונעם טעלעפאָן און געבעטן רופן פישזאָנען.

— הער, פישזאָן — האָט ער געשריגן אין טעלעפאָן אַריין — ביסט שוין אויפגעשטאַנען? הער זיך איין, בא מיר זיצט דאָ אַ יונגערמאַן מיט אַ שיינער שטימע, ער וויל אַריין צו אונדז אין טרופּע. ווילסט אים זען? יאָ? טאָ קום אַריין אויף אַ ווײַלע.

— ער קומט גלייך אַריין — האָט ער אָוועקלייגנדיק דאָס טרייבל זיך געווענדעט צו שלמהלען.

שלמהלע האָט זיך דערפילט מער חשוב בא זיך, ווען ער האָט דער-

הערט די מיינונג פון ספּיוואַקאָווסקין, אָבער באַזונדערס האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן וואָס צוליב אים איז ספּיוואַקאָווסקי מטריח אַהער צו זיין שותף.

נאָך אַ ווײַלע איז אַרײַנגעקומען אין צימער פּישזאָן. ער איז געווען דער היפּוך פון ספּיוואַקאָווסקין. ער איז אַרײַן אין צימער אָן אַ „גוט־מאָרגן" און זיין פּראָסטער אופן פון באַנעמען זיך האָט אַביסל אָפּגע־שטויסן שלמהלען. ער האָט אָנגעהויבן מעסטן שלמהלען מיט זיינע פאַר־לאָפּענע אויגן פון אויבן ביז אַראָפּ.

— דאָס איז דער בחור? — האָט ער אַ פרעג געטאָן — הייסט עס, אַז דו ווילסט ווערן אַן אַקטיאָר.

— יאָ! האָט שלמהלע געענטפערט זיך אויפהויבנדיק פון אָרט.

פּישזאָן האָט זיך ברייט אַוועקגעזעצט אין אַ פאָטעל און לאַנגזאַם פאַרויכערט אַ ציגאַר.

— נו, גוט — האָט ער צום סוף אַ ברום געטאָן — איז אפשר וואָלט איך אויך געקאָנט הערן דיין שטימע — האָט ער זיך געווענדעט צו שלמהלען, דערנאָך זיך פאַרצויגן און אַרויסגעלאָזט אַ וואָלקן רויך גלייך צו דער סטעליע.

שלמהלע איז שוין איצטער געווען מער זיכער באַ זיך. ער האָט זיך דערווײַלע לאַנג נישט געלאָזט בעטן און גלייך אָנגעהויבן:

— „פריש און צאַפּלדיק א. אַ. וו."

די צוויי שותפים האָבן זיך בשעתן זינגען כסדר איבערגעקוקט, צו־געשאָקלט מיט די קעפּ, און טיילמאָל אַפילו אַ קוועטש געטאָן מיט אַן אייגל, ווי איינער זאָגט: „נישקשה — ס'איז אַ סחורה..."

ווען שלמהלע האָט פאַרענדיקט זינגען האָט אים פּיזשאָן אַ פרעג געטאָן:

— ביסט גרייט מיט אונדז מיטצופאָרן? די צווייטע וואָך פאָרן מיר אַרויס פון יעקאַטערינאָסלאַוו. אַ פּאַספּאָרט האָסטו?

— ניין! — האָט שלמהלע געענטפערט דערשראָקן — קיין פּאַס האָב איך נישט. איך האָב אַ מעטריקע (געבורטשיין).

— ס'מאַכט נישט אויס. דאָס קאָן אויך גוט זיין. איין טאָג פאַרן אַרויספאָר וועסטו מיר ברענגען דיין געבורטשיין, וועל איך דיר דאַן געבן אַן „אַוואַנס" (אַדערויף), זאָלסט זיך קאָנען צוגרייטן צום וועג.

שלמהלע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף אַ צייכן פון צושטי־מונג. ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַלץ וועט צוגיין אַזוי גלאַטיק. אַזאַ לאַנגע צייט האָט ער געחלומט וועגן דעם מען זאָל אים אויפנעמען אין אַ טעאַטער און איצטער, ווען זיין חלום האַלט באַם פאַר־

ווירקלעכט ווערן, וויים ער נישט וואָס ער האָט צו טאָן. אַ צעטומלטער האָט ער זיך געזעגנט מיטביידע דירעקטאָרן און אַרויסגעגאַנגען פון האָטעל, אָבער אינדרויסן האָט ער ערשט דערפילט ווי צעטומלט ער איז. ערשטנס איז ער געווען איבעראַשט פונעם דערפאָלג — אַ קלייניקייט, מען האָט געגלויבט זיין שטימע און גלייך אים אויפגענומען אין דער טרופּע. צווייטנס — איז אים באַלד געקומען אויפן געדאַנק סאָניע... ווי אַזוי וועט ער זי קאָנען איבערלאָזן און אַוועקפאָרן. ער האָט באַשלאָסן איר גלייך צו דערציילן וועגן אַלעם. ער וועט בעטן בײַ איר די הסכמה אויפן פּלאַן פון זיין אַוועקפאָרן. ניין, פון איר קאָן ער נישט אַוועקפאָרן אומגעזעגנטערהייט, ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט זיין אייגענער היים.

„אָך, ווען זי זאָל זיך אַנטשליסן צו ווערן אַן אַקטריסע — איז אים איינגעפאַלן — וואָלטן מיר דאָך ביידע געווען שטענדיק צוזאַמען". אָבער בײַ דעם געדאַנק האָט ער דערפילט אַז דער ענין ווערט נאָך מער פאַר־פּלאָנטערט: אירע עלטערן וועלן דאָך נישט דערלאָזן דערצו, און סאָניע, די גוטע טאָכטער סאָניע, וועט דאָך נישט האָבן דעם מוט צו האַנדלען זוי ער, ווי שלמהלע...

8. — שלמהלע געפינט זיך אין אַ פיינלעכער לאַגע

באַ רב לייזערן אין שטוב איז עס אויסגעקומען אַלעמען אויפפאַלנד, וואָס שלמהלע דרייט זיך אַרום אַנגעטאָן יומטובדיק און גייט נישט צו דער אַרבעט, נאָר פרעגן ביי אים האָבן זיי נישט געוואָלט. זיי האָבן געוואַרט, אַז שלמהלע אַליין זאָל אויפקלערן די סיבה.

אָבער סאָניע האָט נישט געוואָלט וואַרטן. אַן אומגעדולדיקע, האָט זי אויסגעזוכט אַ מאָמענט, ווען זי איז געבליבן מיט שלמהלען איינע אַליין אין צימער און אָנגעהויבן אויף אים קוקן מיט אַ פאַרשנדיקן בליק. שלמהלע האָט פאַרשטאַנען אָט דעם בליק. ער איז צוגעגאַנגען צו איר און איר אַ קוש געטאָן.

— וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ יום־טוב באַ דיר היינט? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— פאַר דיר, מיין סאָניע, וויל איך גאָרנישט פאַרהוילן... — האָט שלמהלע אָנגעהויבן רעדן, אָבער סאָניע האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד. ס'איז דאָס ערשטע מאָל ווי ער דריקט זיך אויס: „מיין סאָניע", און באַ אָט די ווערטער האָט זי דערפילט ווי עס נעמט איר אַרום אַ הייסע כוואַליע פון ליבשאַפט.

— בין איך שוין טאַקע דיינע? — האָט זי געפרעגט.

—דאָס ווענדט זיך בלויז אָן דיר — האָט ער געענטפערט — איך... איך בין זיכער דיינער, און דערפאַר וויל איך אָן דיין הסכמה גאָרנישט טאָן — ער איז שטיל געבליבן, ווי ער וואָלט שטאַרק געטראַכט וועגן עפּעס, אָבער אַנטרעפנדיק אויף איר פרעגנדיקן בליק האָט ער גענומען רעדן ווייטער — איך קום איצטער פון פּיזשאַנען, און ער, ווי אויך זיין שותף ספּיוואַקאָווסקי, האָבן מיך געהערט זינגען. עס געפעלט זיי מיין שטימע און זיי זענען מסכים מיך אַריינצונעמען אין זייער טרופּע.

סאָניע האָט געקוקט אויף אים ווי זי וואָלט נישט קלאָר פאַרשטאַנען וואָס ער זאָגט.

— מיינסט אַוועקצופאָרן פון דאַנען — האָט זי צום סוף געפרעגט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים — רעד, איך וויל דיך קלאָר פאַרשטיין...

— פאַרשטייסט דאָך, טייערע, אַז אויב ווערן אַן אַקטיאָר דאַן מוז איך מיטפאָרן מיט זיי — האָט ער שטיל געזאָגט.

סאָניע האָט מיט אַ טריבן בליק אַריינגעקוקט אין שלמהלעס אויגן. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז מיט אָט דעם בליק וויל זי זיך דערגראָבן צו דער סאַמער טיפעניש פון זיין נשמה.

— אויב דו זעסט דערין דיין גליק — האָט זי נאָך אַ ווײַלע אַ זאָג געטאָן — וויל איך אפילו נישט פּרווון דיך אָפּהאַלטן. אָבער איך וויל נישט לייקענען — דיין אָוועקפאָרן וועט מיך טרעפן זייער שווער... הלוואי וואָלט איך געקאָנט פאַרייניקן אונדזערע ביידנס וועגן און אָוועק-פאָרן צוזאַמען מיט דיר.

שלמהלעס פּנים האָט אויפגעלויכטן.

— טו אַזוי, סאָניע — האָט ער אויסגעשריגן — לאָמיר פאַרייניקן אונדזערע וועגן. צוזאַמען מיט דיר וועט מיר זיין לייכטער אויסצוקעמפן מיין ציל.

סאָניע איז אָפּגעטראָטן פון שלמהלען ווי זי זאָל זיך האָבן דער-שראָקן פאַר אים. זי האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול און פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט. אירע אַקסלען האָבן געציטערט און מיט אַ שטילן זיפץ האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט: „מיינע אָרעמע טאַטע-מאַמע"! פּלוצ-לינג האָט זי אָפּגעריסן די הענט פונעם פּנים, וואָס איז איצטער געווען פאַרענדערט און בלאַס. אויף אירע לאַנגע וויעס האָבן געהאָנגען גלאַנ-ציקע טרערן.

— איך קאָן דאָס ניט טאָן שלמהלע — האָט זי געזאָגט — איך קאָן ניט אומברענגען מיינע טאַטע-מאַמע...

אַן אומעטיקע האָט זי געשוויגן אַ לענגערע ווײַלע און דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעהויבן רעדן מיט אַ טאָן פון אַ מענטש אַ „בר-דעת", וועגנדיק און אויסציענדיק אַ יעדעס וואָרט באַזונדער:

— דערווייל פאַר דו אַליין, שלמהלע, און... און מיר וועלן אָנהאַלטן דעם קאָנטאַקט, זען ניט צו פאַרלירן איינס דאָס אַנדערע, און ווען דו וועסט שוין האָבן דערגרייכט אַ געווויסן דערפאָלג אויף דיין וועג וועסטו דעמאָלט צוריקקומען צו מיר און מיר... מיר וועלן ביידע חתונה האָבן...

זיי האָבן קיינס נישט באַמערקט ווי ביי אָט-די לעצטע ווערטער סאָ-ניעס איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין טעמע, וועלכע איז שטיין גע-בליבן אַ שטילע און אַן אומבאַמערקטע.

שלמהלען האָט פאַרפעלט אָטעם. עפּעס אַ מאָדנע געפיל האָט אים באַהערשט און ער האָט נישט געפונען קיין ווערטער צו ענטפערן סאָ-ניען. ער איז צוגעגאַנגען צו איר מיט אַ פאַמעלעכן טראָט, זי אַרומגע-

נומען און היים איר געקושט... פּלוצלינג האָט ער, צופעליק אויסדרייענ־דיק דעם קאָפּ, באַמערקט טעמען.

— דיין מאַמע! — האָט ער נערוועז אַ מורמל געטאָן.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן פאַר מיר? — האָט טעמע אַ פרעג געטאָן מיט אַ קלוגן און ליבלעכן שמייכל אויף די ליפּן.

סאָניטשקע האָט אָפּגעלאָזט שלמהלען, האָסטיק צוגעלאָפן צו טע־מען און מיט אַ פרעגנדיקן טאָן, ווי זי וואָלט וועלן באַ איר געפינען אַ טרייסטוואָרט אָדער אַן עצה, אַ געשריי געטאָן

— מאַמע?

— וואָס איז טעכטערל? וואָס איז געשען? פאַר דיין מאַמען דאַרפסטו גאָרנישט פאַרהוילן, גאָרנישט אויסבאַהאַלטן. פאַר מיר דאַרפסטו זיך אָנפאַרטרויען ווי פאַר אַ חברטע, ווי פאַר אַ שוועסטער...

— מאַמע! מיין קלוגע מאַמע! — האָט סאָניע געפּליסטערט און זיך איינגעטוליעט ווי אַ קליין קינד אין טעמעס אָרעמס — איך האָב עס געהאַלטן פאַר צו פרי, אַז מיר זאָלן זיך פאַר דיר אָנפאַרטרויען. אָבער איצטער נויטיקן מיר זיך אין דיין עצה.

— אָבער טעכטערל מיינע, וואָס פאַר אַן עצה דאַרפסטו דען? — האָט טעמע געלאַכט — איך האָב דאָך געהערט ווי דו האָסט שוין גע־רעדט מיט שלמהלען וועגן התונה־האָבן.

— ניין, מאַמע, — האָט סאָניע איר איבערגעשלאָגן די רייד — דו האָסט ניט קלאָר פאַרשטאַנען וואָס איך האָב געזאָגט. שלמהלע פאָרט אַוועק פון אונדז. ער פאָרט אַוועק מיט דער יידישער טעאַטער־טרופּע — ער ווערט אַן אַקטיאָר.

— דאָס הויב איך שוין נישט אָן צו פאַרשטיין — האָט טעמע גע־זאָגט אַ פאַרוווּנדערטע — וואָס הייסט ער ווערט אַן אַקטיאָר?

שלמהלע איז געשטאַנען ווי אַ פאַרזינדיקטער, אַ מאַך געטאָן אַן אומבאַהאָלפענע באַוועגונג מיט דער האַנט צו סאָניען און געזאָגט:

— לאָז מיך, סאָניע, איך וועל אַלץ דערקלערן דיין מוטער. שוין לאַנג, נאָך אין מיין היים, האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו ווערן אַן אַקטיאָר, און מיין אַוועקפאָרן פון דער היים האָט אויך געהאַט דעם זעלבן ציל. איצטער איז געקומען דער מאָמענט. איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט צו דערשלאָגן זיך צו אַ יידישער טעאַטער־טרופּע און די דירעקטאָרן ווילן מיט מיר שליסן אַן אָפּמאַך. די צווייטע וואָך דאַרף איך אַוועקפאָרן מיט זיי צוזאַמען.

טעמע האָט געקוקט אויף אים ווי זי וואָלט נישט פאַרשטאַנען גענוי וועגן וואָס ער רעדט, און שלמהלע האָט געצויגן ווייטער:

— און דאָס, וואָס סאָניע האָט גערעדט וועגן אונדזער חתונה־האָבן, האָט זי נישט געמיינט דערמיט אַז מיר זאָלן שוין גיין צו דער חופּה, ווייל... ווייל... מיר זענען דאָך נאָך ביידע אַזוי יונג... נישט דערוואַקסן דערצו... זי האָט געמיינט צו זאָגן, אַז ווען איך וועל ווערן אַ זעלבסט־שטענדיקער מענטש זאָל איך צוריקקומען און מיר וועלן דאַן חתונה־האָבן. ביז איצטער האָבן מיר נישט דעם מוט נישט פאַר אייך און נישט פאַר ר׳ לייזערן צו אַנטדעקן אונדזער סוד, אָבער איצטער, אַז איר ווייסט שוין אַלץ, און ר׳ לייזער וועט עס דאָך מסתמא אויך וויסן וועט פאַר מיר און פאַר סאָניען אַלץ ווערן גרינגער. מיר וועלן זיך אויפהערן אויסצובאַהאַלטן מיט אונדזער סוד, ווי פאַר פרעמדע חלילה. טאַטע־מאַמע וועלן אַלץ וויסן און זיי וועלן אונדז ראַטן צום בעסטן.

סאָניע און טעמע האָבן געגאַפט. דאָס ערשטע מאָל ווי זיי הערן פון שלמהלען אַזעלכענע רייד. ער האָט גערעדט רואיק און זאַכלעך ווי אַ דערוואַקסענער מענטש. טעמע האָט צו אים רואיק און האַרציק גע־שמייכלט, פּונקט ווי מען שמייכלט צו אַן אייגן קינד, וואָס מען באַוווּנדערט זיין שכלדיקייט.

— קום אַהער שלמהלע — האָט זי געזאָגט — זי איז אונדזער גאַנץ פאַרמעגן. זי איז אונדזער אוצר און מיר היטן זי ווי אַן אויג אין קאָפּ און דעריבער איז אונדז קיין זאַך נישט שווער אויב ס׳איז נאָר פאַר איר טובה וועגן. און אָט דאָס וואָס איך הער פון אייך איז דער גליקלעכער מאָמענט אויף וועלכן מיר, טאַטע־מאַמע האָבן געוואַרט. דער דאָזיקער מאָמענט קומט אפשר נישט אין צייט, ווייל איר זענט נאָך ביידע צו יונג. באַזונדערס דו שלמהלע האָסט דאָך נאָך נישט קיין באַשטימטן וועג אין לעבן. דו ווילסט זיך ערשט לאָזן אין דער ברייטער וועלט אַריין זוכן דיין וועג. נו, דאָס וואָלט מיך אויך נישט געאַרט — ס׳איז קיינמאָל נישט צו שפּעט אָנצייכענען זיך אַ וועג און אויסקעמפן זיך אַן עקזיס־טענץ פאַר זיך און פאַר דיין זיווג, לאָמיר זאָגן, ווייל איך בין אַ יידענע פון דער אַלטער וועלט און גלויב אין זיווגים. נו, יאָ, דער מאַמעס אויג זעט — זי, מיין סאָניטשקע, האָט דיך ליב פון גאַנצן האַרצן... און דו פאָרסט אַוועק, און ווער ווייס אויף ווי לאַנג? און איך וויל אַוודאי נישט אַז מיין בלום זאָל וועלקן פאַר בענקשאַפט.

עס האָט זיך איר געוואָלט וויינען, טעמען, אָבער זי האָט דער־שטיקט אירע טרערן און איז שטיל געבליבן. ביידע, סיי שלמהלע, סיי סאָניע, האָבן אויסגעהערט אירע רייד און זענען געווען גערירט פון דער האַרציקייט אירער, און באַוווּנדערט איר קלוגשאַפט. שלמהלע, וואָס האָט געקאָנט טעמען בלויז פאַר אַ גוטער באַלעבאָסטע האָט זיך נישט

פאַרגעשטעלט אַז זי זאָל מיט אַזאַ צאַרטקייט קענען אַרויסברענגען איר זאָרג פאַר איר בת-יחידהלע. סאָניע איז צוגעפאַלן צו איר מוטער און אַן איינגעטוליעטע אין אירע אָרעמס געפליסטערט שטיל:

— מאַמע, מיין גוטע מאַמע!

שלמהלע איז אויך צוגעגאַנגען נאָענט צו טעמען און געגלעט אירע האָר ווי מען גלעט דעם קאָפּ פון אַן אייגענער מאַמען, ווען מען וויל זי באַרואיקן. אַלע דריי זענען געווען אַזוי פאַרטיפט אין זייערע געפילן און מחשבות, אַז זיי האָבן אפילו נישט באַמערקט ווען ר׳ לייזער איז אַריינגעקומען און שטיל שטיין געבליבן ביי דער טיר.

— וואָס איז דאָ ביי אייך פאַר אַ יום-טוב? — האָט ער געפרעגט.

— ס׳איז נישט קיין יום-טוב — האָט אים טעמע געענטפערט — שלמהלע קלויבט זיך אַוועקצופאָרן.

— איך פאָר מיט דער יידישער טרופּע קיין אָדעס — האָט שלמהלע זיך אָנגערופן — איך ווער אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר. נאָך שבת וועלן מיר זיך געזעגענען. איך פאָר אָבער נישט אַוועק אין גאַנצן. עפּעס לאָז איך דאָ איבער — און שלמהלע מיט סאָניען האָבן זיך באַגעגנט מיט וואַרעמע בליקן.

— ער וויל דאָ איבערלאָזן אַ כלה — האָט טעמע געפּרוווט געבן צו פאַרשטיין דעם פאַרוווּנדערטן מאַן אירן — די צוויי לייט האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט אַזוי: זיי ווערן חתן-כלה. ווי מיינסטו לייזער? ביסט דאָך עפּעס אַ שטיקל מחותן.

לייזער האָט אָנגעקוקט זיין ווייב, דערנאָך די „חתן-כלה", דערנאָך האָט ער גענומען שפּרייזן פאַרטראַכטערהייט איבערן צימער און אַביסל נערוועז געצופּט זיין בערדל. ענדלעך האָט ער זיך געווענדעט צו שלמהלען:

— נו, מסתמא איז עס דאָך אַ באַשערטע זאַך, אַ זיווג. איז וואָס זאָל איך זאָגן? איך זע אין דיר אַן אָרנטלעך קינד און איך גלויב אַז דו וועסט אונדז נישט טאָן קיין שלעכטס. און דאָס, וואָס דו דאַרפסט איצטער אַוועקפאָרן — נו, מילא, מירן דיך נישט אָפּהאַלטן, פאָר געזונטערהייט — און לייזער האָט דערלאַנגט שלמהלען זיין האַנט, וועלכע דער יונגער בחור האָט לאַנג און מיט דרך-ארץ געדריקט.

9. — די טרופע פון פישזאָן און ספּיוואַקאָווסקי

די טרופע „פישזאָן-ספּיוואַקאָווסקי" האָט זיך געפירט אויפן גרויסן שטייגער. פישזאָן אַליין האָט געהאַט אַ גרויסע נייגונג צו לוקסוס, און ער האָט ליב געהאַט מען זאָל דעם דאָזיקן לוקסוס אָנזען, אַז דאָס איז נישט סתם קיין געמאַכטער, קיין באַנאַלער לוקסוס, נאָר טאַקע לוקסוס אויף אַן אמת. ער האָט, למשל, זיך פאַרגינען צו טראָגן בריליאַנטן אויף די שיך, שטענדיק געהאַט אַ שווערן גאָלדענעם זייגער, וועלכער איז געווען צוגעטשעפּעט צו זיין וועסט אויף אַ שווערער גאָלדענער קייט.

כדי צו קענען האַלטן זיין טרופע גוט אין צוים, פלעגט פישזאָן אויסנוצן געוויסע אַקטיאָרן אַלס שפּיאָנען וואָס פלעגן אים צוטראָגן אַליץ וואָס מען האָט אין דער טרופע גערעדט וועגן אים, וועגן דעם דירעקטאָר, און אַז זיי, די אַזוי גערופענע „צוטרעגער" האָבן געכאַפּט עפּעס אַ וואָרט פון אַן אַקטיאָר אָדער אַקטריסע קעגן דער דירעקציע איז שוין געווען אַך-און-וויי צו דעם וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט; דער שפּיאָן דאַקעגן פלעגט באַלוינט ווערן מיט אַ העכערונג אויף זיין גאַזשע און אַלס צולאָג פלעגט ער נאָך באַקומען אַ גוטע ראָל.

זיין פרוי, די מאַדאַם בראַגינסקאַיאַ, האָט פישזאָן מיט זיך מיטגעבראַכט אין טעאַטער נאָך פון יענע צייטן, ווען ער אַליין, פישזאָן, האָט נאָך מיט טעאַטער נישט געהאַנדלט. אַ שלאַנקע איז זי געווען, די פרוי זיינע, און זייער אַ שיינע. קיין צו גרויסן טאַלאַנט האָט זי נישט פאַרמאָגט, זי האָט אָבער אימפּאָנירט מיט אירע רייכע קליידער און מיט אירע בריליאַנטן. מערסטנטייל פלעגט זי שפּילן „גראַנדדאַם"-ראָלן.

פישזאָנס שותף, ספּיוואַקאָווסקי, האָט געשטאַמט פון אַן אַסימילאַטאָרישער היים און באַקומען אַ רוסישע, מכלומרשט „אַריסטאָקראַטישע" דערציאונג. טאַלאַנט צו שפּילן טעאַטער האָט ער נישט פאַרמאָגט. איידער ער איז געקומען צו פישזאָנען אין טרופּע פלעגט ער אויפטרעטן אַלס רוסישער קופּלעטיסט אין נאַכט-קלובן און שאַנטאַנען. פון דאָרטן, ווייזט אויס, האָבן אויך געשטאַמט זיינע מאַנירן און זיין עלעגאַנץ, מיט וועלכע ער האָט אימפּאָנירט אַלעמען.

אין דער טרופּע פלעגט מען אַפילו מורמלען, אַז ספּיוואַקאָווסקי איז

אין זיין פּאַס פאַרשריבן אַלס קריסט. קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען אמת, און דערפאַר ווייזט אויס, איז אים אין דאַמאָלדיקן רוסלאַנד אָנגעקו־מען גרינגער צו באַקומען די דערלויבעניש פאַר דער טרופּע אויף צו קענען שפּילן יידיש טעאַטער. מען האָט דערציילט אַז ספּיוואַקאָווסקי איז אַ מענטש וואָס קאָן צוקומען אַפילו צום גובערנאַטאָר אַליין, און אין אַזאַ מענטש טאַקע האָט זיך פּישזאָן געגויטיקט.

די פּרימאַדאָנע ביי פּישזאָנען איז געווען ווערא זאַסלאַווסקאַיאַ. זי איז אָנגעקומען אין דער טרופּע כמעט ווי אַ דינסטמיידל. נאָר פון צייט צו צייט פלעגט מען זי אַרויפלאָזן אויף דער בינע אַלס כאָריסטקע, אָבער אַדאַנק אירע פעאיקייטן איז זי מיט דער צייט אויסגעוואַקסן אַ גוטע זינגערן און אַן ערשטקלאַסיקע אַקטריסע.

אין דער טרופּע „פּישזאָן־ספּיוואַקאָווסקי” האָט זיך געפונען נאָך אַן אינטערעסאַנטער שוישפּילער: ריבאַלסקי. ער איז נישט געקומען אין דער טרופּע סתם פון דער גאַס, נייערט ער האָט מיט זיך מיטגע־בראַכט מוזיקאַלישע בילדונג. ער האָט פאַרמאָגט אַ פיינעם באַריטאָן, און פלעגט זינגען ווי אַן אָפּערן־זינגער. אויך ער האָט נישט געהאַט קיין טאַלאַנט צו שפּילן טעאַטער, אָבער זיין שטימע האָט אים אַרויסגערוקט אויף אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער טרופּע.

ריבאַלסקי האָט איבערגעלעבט אַ טראַגעדיע אין דער טרופּע. דער גורל האָט געוואָלט אַז ער, ריבאַלסקי, דער העלד פון אַלע טראַגישע ראָ־מאַנען אויף דער בינע, זאָל איבערלעבן דעם זעלבן טראַגישן ראָמאַן אין דערווירקלעכקייט. שפּילנדיק צוזאַמען מיט ווערא זאַסלאַווסקאַיאַ האָט ער זיך אין איר פאַרליבט ביז איבער די אויערן, אָבער וואָס מער ליבע ער האָט איר אַרויסגעוויזן אַלץ מער האָט זי אים אָפּגעשטויסן פון זיך. ער האָט געליטן און געשוויגן. ער איז געווען אין לעבן ווי אויף דער בי־נע אַן איידעלער און צאַרטער מענטש. ער האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך די חוצפה און דעם מוט צו קעמפן בכדי צו געווינען אַ פרויען־האַרץ. חברה אַקטיאָרן פלעגן צו ביסלעך חוזקן פון אים, און דאָס האָט אים נאָך מער ווי געטאָן.

אין דער טרופּע האָט זיך אויך געפונען פּישזאָנס אַן אַדאָפּטירטער זון, מישאַ פּישזאָן. ער איז געווען אַ פּלימעניק פון מאַדאַם פּישזאָן און פּישזאָן, וועלכער האָט קיין קינדער נישט געהאַט האָט אים אַדאָפּטירט און חתונה געמאַכט מיט ווערא זאַסלאַווסקאַיאַ, ווי אויף צו להכעיס רי־באַלסקין. די סיבה אָבער צוליב וועלכער פּישזאָן האָט געשטויסן זיין מי־שאַן צו דער חתונה מיט וועראַן איז געווען אַן אַנדערע. מישאַ, ווען פּי־שזאָן האָט אים אַדאָפּטירט, האָט זיך אַליין אָנגעהויבן אויסקלייבן ראָלן

און אַזוי אַרום געוואָרן פּאָפּולער באַם עולם. ער איז אויך געוואָרן „מיט־הערשער" פון דער טרופּע און אַרויסגעוויזן זיין שטאַרקע האַנט אויפן זעלבן אופן ווי זיין אַדאָפּטירטער פאָטער. די טרופּע האָט דאַן געמאַכט גאָלדענע געשעפטן. זעלטן וועמען מען האָט געגעבן אַ דערלויבעניש און דעריבער איז דער באַזוכער־עולם געווען נאָך מער אויסגעהונגערט נאָך יידיש טעאַטער, און ממש געלעכצט נאָך אַ יידיש וואָרט, כאָטש אַז אָך און אַז וויי איז געווען צו אָט דעם יידיש — ס'איז געווען עפּעס אַ מין צעקאַליעטשעטע שפּראַך, נישט קיין יידיש און נישט קיין דייטש. די טרופּע פלעגט איינשטיין אין די האָטעלן אַלע צוזאַמען, אָבער די דירעקטאָרן פלעגן נעמען די שענסטע צימערן און די אַנדערע אַקטיאָרן פלעגט מען צונויפשטופּן צו עטלעכע אין אַ צימער, סיידן אַ פאָרפאָלק פלעגט באַקומען אַ באַזונדער צימער. פּישזאָן האָט דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז מישאַ ווערט שוין צופיל חשוב אין דער טרופּע, אַז ער ווערט שוין מער באַליבטער פון אים אַליין פון פּישזאָנען, און בכדי מער אים צוצובינדן צו זיך און צו דער טרופּע האָט ער באַשלאָסן אים צו פאַרקנסן מיט וועראַן.

שפּעטער אָבער איז מישאַ נאָך מער אַריין אין די פעדערן. ער פלעגט איצט פּטרן גרויסע סומעס געלט אין די שאַנטאַנען. ער איז געווען זייער אַ שיינער, אָט דער מישאַ טאַקע, און די שענסטע פרויען פלעגן אים נאָכלויפן. עס האָט אַפילו געטראָפן איינמאָל, אַז איינע אַ שאַנסאָנעטקע, אין וועלכער מישאַ איז גראָד דעמאָלט געווען פאַרליבט, איז געקומען אין יידישן טעאַטער בכדי אים אָפּצוּוואַרטן. ס'האָבן זיך גלייך געפונען אַזעלכענע, וואָס האָבן וועראַן דערציילט וועגן אַלעמען. זי האָט אים אָנגעהויבן נאָכשפּיאָנירן. זי האָט זיך אפילו איין מאָל פאַרקליידט פאַר אַ מאַן בכדי מיט אירע אייגענע אויגן צו זען איר מאַנס אויפירונג אין שאַנטאַן און זיין געליבטע. אָבער זי איז געווען צו קלוג בכדי אַרויסצורופן אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל. אין אָנפאַנג פלעגט זי פּרוּוון אָפּהאַלטן איר מאַן פון אָט דעם אַלעם מיט גוטע ווערטער, אָבער ער פלעגט איר גראָב ענטפערן:

— איך מוז זיין פריי און טאָן וואָס מיר געפעלט.

דעמאָלט האָט זי שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז איר מאַן פאַראַכט זי און זי האָט זיך צוגעוווינט צו אָט דעם אַרט לעבן.

אַזעלכענע זענען עס געווען די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער טרופּע „פּישזאָן און ספּיוואַקאָווסקי".

10. — שלמהלע אין דער טרופּע

די טרופּע פּישזאָן-ספּיוואַקאָווסקי האָט צו דער באַשטימטער צייט פאַרענדיקט די גאַסטראָלן אין יעקאַטערינאָסלאַוו און שלמהלע, וועלכער איז אַריינגעטראָטן גראָד דעמאָלס אין דער טרופּע, איז אָפּגעפּאָרן צוזאַמען מיט אַלעמען קיין אָדעס, ווו עס האָבן געזאָלט געגעבן ווערן אַ ריי פאָרשטעלונגען. די גאַנצע טרופּע איז פאַרפאָרן אין איינעם און דעם זעלביקן האָטעל, און שלמהלען איז צוגעטיילט געוואָרן אַ צימערל צוזאַמען מיט נאָך אַ כאָריסט, אַ ליטוואַק מיטן נאָמען קאַנטאָר.

אָט דער דאָזיקער קאַנטאָר איז געווען אַן אמתדיק אָנשיקעניש. שוין יאָרן לאַנג ווי ער וואַלגערט זיך אַרום מיט פאַרשיידענע יידישע טרופּעס איבער אַלע עקן רוסלאַנד. אַ קאַרגער ביז משוגעת, האָט ער זיך נישט פאַרגינען צו קויפן אַ לייטיש העמד. ער פלעגט טראָגן נאָר אַ „מאַנישקע" (אַ מין פאָרהעמדל), וועלכעס ער פלעגט פון צייט צו צייט אַליין אויסוואַשן. אַ קאָלנער האָט ער אויך געטראָגן אַ גומענעם (אַ „גוטאַפּערצעוון"), וועלכער האָט פאַרמאָגט די גרויסע מעלה אַז מען האָט אים נישט געדאַרפט לחלוטין וואַשן, נאָר ס'איז גענוג געווען אים איבערצווווישן מיט אַ נאַס שמאַטקעלע. קאַנטאָרס שמוציקייט איז געווען אַ שם-דבר אין דער טרופּע און שלמהלע האָט זייער שטאַרק געליטן דערפון. עס פלעגט אים פּשוט פאַרגיין דער אַפּעטיט צום עסן, ווען קאַנטאָר האָט זיך געזעצט אַנטקעגנאיבער אים באַם טיש.

בישלעכווייז האָט שלמהלע זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צום טעאַטער-לעבן. ער איז זייער פּינקטלעך געקומען צו די פּראָבעס, געלערנט פלייסיק געזאַנג און דיקציע, געלייענט אַ סך, געוואָלט וואָס שנעלער אויסבילדן זיך און דערגרייכן אַ העכערן שטאַפּל אין זיין טעאַטער-וועג.

דער דיריגענט שלאָסבערג האָט גאָר שנעל באַמערקט אָט די אַלע מעלות שלמהלעס און אים געהאַלטן פאַרן בעסטן כאָריסט אין דער טרופּע. שלמהלע האָט ביי אים, ביי שלאָסבערגן, אויסגענומען מיט זיין פלייסיקייט, מיט זיין פּעדאַנטישקייט ביים לערנען זיך, מיט זיין אָנגענעמער שטימע און מיט זיין אויסערלעכער ריינקייט און זויבערקייט. באַזונדערס איז שלמהלע געווען דער שענסטער בחור פון אַלע כאָריסטן און אַלץ וואָס

ער האָט אָנגעטאָן האָט ממש אַראָפּגעשמעקט פון אים. אויך האָט שלאָסבערג באַנומען, אַז שלמהלעס ציכטיקייט איז נישט בלויז אַן אויסערלעכע, נאָר אויך אַן אינערלעכע, אַ גייסטיקע, אַ ריינקייט און זויבערקייט פון כאַראַקטער...

שלאָסבערג האָט צוערשט פאַראָרדנט, אַז שלמהלע זאָל שטענדיק שטיין אין סאַמע פראָנט פון די כאָריסטן און מיט אַ צייט שפּעטער האָט ער אים געמאַכט פאַרן אָנפירער פון כאָר.

דאָס האָט פאַרשטייט זיך דערוועקט די אייפערזוכט און קנאה־שנאה פון אַנדערע כאָריסטן, וועלכע האָבן אים דאָס נישט געקאָנט פאַרגינען. איבערהויפּט האָבן אים גענומען האסן די מענער פון כאָר, וועלכע פלעגן אים, ווי אַ גרינעם, אָפּטאָן אפילו פאַרשיידענע שפּיצלעך. זיי פלעגן אים, באַליידיקן, אָנגרייפן מיט מיאוסע אויסדרוקן, געפּרוווט אפילו פּראָוואָצירן צו אַ געשלעג, אָבער שלמהלע האָט זיך נישט געקאָנט קריגן און זידלען, נאָך וויניקער האָט ער זיך געקאָנט שלאָגן. האָט ער דעריבער ווי ווייט מעגלעך אויסגעמיטן רייסערייען און כמעט שטענדיק פאַרשוויגן אַלץ, וואָס מען האָט אים אָפּגעטאָן. ער האָט געקאָנט זיך פאַרקלאָגן פאַרן דירעקטאָר אָדער פאַרן דיריגענט שלאָסבערג, אָבער אַזאַ מין זאַך, האָט שלמהלע געטראַכט, וואָלט געהייסן מסרן זיינע חברים, און נאָך פון זיין היים האָט ער אַרויסגעטראָגן דעם איינגעוואָרצלטן ווידערווילן צו אַ מסירהלע, ער האָט געהאַלטן פאַר איינע פון די מיאוסטע זאַכן אויף דער וועלט. ער האָט זיך אַליין צוגעגעבן מוט און געטרייסט זיך אַז דאָס אַלץ מוז זיך ענדיקן. „אַלץ איז ביז אַ צייט — האָט ער געטראַכט — און מיין צייט מוז אויך קומען”. ער האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק אַז ער מוז ליידן און שווייגן, און געאַרבעט נאָך פלייסיקער, מיט נאָך מער התמדה ווי פריער. ער האָט זיך אויסגעלערנט און ערשטקלאַסיק באַהערשט דעם גאַנצן רעפּערטואַר פון דער טרופּע, און דער דיריגענט שלאָסבערג האָט גערופן די אויפמערקזאַמקייט פונעם דירעקטאָר פישזאָן אויף דעם נייעם כאָריסט. פישזאָן האָט זיך פאַראינטערעסירט מער מיט שלמהלען און מיט דער צייט אָנגעהויבן צונעמען באַם ליטוואַק קאַנטאָר די קליינע ראָלן וואָס יענער פלעגט טיילמאָל באַקומען און צוטיילן זיי שלמהלען, און דאָס האָט ווידעראַמאָל דערוועקט די קנאה און האס פון די כאָריסטן צום „גרינעם” ווי זיי האָבן אים גערופן, אָבער איינציייטיק איז אויך פאַרטאָפּלט געוואָרן שלמהלעס פלייסיקייט ביי דער אַרבעט, זיין געהאָרכזאַמקייט, זיין עקשנותדיקן גאַנג צום גרויסן טרוים זיינעם: ווערן אַן אמתער אַקטיאָר. ער האָט אינגיכן דערגרייכט, אַז אַלע אין דער טרופּע

האָבן, ווילנדיק צי נישט ווילנדיק, געמוזט אָנערקענען אַז שלמהלע איז דער פּעאיקסטער כאָריסט.

ער האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלעמען אָן אויסנאַם, שלמהלע טאַקע. אמת איז אַז די מענער־כאָריסטן האָבן אים געהאַסט, אָבער דערפאַר האָבן די כאָריסטקעס זייער שטאַרק געהאַלטן פון אים. אַ יונגער, אַ שיינינקער און אַביסעלע נאָך אַ שעמעוודיקער האָט ער נושא־חן געווען ביי אַלע דאַמען פון דער טרופּע. אפילו די הויפּט־שוישפּילערן, ווערא זאַסלאַווסקאַיאַ, פלעגט אים שענקען מער אויפמערקזאַמקייט ווי אַלע אַנדערע. אויף שלמהלעס אַ „גוט־מאָרגן" פלעגט ווערא ענטפערן מיט אַ העפלעכן און ליבלעכן שמייכל. זי פלעגט לאַנג, לאַנג קוקן אויף זיין שטאַלטנער, בויגעוודיקער פיגור און בריען מיט אירע בליקן זיין גאַנצן קערפּער... ס'פלעגט זיך מאַכן, אַז שלמהלע פלעגט אָנטרעפן מיט זיינע נאַאיוו־יינגלשע אויגן איר דורכדרינגלעכן בליק, און ער פלעגט נישט קאָנען אויסהאַלטן אָט דעם גליענדיקן בליק אירן און אַראָפּלאָזן זיינע אויגן צו דער ערד... נאָך אַ פאָרשטעלונג פלעגט טרעפן, אַז ווערא איז צוגעקו־מען די ערשטע און אים פריינטלעך און האַרציק באַגריסט, פון אַלע דאַ־מען־אויגן פלעגן זיך טראָגן דאַן צו שלמהלען לאַנגע, דורכדרינגלעכע בליקן און ליבלעכע שמייכלען. זיי פלעגן אים באַפאַלן טיילמאָל פון אַלע זייטן, די אַקטריסעס און כאָריסטקעס, און באַשיטן מיט קושן וועלכע האָבן אים געבריט און אַריינגעפירט אין אַ מאָדנער פאַרלעגנהייט... דע־מאָלם פלעגט קאַנטאָר מיט זיינע חברים שטיין פונדערווייטנס און קוקן אויף שלמהלען מיט ביטול, קנאה און האַס. אָבער פאַר אים איז דאָס אַלץ געווען אָן אַ שום ווערט. פאַרעקשנט איז ער ווייטער געגאַנגען זיין וועג, געגאַנגען צו זיין ציל: ער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ בינע־קינסטלער און ער האָט געוווסט אַז ער מוז דאָס דערגרייכן.

11. — שלמהלע שפּילט אַ פּאַראַנטוואָרטלעכע ראָל

אומגעריכט איז געקומען שלמהלעס גרויסער טאָג אין זיין טעאַטער־קאַריערע. שלמהלע האָט באַקומען צום שפּילן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל און איז אַרויס פון דער דאָזיקער אויפגאַבע אַ זיגרייכער, און געשען איז דאָס אָט ווי אַזוי: עס האָט פּאַסירט איינמאָל אַז מישאַ פּישזאָן איז נישט געקומען צו דער פאָרשטעלונג. עס האָט געהייסן כלומרשט, אַז ער איז קראַנק, אָבער אַלע אין דער טרופּע האָבן שוין געוווּסט אַז אָדער ער איז שיכור אָדער ער איז גאָר פאַרנומען מיט איינער פון זיינע לעצטע ליבע־אַוואַנטורעס. דאָס ערגסטע איז געווען וואָס ס׳איז געווען ווייניק צייט צום אָנהויבן די פאָרשטעלונג און מען האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. דעמאָלס האָט די ערשטע פון אַלעמען פאַרגעלייגט צו פאַרטרויען מישאַס ראָל דעם נייעם כאָריסט — שלמהלען — ווערא זאַסלאַווסקאַיאַ. ווען שלמהלע האָט דאָס דערהערט האָט ער געמיינט אַז מען מאַכט חוזק פון אים. ווי אַזוי קאָן ער דאָס נעמען שפּילן אַ ראָל? ער, וואָס האָט קיינמאָל קיין פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל ניט געשפּילט און דערצו אָן צוגרייטונג, אָן פּראָבע? דער אמת איז געווען אַז שלמהלע האָט געקאָנט די ראָל פון אויסנ־ווייניק. ער האָט געקאָנט ניט נאָר די ראָל, ער האָט געדענקט די פּראָזע פון אַלע אַקטיאָרן כמעט, אָבער דאָך איז ער שטיין געבליבן אַ צעטומלטער ווען מ׳האָט אים פאַרגעלייגט צו שפּילן די ראָל. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ דורכפאַל, ער האָט מורא געהאַט אָנצוהויבן זיין טעאַטער־קאַריערע מיט אַ דורכפאַל. ניין — ער שלמהלע, קאָן דאָס נישט טאָן, ער קאָן זיך דאָס נישט אונטערנעמען אפילו.

אָבער ווערא איז צו אים צוגעקומען און אים גענומען באַרויקן און איינריידן, ער זאָל אויספאָלגן די פאַראָרדענונג:

— ס׳איז אַ נויטפאַל — האָט זי גערעדט צו אים שטיל — איר מוזט עס טאָן, ווייל אויב נישט קומט אויס אָפּצורופן די פאָרשטעלונג, און דאָס טאָר אַ טעאַטער קיינמאָל נישט טאָן. נישקשה — האָט זי אים באַרויקט — איר וועט מאַכן די ראָל.

זי האָט גלייך צוגערופן דעם סופליאָר, גוטמאַנען, וועלכער איז גע־

ווען אַ מייסטער צו האַלטן אַן אַקטיאָר וועלכער איז נישט זיכער מיט זיין ראָל.

— ער וועט אייך העלפן — האָט וועראַ ווייטער גערעדט — נו, גייט שוין, טייערינקער, טוט זיך אָן און גרימירט זיך. ס'איז דאָ ווייניק צייט.

מיט אַ ווייכער, אָבער באַפעלערישער באַוועגונג האָט זי אים געגר־מען אונטערן אָרעם און געגומען פירן צו דער גאַרדעראָב. זי האָט אים געגלעט איבערן קאָפּ, געצערטלט זיינע שוואַרצע זיידענע האָר און גע־שמייכלט.

— איך ווינטש אייך דערפאָלג — האָט זי אַ זאָג געטאָן שלמהלען צום סוף און איז אַוועק צו זיך אין גאַרדעראָב.

שלמהלע האָט זיך אָנגעטאָן און גרימירט און אין דער זעלבער צייט האָט דער סופליאָר גוטמאַן מיט אים איינגעחזרט די ראָל.

— נישקשה — האָט גוטמאַן באַמערקט צו ענד — איר קאָנט די פראָזע פיל בעסער ווי מישאַ. איר דאַרפט זיך נאָר האַלטן פעסט און זיכע־רן ריידן געשלאָסן, און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג.

די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן. אָט איז ער שוין, שלמהלע, אויף דער בינע. ער פילט אויף זיך די בליקן פונעם פובליקום אָבער נאָך מער פילט ער די בליקן פון זיינע שונאים און גוטע פריינט וואָס קוקן אויף אים פון הינטער די קוליסן. אָט זענען די כאָריסטן מיטן ליטוואַק קאָנטאָר בראש וועלכע קוקן אויף אים מיט אַן איראָנישן שמייכל. ער פילט אַז זיי ווינטשן אים אַ מפלה, אַ דורכפאַל, אָבער דאָס שטאַרקט נאָך מער זיין ווילן צו באַווייזן זיי ווער שלמהלע איז. ער פילט אויך אויף זיך די בליקן פון די מיידלעך פון כאָר, וועלכע ווינטשן אים דערפאָלג און דאָס ווידער גיט אים צו מוט. צום סוף פאַרגעסט ער, שלמהלע, אָט די אַלע בליקן און ער געדענקט בלויז די ראָל זיינע. ער לעבט זי איבער אַליין, עס דוכט זיך אים אַז ער איז נישט אויף דער בינע, נייערט ער איז גאָר עמעץ אַנדערש, דער מענטש פון דער פיעסע, וועלכער שפילט נישט, נאָר ער לעבט דאָס אַלץ איבער אויף אַן אמת...

די פאָרשטעלונג איז צוגעגאַנגען גלאַטיק, אָן אַ שום שטערונג, אָן אַ שום פגימה. שלמהלע האָט אימפּאָנירט מיט זיין יוגנטלעכער שיינקייט, מיט זיין מעלאָדישער קלינגעוודיקער שטימע. דאָס פובליקום איז געווען פאַראינטערעסירט: „ווער איז דאָס דער נייער יונגער אַקטיאָר, וואָס פאַר־טרעט היינט מישאַ פישזאָנען?" — האָבן אַלע געפרעגט. אין פראָגראַם האָט מען זיין נאָמען נישט געפונען, האָט מען אים אַפּלאָדירט און פיל מאָל אַרויסגערופן אָן אַ נאָמען.

פון דעמאָלס אָן האָט מען שלמהלען אָנגעהויבן צו פאַרטרויען אָנגעזעענע ראָלן. ער איז שוין מער נישט געווען דער כאָריסט שלמהלע. פּישזאָן האָט אים אַ נאָמען געגעבן: סאַלאָמאָן טאָמאַסאָוו, און דער דאָזיקער טעאַטער־נאָמען איז אים שוין פאַרבליבן אויף שטענדיק.

12. — אַ יאָר איז אַוועק

אַ יאָר איז אַריבער זייט יענעם אָוונט ווען שלמהלע האָט צופעליק באַקומען זיין ערשטע גרויסע ראָל. אַ יאָר פון אַרומרייזן איבער פאַרשיי־דענע. פריער אומבאַקאַנטע שטעט, און אומעטום האָט שלמהלע אויסגע־נומען מיט זיין אומיטלבאַרן, קינסטלערישן אופן פון שפּילן טעאַטער, און זיין נאָמען איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער באַקאַנט און באַרימט. ער איז אויסגעוואַקסן פאַר דער דאָזיקער צייט נישט נאָר גייסטיק, נאָר אויך פי־זיש. ער איז שוין מער נישט געווען דאָס שעמעוודיקע יינגעלע פון אַמאָל, נייערט אַ מאַן, אַ זיכערער אין זיין קונסט און אַן אימפּאָזאַנטער מיט זיין פיזישער שיינקייט. ער האָט שוין איצט פאַרנומען איינעם פון די אָנגע־זעענסטע ערטער אין דער טרופּע און אַלס אַזעלכער האָט ער געפאָדערט דעם געהעריקן געהאַלט און מען האָט עס אים געגעבן אָן אַ שום שוועריקייטן.

אויך אין זיין אויסערלעכקייט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. ער קאָן זיך שוין איצטער דערלויבן צו קליידן אַנדערש. ער איז שטענדיק עלעגאַנט אָנגעטאָן, מיט געשמאַק, אָבער מען זעט נישט אין זיין אַרט קליידן זיך די בילוקע אַקטיאָרישע עלעגאַנץ. אויך קאָן ער זיך שוין פאַר־גינען צו וווינען איינער אַליין אין אַ צימער — אָן אַ שותּף.

די קאָרעספּאָנדענץ מיט סאָניען האַלט ער אָן פּינקטלעך. ער האָט איר אַוועקגעשיקט זיין בילד און בלייבט איר קיינמאָל נישט שולדיק קיין ענטפער אויף קיין שום בריוו נישט. ער באַקומט פון איר בריוו צוויי מאָל אַ וואָך און שרייבט באַלד צוריק. די בריוו סאָניעס לייענט ער צו עטלע־כע מאָל. ער לייענט זיי פאַרן אַנטשלאָפן ווערן, ווען ער ליגט שוין אין בעט. אַ בענקשאַפט, אַ גרויסע בענקשאַפט יאָגט פון צווישן די שורות פון די דאָזיקע בריוו סאָניעס, און שלמהלע ווען ער לייענט דערפילט ער ממש איר אָטעם, ער דערהערט איר שטילן פאַרליבטן פליסטער.

אין איינעם פון אָט די בריוו שרייבט סאָניע:

„...איך האָב באַקומען דיין לעצטן בריוו צוזאַמען מיט דיין בילד. דו זעעסט אויס ווי אַן אמתער פּרינץ... פּרינץ מיינער! מיין נישט, אַז איך האָב אויפגעהערט דיר צו גלויבן, מיין נישט אַז איך האָב פאַרלוירן מיין

צוטרוי צו דיר... איך ווייס אַז קומען וועט דער טאָג ווען דו וועסט זיך באַווייזן אויף דער שוועל פון אונדזער אָרעמער שטוב. יעדע נאַכט חלום איך פון מיין שלמהלען, פון מיין פּרינץ. איך זע ווי די טיר עפנט זיך, און דו, שיין ווי די גאַנצע וועלט קומסט אַריין צו מיר אין צימער. דו זוכסט מיך מיט דיינע גוטע אויגן און איך לאָז מיך לויפן צו דיר... און ווען איך דערוואַך פון שלאָף פיל איך נאָך דעם טעם פון דיינע שטאַרקע אָרעמס וועלכע האָבן מיך אַרומגענומען אין חלום..."

דאָס איז דער לעצט-געקומענער בריוו סאָניעס, און איצטער ליגט שלמהלע אויף זיין געלעגער אין האָטעל און לייענט אים. ער ווערט מיט-געריסן פון אָט די פּשוטע און האַרציקע ווערטער סאָניעס, פון אירע מיידלשע טרוימען און איר געטרייקייט און גלויבן וואָס זי האָט אין אים. ניין, ער וועט נישט אָפּלייגן דאָס שרייבן אַן ענטפער ביז מאָרגן. שוין, איצטער, וועט ער איר ענטפערן.

„...— מיין טייערע — שרייבט ער — אוודאי וועל איך קומען צו דיר. איך וועל זיכער קומען. נאָר נישט ווי אַ פּרינץ, נייערט אַ קינסט-לער. איך וועל דורכברעכן אייזערנע טויערן און איך וועל קומען דיך גליקלעך מאַכן..."

עס הויבט זיך אים אָן אויסדוכטן שלמהלען, אַז ער שרייבט נישט איצטער, נייערט ער רעדט צו איר, צו זיין טייערער, געטרייער סאָ-ניטשקע.

ענדלעך איז דער בריוו פאַרטיק. ער לייגט זיך ווידער אין בעט און שלאָפט איין אַ צופרידענער, אַ שמייכלדיקער און זיינע ליפּן שעפּטשען:

— סאָניע! מיין טייערע סאָניע!

13. — מיליע גלאַז זוכט אַן אָנשפּאַר אין שלמהלען

די געשעפטן אין דער טרופּע זענען אַוועק זייער גוט. ספּיוואַקאָווסקי איז אַוועק און די טרופּע האָט זיך איצטער גערופן: „פּישזאָן און זון“, אָבער טראָץ דעם וואָס ספּיוואַקאָווסקי האָט געפעלט האָט מען זיך זייער גוט אַן עצה געגעבן אָן אים און די פאַרדינסטן האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן.

אין דער טרופּע האָט זיך אויך געפונען אַ געוויסע אַקטריסע מיטן נאָמען מיליע גלאַז — אַ שיינע פרוי און נישט קיין שלעכטע שוישפּילערין. זי האָט אַמאָל געהאַט אַ דורכפאַל אין איר לעבן: זי איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ געליבטן אַן אויסוואורף און זיך אויסגעגליטשט. עס איז איר נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט פון דעם דאָזיקן אויסוואורף זיך צו באַפרייען, און איצטער, הגם זי האָט דערגרייכט אַ געוויסע פּאָזיציע אין טעאַטער, אָבער אויסער דעם ביסל בינע־כבוד וואָס זי האָט געהאַט מצד דעם פּובליקום איז איר גאָרנישט פאַרבליבן אין לעבן. זי האָט געלעבט איינזאַם, אָן אַ ביסעלע פרייד, און אַרומגעבלאָנקעט זיך אין דער טרופּע ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע שאָף.

דער דאָזיקער מיליע גלאַז איז עס אַריינגעפאַלן אין אויג דער יונגער, געראָטענער „סאַלאָמאָן טאָמאַסאָוו“ — שלמהלע. גאַנצענע נעכט פלעגט זי פאַרברענגען שלאָפלאָז, טראַכטן וועגן זיין טאַלאַנט, חלומען וועגן זיין שיינקייט. זי מוז — האָט זי געטראַכט — אַ פּרווו טאָן איר גליק מיט אים. זי וויל דאָך נאָך עפּעס געניסן פונעם קורצן לעבן אירן. יאָ, זי האָט געוווסט אַז זי איז צו אַלט פאַר אים, אָבער... אפשר צוליב איר שיינקייט, זי איז דאָך נאָך פאַרט שיין, אפשר צוליב איר אָנגעזעענעם אָרט וואָס זי פאַרנעמט אין טעאַטער, אפשר צוליב אַנדערע סיבות, וועט איר פאָרט געלונגען צוצוציען שלמהלען צו זיך.

זי האָט אים אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן. ווו ער איז נאָר נישט געשטאַנען איז זי גלייך אויסגעוואַקסן לעבן אים. ווו ער האָט זיך געזעצט, האָט זי זיך גלייך אַוועקגעזעצט דערנעבן. ווען עס פלעגט טרעפן, אַז זיי ביידע האָבן געשפּילט צוזאַמען אַ ליבעס־סצענע פלעגט זי אים קושן אַזוי ליידנשאַפטלעך אַז דער עולם פלעגט פאַרגעסן אַז דאָס איז טעאַטער. שטענדיק

נאָך דער פאָרשטעלונג פלעגט זי אים בעטן, ער זאָל זי באַגלייטן, ער זאָל נישט אַוועקגיין פֿון איר. ער האָט איר נישט געקאָנט אָפּזאָגן קיינמאָל, און זי פלעגט דעמאָלס, פֿרויסגייענדיק מיט אים צוזאַמען, אים נעמען אונ־טערן אָרעם און שטאַרק, גאָר שטאַרק זיך צוטוליען צו אים.

איין מאָל אין אָן אָוונט זענען זיי ווי שטענדיק אַרוים צוזאַמען. זי האָט זיך אַזוי שטאַרק צוגעטוליעט צו אים אַז אים האָט זיך אויסגעדוכט אַז ער הערט דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ. אייגנטלעך האָט זי אים גאָר־נישט באַדאַרפט צו דערציילן. איר פיבערדיקער קערפּער האָט שוין גע־רעדט פאַר איר. שלמהלע האָט צוגעזען איר פאַרלוירנקייט, פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאַר אין איר נשמה און רחמנות באַקומען אויף איר. גייענ־דיק לעבן אים, האָט זי פּלוצלינג אַ פליסטער געטאָן:

— קוש מיך טייערינקער — און זי האָט אים צוגעצויגן צו אירע ליפּן און אים געקושט — זיי מיין פריינט! איך האָב נישט קיינעם... לאָ־מיר זיין פריינט...

„און אפשר איז זי גאָרנישט פאַרליבט אין מיר” — האָט שלמהלע אַ טראַכט געטאָן — אפשר זוכט זי בלויז אַן אָנשפּאַר אָן מיר”.

— אויף וויפיל איך וועל קענען אייך דינען מיט מיין פריינטשאַפט וועל איך עס טאָן — האָט שלמהלע געענטפערט און געזוכט אין זיך ווער־טער, וואָס נאָך צו זאָגן איר. ער האָט דערפילט לעבן זיך אַ הילפסלאָזע פרוי, געוואָלט איר העלפן און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן... ער האָט גע־ער האָט דאָך אַ כלה, וועלכע ער האָט ליב, און ער וועט זי נישט פאַ־ראַטן.

— איך פיל מיט מיט אייך, מיליע — האָט ער ווידער גענומען ריידן שטיל און צאַרט — איך בין גרייט צו זיין אייער פריינט. איך האָב אָבער אַ כלה און מער ווי פריינטשאַפט קאָן איך אייך נישט געבן...

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, — האָט מיליע אים איבערגעשלאָגן די רייד — דו דאַרפסט זיך פאַר מיר נישט פאַרענטפערן. ביסט אַ טייער יינגל, שלמהלע... איך ווייס אַז דו וועסט דיין כלה נישט פאַראַטן, און איך פאַ־דער נישט פון דיר מער ווי גוטפריינטשאַפט... אָבער כאָטש דאָס... כ׳מיין, פריינטשאַפט קאָן איך דיך יאָ בעטן? איז גוט. לאָמיר מאָרגן גיין ערגעץ פאַרברענגען צוזאַמען. וועסט דאָך מיר נישט אָפּזאָגן? מאָרגן נאָך דער פאָרשטעלונג וועלן מיר אַרויסגיין צוזאַמען, מיר וועלן אַוועק אין עפּעס אַ גוטן פאַרוויילונגס־פּלאַץ און מיר וועלן פאַרברענגען אַ נאַכט. זאָגסט מיר צו?

— יאָ, כ׳וועל גיין מיט אייך, — האָט שלמהלע נישט איבעריק גערן צוגעזאָגט — אַ גוטע נאַכט.

— מיין טייערער, מיין ליבער — האָט מיליע געשעפּטשעט און אַלץ מיטגעגאַנגען מיט אים אין דער ריכטונג פון זיין צימער.

— אייער צימער איז דאָ מיליע — האָט אָבער שלמהלע העפלעך און אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן — איך גיי איצטער צו מיין צימער. אַ גוטע נאַכט — און ער האָט איר אַ קוש געטאָן אין האַנט.

— קוש מיך שלמהלע — האָט זי געפּיבערט — איך וויל דיר זיין אַ שוועסטער, אַ מאַמע...

זיי האָבן זיך צעקושט און יעדער איז אַוועק צו זיך אין צימער. שלמהלע איז שפּעטער לאַנג געלעגן אויף זיין געלעגער מיט אָפענע אויגן און נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן וואָס מיט אים איז היינט פאָרגעקומען. ער האָט באַדויערט די אומגליקלעכע מיליע, אָבער נישט מער ווי באַדויערט. ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז ער טאָר זיך נישט אַריינלאָזן מער אין אַזעלכע אַוואַנטורעס.

אָבער ווי אַזוי זאָל ער דאָס טאָן? — האָט ער געטראַכט. ער קאָן דאָך מיטאַמאָל ניט נעמען און אָנהויבן זי אויסמיידן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן אפילו וועגן אַוועקפאָרן פון דער טרופּע, אָבער ניין, ס׳איז אים געווען אַ שאָד דאָס צו טאָן. עס האָט אים איצטער שטאַרק באַנג געטאָן, פאַרוואָס ער האָט איר צוגעזאָגט גיין מיט איר פאַרברענגען.

„איצטער וואונדער איך מיך שוין נישט, פאַרוואָס יונגע מענטשן גליטשן זיך אויס טיילמאָל — האָט שלמהלע געטראַכט — מיט וויפל שטערונגען און פאַסטקעס זענען דאָס פול די וועגן פון דער יוגנט... אָבער ניין! — האָט ער פעסט באַשלאָסן — איך וועל נישט פאַלן. איך וועל זיך באַמיען צו האַלטן פעסט אויף מיין וועג און בלייבן געטריי מיין סאָניען".

אַזוי האָט ער געטראַכט און גערעדט מיט זיך אַליין ביז וואַנען עס האָט שוין אָנגעהויבן גרויען דער טאָג און ערשט דעמאָלט איז ער, אַ פאַרמאַטערטער, אַנטשלאָפן געוואָרן.

14. — שלמהלע איז שיכור — דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן

אויף צומאָרגנס האָט שלמהלע דאָך באַשלאָסן צו האַלטן וואָרט און צוזאַמען מיט מיליען ערגעץ פאַרברענגען אַן אָוונט. באַלד נאָך דער פאַר־שטעלונג האָט ער זיך אָנגעטאָן זיין טונקעלן אָנצוג, וואָס האָט אים זייער געפּאַסט און אַוועק צו דער דאַמען־גאַרדעראָב אָפּוואַרטן מיליען. ס'איז אים אויסגעקומען צו וואַרטן עטלעכע מינוט. „באַ פרויען מוז עס דויערן אַביסל לענגער, ווי געוויינלעך" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

ענדלעך איז מיליע אַרויסגעקומען פון איר גאַרדעראָב און שלמהלע איז איבעראַשט געוואָרן. דאָס ערשטע מאָל ווי ער זעט זי, אַחוץ וואָס אויף דער בינע, אַזוי עלעגאַנט און מיט געשמאַק אָנגעטאָן. זי האָט אים באַגעגנט מיט איר שטענדיקן שמייכל און זיי זענען ביידע אַרויס אויף דער גאַס. שלמהלע האָט צוגערופן אַ פאַרמאַכטן „פאַעטאָן" און זיי זענען אַוועקגעפאָרן.

אין פאַעטאָן זענען זיי געזעסן שווייגנדיקערהייט. מיליע האָט זיך פּעסט איינגעטוליעט אין שלמהלען און ווען ס'איז נאָר מעגלעך געווען געפּרוווט אַריינדרינגען מיט איר דורכנעמענדיקן בליק אין שלמהלעס אויגן אַריין. שלמהלע איז געזעסן שטיל און איינגעהערט זיך אין עפּעס. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז ער הערט דאָס ריטמישע פּולסירן פון מיליעס האַרץ. ווען זיי זענען אַרויס פונעם פאַעטאָן האָבן זיי ערשט באַ־מערקט די שיינקייט פון דער אויסגעשטערנטער רואיקער נאַכט.

דער לאָקאַל אין וועלכן זיי זענען אַריינגעגאַנגען האָט זיך געטונקען אין אַ ים מיט ליכט. אויף אַ קליינעם פּאָדיום איז געשטאַנען אַ שלאַנקע, בויגעוודיקע פרוי און געזונגען. באַ די טישלעך זענען געזעסן כמעט אויס־שליסלעך מענער און די זינגערין האָט בעתן זינגען געהאַלטן אין איין ווינ־קען צו די מענער פון די פאָדערשטע טישלעך. דאָס זינגען אירס איז גע־ווען ציניש און צווידייטיק און אירע אויגן צוזאַמען מיט די באַוועגונגען פון איר קערפּער האָבן נאָך צוגעגעבן אַ ספּעציעלן אויפרייצערישן כאַ־ראַקטער צו איר ליד.

שלמהלע מיט מיליען האָבן זיך געזעצט ביי אַ טישל וואָס איז גע־שטאַנען אין אַ ווינקעלע און געהייסן זיך צוגעבן נאַכטמאָל, ווי אויך אַ

פלאַש פון גוטן ווייַן. זיי האָבן געגעסן, געטרונקען דעם שוימיקן אַלטן ווייַן און בעת־מעשה זיך צוגעקוקט צום פּראָגראַם. עס האָבן געפּאָלגט אַ נומער נאָך אַ נומער. עס זענען אויפגעטראָטן פרויען און מענער, אָבער אַלץ איז געווען אין איין און דעם זעלבן נוסח — אויפרייצן די ליידנשאַפטלעכקייט, אויפברויזן דעם קערפּער. עס האָבן אָבער אויך נישט געפעלט קיין לעכערלעכע מאָמענטן. אַן עלטערע, דיקע פרוי איז אויפגעטראָטן און צו אירע יאָרן האָבן זיך לחלוטין נישט געפּאַסט די חנדלעך וואָס זי האָט געמאַכט צו די מענער. אַלע האָבן געלאַכט, אָבער מער פון אַלעמען שלמהלע און מיליע. זייער קינסטלעריש אויג האָט אפשר מער פון אַלע אַנדערע אויפגעכאַפּט די קאָמישקייט פון דער זינגערן. שלמהלע האָט באַמערקט:

— מענטשן טאָרן ניט טאָן קיין זאַכן, וועלכע פּאַסן ניט פאַר זייערע יאָרן.

מיליע איז פּלוצלינג ערנסט געוואָרן.

— לאָמיר אויסטרינקען — האָט זי נאָך אַ ווײַלע שווײַגן אַ זאָג געטאָן צו שלמהלען און אָנגעקלאַפּט איר גלאָז אין זייַנעם.

זיי האָבן געטרונקען אַ סך. מיליע איז שוין געווען גוט בגילופנדיק. זי האָט געלאַכט כסדר און אַלעמאָל פאַרלאַנגט אַ נייַ פלעשל ווייַן צום טיש. שלמהלע האָט אויך געפילט אַ רויש אין קאָפּ, אָבער דאָך איז ער נישט געווען אויף אַזוי פיל שיכור, אַז ער זאָל ניט באַמערקן אַז עס טאָגט שוין אינדרויסן. די אויפטריטן האָבן זיך שוין פאַרענדיקט. דער זאַל האָט זיך געהאַלטן אין אויסליידיקן.

— שוין צייט צו גיין אַהיים — האָט שלמהלע ווי צו זיך אַ זאָג געטאָן.

— נאָך אַביסעלע לאָמיר דאָ בלייבן — האָט מיליע, אַ שיכורע, זיך געבעטן בא אים. אָבער ער איז געווען אייַנגעשפּאַרט. דער גאַנצער קערפּער זייַנער האָט זיך געפוילט אויפצושטעלן פון אָרט, אָבער עפּעס אַן עקשנותדיקער פאַרלאַנג וואָס שנעלער אַוועקצוגיין פון אָט דעם אָרט האָט אים אונטערגעהויבן און נישט געלאָזט רוען.

— שוין צייט צו גיין אַהיים, מיליע — האָט ער איבערגעחזרט.

ווען זיי זענען ביידע אַרויס אויף דער גאַס, האָבן זיי ערשט דערפילט זייער שיכרות. דער טונקעלער, האַלב־גרויער הימל מיט די בלאַס געוואָרענע שטערן האָט זיך געדרייט פאַר זייערע אויגן ווי אַ דאַך וואָס אָט, אָט, פאַלט ער אַראָפּ אויפן קאָפּ.

אין קאַטש האָט מיליע דעם גאַנצן וועג געלאַכט און געוויינט און געהאַלטן אין איין קושן שלמהלען, וועלכער האָט געפּרוווט זי צו באַרו־

איקן און געצערטלט זי. ווען זיי זענען אָנגעקומען אין האָטעל, האָט מיליע זיך איינגעשפּאַרט: זי וויל ניט זיין איצטער אַליין, זי וויל ניט גיין צו זיך אין צימער. זיי זענען ביידע אַריין צו שלמהלען אין צימער און דאָרט זיך אַ וואָרף געטאָן אין אָנטועכץ אויף שלמהלעס „קאַוואַלערסקע״ בעטל. זיי האָבן זיך אַרומגענומען און שיכורערהייט איינגעשלאָפן ווי צוויי זאָרג־לאָזע, אומשולדיקע קינדער.

ווען זיי האָבן ביידע אויפגעוואַכט איז שוין געווען אַ ליכטיקער טאָג. פאַרשעמטע האָבן זיי געקוקט אויף זיך, ווי זיי וואָלטן זיך נישט געקאָנט דערמאָנען וואָס מיט זיי איז פאָרגעקומען.

— מיר זענען, ווייזט אויס, געווען גוט שיכור — האָט מיליע באַ־מערקט.

שלמהלע האָט געוומען קאָנצענטרירן זיין זכרון. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן איז ער געווען שיכור, און ערשט איצטער הויבט ער זיך ביסלעכווייז אָן צו דערמאָנען די פאַרשיידענע איינצלהייטן פון פאַרגאַנ־גענעם אָוונט. דער קאָפּ האָט אים שטאַרק ווייגעטאָן און ער האָט דער־פילט אַן עקל צו זיך אַליין.

מיליע האָט אים אויפגעמונטערט מיט אַ קוש. זי האָט זיך גענומען אויפרוימען דעם צימער זיינעם און שפּעטער האָט זי געבראַכט אין אָר־דענונג איר טואַלעט בכדי נישט אַרויסצורופן קיין שום פאַרדאַכט. שלמה־לע האָט אַפילו נישט באַמערקט ווען זי איז אַרויס פון צימער. ער האָט בלויז דערהערט ווי די טיר פאַרמאַכט זיך און ערשט דאַן האָט ער דערזען אַז ער איז אַליין. לאַנג, לאַנג איז ער נאָך אַלץ געזעסן אין זיין נייעם. צעקנייטשטן אָנצוג אויפן ראַנד פון זיין בעטל און נישט געקאָנט זיך גע־נוי דערמאָנען ווי אַזוי איז עס געקומען צו דעם אַלעם...

15. — שטאָף פאַר רכילות

אין דער טרופּע האָט מען גאַר גיך אָנגעהויבן באַמערקן דאָס אינטי־מע באַנעמען זיך פון מיליען צו שלמהלען. פרויען רכילותניצעס האָבן עס אויפגעכאַפּט ווי אַן אוצר, און זיי האָבן געהאַלטן אין איין שושקען זיך, דערציילן און רעדן. די טעמע: „מיליע־שלמהלע" איז איצטער געווען אויפן טאָג־אָרדענונג סיי ב״י פראָבעס, סיי ביי די פאָרשטעלונגען און סיי אין גאַרדעראָב. אייניקע אַקטריסעס, וועמען שלמהלע איז שוין פון לאַנג אַריינגעפאַלן אין אויג האָבן געחוזקט מיט אַ ביטער איראָניש שמיי־כעלע:

— זי קאָן דאָך שוין זיין זיינס אַ מאַמע, מיליע טאָקע...

יעדע איינע פון זיי באַזונדער, און אַלע צוזאַמען האָבן זיך געפילט באַליידיקט אין זייער שטאָלץ, אין זייערע געפילן. יעדע איינע פון זיי האָט זיך געפילט אַלס מער פּאַסיקע קאַנדידאַטקע צו זיין שלמהלעס אַ ווייב אָדער געליבטע, ווי מיליע.

ווי אַזוי מען איז אין דער טרופּע געוווירע געוואָרן אַז מיליע האָט געשמועסט ביי שלמהלען אין צימער, האָט קיינער נישט געוווּסט, אָבער יעדער איינער פון דער טרופּע האָט געוווּסט צו דערציילן אַנדערע פּי־קאַנטע איינצלהייטן וועגן זיי ביידן. איז צומאַרגנס נאָך דעם ווי זיי ביי־דע זענען געווען צוזאַמען, האָט די גאַנצע טרופּע געקאָכט ווי אַ קעסל און אויף דער פּראָבע האָט מען נישט גערעדט וועגן קיין שום אַנדערער זאַך. אַלע האָבן געוואָרט, אַז די צוויי „שולדיקע" זאָלן זיך שוין באַווייזן, אַז מען זאָל קאָנען פון זייער אויסערלעכן אויסזען אַרויסדרינגען אַ באַ־שטעטיקונג פאַר דער אָדער יענער פּליאַטקע. אָבער מיליע מיט שלמה־לען זענען אָנגעקומען רואיקע און שמייכלענדיקע ווי קיינמאָל גאַרנישט. זיי זענען געשטאַנען און געשמועסט צווישן זיך, ווי ס'וואָלט צווישן זיי גאַרנישט פאָרגעקומען. אַלע מאָל פלעגן זיי זיך פונאַנדערלאַכן און דאָס האָט נאָך מער געשטאַרקט דעם פאַרדרוס פון די איבעריקע אַקטיאָרן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָבע און אַלעמענס געדאַנקען זענען אַלץ געווען פאַרנומען מיט דער נייער סענסאַציע אין דער טרופּע. פּלוצ־לינג אָבער איז די פּראָבע איבערגעריסן געוואָרן. אין טעאַטער איז גע־

קומען אַ גאַסט — אַ דירעקטאָר פון אַן אַנדערן טעאַטער. אייניקע פון די אַקטיאָרן האָבן אים געקאָנט און זיי האָבן אים אָנגעהויבן פאָרצושטעלן פאַר די אַנדערע.

שלמהלע האָט אַ קוק געטאָן אויפן גאַסט און ער גלויבט נישט זיינע אייגענע אויגן. זאָל עס זיין דער זעלבער קאָזלאָוו — וועמען שלמהלע האָט געזען ביי ר׳ לייזערן אין שטוב? ס׳איז יאָ דער און עפּעס נישט דער... געוואָרן אַ גאַנץ אַנדערער קאָזלאָוו:

אָנגעטאָן אין רייכע קליידער פון דער לעצטער מאָדע, מיט בריליאַנ־טענע רינגען אויף די פינגער, מיט אַ גאָלדענעם זייגער וואָס הענגט אויף אַ דיקער גאָלדענער קייט... ווי אַזוי קאָן דאָס זיין דער זעלבער קאָזלאָוו, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָן אַ גראָשן געלט אין קעשענע זיך איינגעבעטן אויף נאַכטלעגער? ס׳איז דאָך אָבער פאָרט דער. שלמהלע דערקאָנט אים אין זיין אויפן רעדן ווי אַ דעקלאַמאַטאָר, אין זיינע טעאַטראַלישע באַווע־גונגען. אַוודאי איז עס ער, אָן שום ספק.

— איך קאָן אייך — האָט שלמהלע אַ זאָג געטאָן ווען מען האָט אים פאָרגעשטעלט קאָזלאָוון.

— ס׳איז נישט קיין וואונדער — האָט קאָזלאָוו מיט שטאָלץ אויסגע־רופן — קאָזלאָוון קאָן די גאַנצע וועלט. איך אָבער קאָן אייך אויכעט. ס׳איז מיר נאָר שווער צו דערמאָנען זיך פונוואַנען איך קאָן אייך.

— מיר קאָנען זיך נישט פון טעאַטער — האָט שלמהלע געזאָגט — אויב איר קאָנט זיך דערמאָנען זענען מיר אַמאָל ביידע צוזאַמען איינגע־שטאַנען אין דעם זעלבן צימער. אין יעקאַטערינאָסלאַוו איז עס געווען.

— אָך, יאָ — האָט קאָזלאָוו זיך צעלאַכט — אַוודאי דערמאָן איך זיך. זענט איר דאָס דער יונגערמאַן? און איצט רופט מען אייך טאָמאַ־סאָוו? מיר האָבן געהערט פון אייך. ווו קאָן איך אייך שפּעטער זען? — האָט ער שטילערהייט אַ פרעג געטאָן.

— לאָזט מיר אָן אַדרעס און די שעה וועל איך קומען — האָט שלמה־לע געענטפערט.

עמעצער האָט זיך דערנענטערט און זיי האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, בכדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד ביי קיינעם.

— איך האָב געהערט רעדן וועגן אַ יונגן זינגער און אַ טאַלאַנטירטן אַקטיאָר — האָט קאָזלאָוו מכלומרשט גלייכגילטיק ווייטער געצויגן אויפן אויפן הויכן קול — אָבער איך האָב עס מיר גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן אַז טאָמאַסאָוו און דאָס יינגל מיט וועלכן איך האָב דאַן גענעכטיקט אין איין צימער איז איינס און דאָס זעלבע.

שלמהלע האָט פאַרלעגן געשמייכלט און גאָרנישט געענטפערט. קאָזלאָוו האָט נאָך אַ ווונק געטאָן צו אים, געזעגנט זיך און אַוועקגעגאַנגען.

שלמהלע איז געשטאַנען און געטראַכט וועגן קאָזלאָווס איינלאַדונג צו זיך אין האָטעל. בלי־ספק האָט זיך געהאַנדלט דערין, אַז קאָזלאָוו וויל אים אַנגאַזשירן. דער מאַנגל אין יידישע אַקטיאָרן איז צו יענער צייט געווען זייער גרויס און איין דירעקטאָר פלעגט פשוט „גנבענען" אַקטיאָרן ביי אַ צווייטן. דירעקטאָרן פלעגן טיילמאָל קומען אַפילו פאַרשטעלטערהייט אָדער אַלס אומבאַקאַנטע פערזאָנען צו אַן אַנדערער טרופּע, צוזאָגן גרויסע געהאַלטן און אַפילו געבן אַן אַדערויף אויף דער קינסטיקער גאַזשע, און גלייך פאַרשווונדן ווערן צוזאַמען מיט זייער „גנבה".

— ער וויל דיך אַנגאַזשירן? — האָט שלמהלע דערהערט פּלוצלינג אַ פראַגע. דאָס איז געווען מיליע, וועלכע איז צו אים שטילערהייט צוגעגאַנגען.

— איך ווייס נאָך נישט — האָט שלמהלע געענטפערט — ער האָט זיך באַשטעלט מיט מיר. זייער מעגלעך אַז וועגן דעם טאַקע.

— וואָס קלערסטו צו טאָן?

— איך ווייס נאָך נישט. איך האָב נאָך גאָרנישט באַשטימט.

מיליע האָט אַ ציטער געטאָן אָבער זי האָט זיך באַהערשט.

— דיין פאַרלאָזן די טרופּע וואָלט פאַר מיר געווען אַ שווערער קלאַפּ — האָט זי גערעדט מיט אָנשטרענגונג — אָבער איך וואָג דיך נישט צוריקהאַלטן, אָדער חלילה פאַראַטן. אויב דו פילסט אַז דו קאָנסט דיר דערמיט בעסער מאַכן זאָלסטו עס טאָן. איך... איך אַליין וועל דיר נאָך צוהעלפן מיט וואָס איך וועל נאָר קענען.

— איך גלויב דיר, מיליע — האָט שלמהלע, אַ גערירטער פון איר איבערגעגעבנקייט געזאָגט — איך ווייס, אַז דו ביסט זייער, זייער ערלעך צו מיר. גלויב מיר, מיליע, אַז אַן דיר האָב איך נישט בדעה גאָרנישט צו באַשליסן. ווען איך וועל צוריקקומען פון דער זעאונג מיט קאָזלאָוון, וועסטו אַליץ ווייסן.

צו דער באַשטימטער שעה איז שלמהלע אַרויס פון זיין האָטעל־צימער און געלאָזט זיך גיין אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס צו קאָזלאָוון. גייענדיק האָט ער ווידער און ווידעראַמאָל באַטראַכט זיין איצטיקע לאַגע. ס'איז קלאָר געווען פאַר אים, אַז די הויפּט־סיבה צוליב וועלכער ער וויל פאַרלאָזן די פישזאָן־טרופּע איז מיליע. פון איין זייט האָט ער אויף איר רחמנות געהאַט, און ער האָט איר מיטגעפילט, ווויסנדיק וואָס פאַר אַ ווייטיק ער וועט איר פאַרשאַפן מיט זיין אַוועקגיין, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט ער נישט געזען קיין אַנדערן אויסוועג. „מיליע איז אַ

האַרציקע פרוי און מען קאָן זי ליבן — האָט ער געטראַכט — אָבער איך טאָר זיך נישט אַריינלאָזן אין אַזעלכע אַוואַנטורעס. איך וויל נישט אַז איך זאָל שוואַך ווערן, און דאָס קאָן גאָר לייכט געשען, אויב איך וועל זיך נאָך עטלעכע מאָל טרעפן מיט מיליען. איך וויל בלייבן געטריי מיין סאָ־ניטשקען...״

שלמהלע האָט נישט געדענקט ווען ער האָט דורכגעמאַכט דעם וועג צו קאַזלאָווס האָטעל. ער האָט איינגעפונען אַז דער האָטעל ווו קאַזלאָוו שטייט איין, איז אַן ערשטקלאַסיקער. מיט אַ שמייכל האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם אַז יענער קאַזלאָוו, וואָס האָט זיך איינגעבעטן אויף נאַכטלעגער צו ר׳ לייזערן, האָט געזאָגט אַז ער האַלט נישט פון קיין האָטעלן.

קאַזלאָוו איז געזעסן ברייט ביים טיש און גלייך געבעטן שלמהלען זיצן, דערנאָך האָט ער אַ קלונג געטאָן, און ווען דער האָטעל־דינער איז אַריינגעקומען האָט ער געהייסן דערלאַנגען אַ טרונק פאַרן גאַסט.

גלייך דערנאָך ווי דער דינער האָט אַריינגעבראַכט דעם טרונק און אַוועק, איז קאַזלאָוו צוגעטרעטן גלייך צום ענין:

— זענט איר געניויגט צו פאָרן מיט מיר אין מיין טרופּע?

— יאָ — האָט שלמהלע געענטפערט — איך בין גרייט איבערצו־בייטן די פּישזאָן־טרופּע אויף אַן אַנדערע, אָבער... איך וויל הערן באַ־דינגונגען.

קאַזלאָוו האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ צעטעלע, וועלכעס ער האָט, ווייזט אויס, שוין געהאַט צוגעגרייט פון פריער, און פאַרגעלייענט שלמה־לען די באַדינגונגען, אויף וועלכע ער איז גרייט אים צו אַנגאַזשירן. שלמהלע איז געזעסן אַן איבעראַשטער, אַזוי גינסטיק זענען די דאָזיקע באַדינגונגען געווען. געהאַט אַ בריייטן זשעסט אַט דער קאַזלאָוו טאַקע.

— אָבער דער עיקר איז — האָט קאַזלאָוו פאַרענדיקט — אַז איר מוזט מיט מיר גלייך אַוועקפאָרן.

— דאָס קאָן איך נישט טאָן — האָט שלמהלע געענטפערט — איך וויל נישט לייקענען, מיטן קאָנטראַקט בין איך צופרידן, איך בין אַפילו מסכים אים גלייך אונטערצושרייבן, איך קאָן אָבער נישט מסכים זיין מיט אייער לעצטן באַדינג, אַז איך מוז היינט גלייך מיטפאָרן מיט אייך. דאָס מוז אָפּגעלייגט ווערן אויף נאָך צוויי טאָג ווייניקסטנס. איך וויל נישט אַוועקפאָרן פון דער טרופּע ווי אַ גנב. איך וויל זיך געזעגענען מיט איעדן איינעם.

שלמהלע האָט דערביי אַ טראַכט געטאָן, אַז די דאָזיקע צוויי טעג

זועלן אים אויך געבן די מעגלעכקייט צו באַראַטן זיך מיט מיליען, ווייל זי איז די איינציקע וועלכע קאָן אים העלפן אַלץ דורכצופירן בשלום און אין בעסטן אָרדענונג.

קאָזלאָוו האָט געמוזט נאָכגעבן.

— גוט — האָט ער געזאָגט — איך בלייב וואַרטן אויף אייך אָבער מיט איין באַדינג: קיינער טאָר נישט וויסן, אַז איך געפין זיך נאָך דאָ אין שטאָט.

שלמהלע איז איינגעגאַנגען דערויף און אייליק פאַרלאָזט קאָזלאָווס צימער. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער זיך טרעפן מיט מיליען און טיילן זיך מיט איר מיט דער נייעס.

מיליע האָט זיך אַרומגעדרייט אין האָטעל ווו זי איז איינגעשטאַנען זייער אַן אומרואיקע. זי האָט געוווסט, אַז אין אָט דעם מאָמענט געפינט זיך שלמהלע בא קאָזלאָוון און אויסגעקוקט זיך די אויגן וואַרטנדיק אויף זיין צוריקער. זי האָט זיך פשוט נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דער מינוט ווען ער וועט שוין צוריקומען. זי איז געווען קלוג, און האָט גע־ווסט אַז שלמהלע וועט איצטער שוין פאַרלאָזן די טרופע, און זי וועט אים פאַרלירן, אפשר אויף שטענדיק. עס האָט זיך איר אָבער געוואָלט, אַז שלמהלע, איר שלמהלע, איר איינציקע אמתע ליבע אין לעבן, זאָל נישט האַנדלען ביים אַוועקפאָרן ווי אַ פחדן, נייערט ער זאָל פאַרלאָזן די טרופע ווי אַן ערלעכער מענטש. ס'איז איר אַפילו נישט איינגעפאַלן אים איינצוהאַלטן, זי האָט געוווסט אַז זי איז נישט אומשטאַנד דאָס צו טאָן, אָבער אויך האָט זי אים ליב געהאַט מיט יענער איבערגעגעבענער אַרט ליבע וואָס באַרעכנט קודם-כל יענעם, דעם צווייטן צד. זי האָט געוווסט אַז שלמהלע וועט מיט זיין אַוועקפאָרן זיך אויסבעסערן זיין לאַגע און דאָס איז פאַר איר געווען דאָס וויכטיקסטע.

ענדלעך האָט זי זיך דערוואַרט. שלמהלע איז פלוצלינג אויסגעוואַקסן פאַר איר ווי פון אונטערן באָדן אַרויס.

— מיליע — האָט ער אויסגערופן, ווי ער וואָלט בדעה געהאַט זי אויפצוּוועקן פון שלאָף — דו וואַרטסט אויף מיר?

— יאָ, איך וואַרט — האָט זי ציטערנדיק אינגאַנצן געענטפערט און אַרונטערגערוקט איר האַנט אונטער זיין אָרעם — איך בין שוין זייער נייגעריק צו וויסן וואָס האָט דיר קאָזלאָוו פאָרגעלייגט — רעדנדיק האָט זי זיך פעסט צוגעדריקט צו אים.

— הער, טייערינקע, ער וויל מיך אַנגאַזשירן, און אָט דאָס זענען די באַדינגונגען — שלמהלע האָט אַרויסגענומען דאָס צעטל וואָס קאָזלאָוו

האָט אים געגעבן און ווו עס זענען געווען פאַרצייכנט אַלע פּונקטן פונעם קאָנטראַקט.

מיליע האָט געלייענט די באַדינגונגען און אויך זי איז איבעראַשט געוואָרן.

— אויסגעצייכנט — האָט זי אויסגערופן — דאַרפסט זיך אומבאַדינגט לאָזן גלייך אַנגאַזשירן. ווען דאַרפסטו פאָרן?

— ער האָט פאַרלאַנגט אַז איך זאָל מיט אים גלייך היינטיקע נאַכט אַוועקפאָרן, אָבער איך בין נישט מסכים, מיר וועלן עס אָפּלייגן אויף עטלעכע טעג.

— האָסט זייער גוט געטאָן. דו טאָרסט נישט אַוועקפאָרן ווי אַ פּחדן. איך וועל עס דורכפירן, אַז דו וועסט אַוועק פון דער טרופּע ווי אַ מאַן.

— ווי אַזוי וועסט עס טאָן? — האָט שלמהלע נייגעריק געפרעגט.

— דאָס לאָז איבער פאַר מיר — האָט זי מיט אַ זיכערן טאָן געענטפערט — איך דאַרף איבערעדן דעם גאַנצן ענין מיטן אַלטן פישזאָן און אַלץ וועט זיין דערליידיקט.

שלמהלע האָט געקוקט אויף איר מיט אַ שאַרפן דורכדרינגלעכן בליק, ווי ער וואָלט געוואָלט דערגיין אַלע אירע באַהאַלטענע געדאַנקען. זי האָט דערפילט דעם באַדייט פון אָט דעם בליק זיינעם און שטילערהייט אַ זאָג געטאָן:

— טאָרסט נישט זיין שוואַך,יינגעלע מיינער. דו מוזסט אַוועקפאָרן פונדאַנען...

— מיטן שכל פאַרשטיי איך אויך אַזוי — האָט ער מיט אַ פאַרשטיקטן קול געענטפערט — אָבער... — די ווערטער זענען אים שטיין געבליבן אין האַלדז.

— פאָר, פאָר — האָט מיליע ווייטער גערעדט — דו וועסט זיך טרייסטן און פאַרגעסן אָן דער נאַרישער מיליע. דו האָסט אַ כלה, וועסט זיך אַריינוואַרפן אין דיין אַרבעט כדי צו דערגרייכן אַ רומפולע קאַריערע. דו ביסט עס ווערט, און... דו זאָלסט מיך פאַרגעסן... דו מוזסט מיך פאַרגעסן, דו הערסט... און איך... נישט וויכטיק, כ'וועל זיך אויך אַ טרייסט געפינען. פאַר דיין ווילזיין, פאַר דיין גליק בין איך גרייט צו רעזיגנירן פונעם שטראַל וואָס האָט זיך פאַר מיר באַוויזן. איך בין גענוג שטאַרק עס צו טאָן... — אירע אויגן זענען פול געווען מיט טרערן, און זי האָט זיי מיט אַן אַנטשלאָסענער און פעסטער באַוועגונג אָפּגעווישט פון די וויעס — און איצט גיי איך צום דירעקטאָר. זאָרג נישט, איך האָב מיט אים אַן אַלטן חשבון, און עס לוינט אים נישט מיט מיר זיך צו פאַרטשע־

פּען. ער איז מאַכטלאָז קעגן מיר... וואַרט אויף מיר אין דיין צימער — זי האָט אים געגעבן אַ גלעט איבערן קאָפּ און איז איילניק אַוועקגעגאַנגען.

שלמהלע איז נאָך אַ ווײַלע שטיין געבליבן און איר נאָכגעקוקט. דערנאָך איז ער, אַ פאַרטראַכטער, מיט אַ פּאַמעלעכן טראָט אַוועק צו זיך אין צימער. ער האָט זיך אויסגעצויגן אַ מידער און אויפגעברויזטער אויפן בעט און געגומען טראַכטן וועגן מיליען, וועגן איר איבערגעגעבנקייט, וועגן איר מוסטערהאַפטער האַלטונג. ער פאַרשטייט זי נישט. מיליען דאַרף מען קענען פאַרשטיין — האָט ער געטראַכט — נישט פאַראַן קיין גרעסער גליק פאַר אַ מאַן ווי צו פילן די ליבשאַפט און געטרייקייט פון אַזאַ ריינער נשמה ווי מיליע. מער פון אַלץ האָט אים געוווּנדערט, וואָס זי זאָרגט נישט לחלוטין וועגן זיך אַליין, נייערט זי זוכט נאָר אומעטום זיין, שלמהלעס, גליק. זי וויל נאָר אַז אים זאָל גוט זיין. איבערהויפּט איז ער איר דאַנקבאַר געווען דערפאַר, וואָס איר ריינע ליבע האָט אים אָפּגעהיטן פון יעטוועדן מין פאַלשקייט לגבי סאָניטשקען.

פון זיינע טראַכטענישן האָט אים אויפגעוועקט דער קלאַפּ פון דער פלוצלינג אויפגעפּראַלטער טיר און מיליעס פריידיקער אויסגעשריי:

— שלמהלע! אַלץ איז אין אָרדענונג.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, זי אויפגעהויבן אויף די הענט, ווי מען הויבט אויף אַ קינד און זי לאַנג געקושט.

— ווי אַזוי איז עס פאָרגעקומען? דערציילט מיליע — האָט ער פרייליך געשעפּטשעט און פאַרזיכטיק זי אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול.

—ער איז געזעסן בײַ זיך אין צימער — האָט מיליע אַ פאַרסאָפּעטע געגומען דערציילן — ער האָט זיך שטאַרק געחידושט וואָס איך בין פּלוצלינג אַריין צו אים אין צימער. וואָס עפּעס נייעס? האָט ער מיך געפרעגט. איך האָב אים גלייך דערציילט, אַז דו מוזסט באַלד אַוועקפאָרן. פון אָנפאַנג איז ער געוואָרן אויפגערעגט. ער האָט אפילו געפּרווּט סטראַשען אויך, אָבער איך האָב אים גלייך איינגעשטילט. אויב דו וועסט וועלן זיין צו קלוג — האָב איך אים געזאָגט — וועל איך אויך אַוועק פון דער טרופּע. איך האָב אים שטרענג געוואָרנט אַז ער זאָל נישט פּרווון אַפילו אָנצווענדן גוואַלד-מיטלען ווייל... — מיליע האָט זיך פאַרהאַקט ווי איינער וואָס דערזעט פּלוצלינג אַז ער דערציילט שוין צו פיל — ווייל... ווייל ער וועט פאַרלירן. גאָרנישט, גאָרנישט שלמהלע, איך האָב אים בלויז דערמאָנט אָן אַ געוויסן אַלטן חוב וואָס ער איז מיר שולדיק, און ער איז געוואָרן אָפּגעקילט און ווייך ווי אַ פּוטער, כאָטש נעם און לייג אים צו צו אַ וווּנד. ער ווייסט אַז קעגן מיר איז ער מאַכטלאָז... און איצטער, שלמה-

לע, האָט זי פריידיק פאַרענדיקט — איצטער קאָנסטו זיך שוין נעמען פּאַקן און פאָרן מיט מזל.

שלמהלע האָט געטראַכט וועגן דער סודותדיקער בייטש וואָס מיליע האָט קעגן פישזאָנען. עס האָט אים נישט געפּאַסט זי איבערצופרעגן וועגן דעם ענין. שוינזשע זאָל עס דער אַלטער פישזאָן זיין דער אויסוווּרף, וואָס האָט זי אַמאָל אומגליקלעך געמאַכט און וועגן וועלכן זי האָט אים גע־האַט דערציילט.

— זאָלסט מיר באַלד שרייבן — האָט מיליע ווייטער גענומען רעדן — און וואָס עס זאָל נאָר נישט מיט דיר פּאַסירן, זאָלסטו געדענקען אָן מיר, אָן דיין איינציקער שוועסטער — מיט גרוים אָנשטרענגונג האָט זי זיך באַהערשט, כדי נישט אויסצוברעכן מיט אַ געוויין.

— ביסט אַ טייערע — האָט שלמהלע זי אַרומגענומען און געקושט.

זי האָט אָנגעבויגן איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און לענגער זיך נישט געקאָנט באַהערשן. אירע טרערן, טרערן פון גרויסן צער און גרענעצלאָ־זער ליבע זענען איצט געפלאָסן אומגעשטערט.

16. — די טרויעריקע ידיעה

שנעל זענען אריבער די צוויי טעג וואָס קאָזלאָוו האָט געגעבן שלמה־לען אויף צוצוגרייטן זיך צו דער רייזע קיין קיעוו. צו דער באַשטימטער שעה זענען זיינע וואַליזעס שוין געווען פּאַרפּאַקט און ער אַליין האָט גע־האַלטן באַם צוגרייטן זיך אין וועג אַריין, ווען פּלוצלינג איז אַריינגעקו־מען אין צימער דער האָטעל־דינער און אים געבראַכט אַ בריוו פון סאָניען. באַם סאַמע אָנבליק פונעם בריוו האָט שלמהלען עפּעס אַ שלעכט פאַרגע־פיל אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן. שעפּטשענדיק צו זיך אַליין: „דער בריוו ברענגט נישט קיין גוטס" — האָט ער מיט אומגעדולדיקע, נערוועזע פינ־גער צעריסן דעם קאָנווערט און גענומען לייענען:

„טייערע שלמהלע מיינער! — האָט געשריבן סאָניע — מיין מוטער איז געפערלעך קראַנק, און די דאָקטוירים געבן נישט צופיל האָפענונג אַז זי וועט לעבן. דיין סאָניע איז זייער אומגליקלעך... איך פאַרליר מיין גוטע מאַמע, מיין פאָטער גייט אַרום פאַרזאָרגט און איך האָב נישט קיינעם לעבן זיך, וואָס זאָל מיך טרייסטן כאָטש מיט אַ גוט וואָרט. דער איינצי־קער פריינט מיינער, שלמהלע, געפינט זיך אַזוי ווייט פון מיר... זיי נישט בייז אויף מיר, טייערער, וואָס איך שרייב דיר אַזאַ טרויעריקן בריוו. איך בין צו שוואַך אויף אויסצוהאַלטן אַזעלכענע אומגליקן. איך וואָלט דיר מער געשריבן, נאָר איך קאָן נישט. די טרערן שטיקן מיך אין האַלדז און מיין האַנט ציטערט באַם שרייבן...

זיי געזונט מיין שלמהלע — דיין סאָניע.

מיטן טרויעריקן בריוו אין דער האַנט, און מיט אויגן אָנגעפילטע מיט טרערן איז שלמהלע גלייך אַוועק צו מיליען. זי האָט גלייך דערקענט אָן אים, אַז עפּעס האָט פּאַסירט און באַלד אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז געשען שלמהלע?

אָן ווערטער האָט ער איר דערלאַנגט סאָניעס בריוו, וועלכן מיליע האָט איילִיק איבערגעלייענט. ווען זי האָט געענדיקט לייענען האָט זי מיט אַ טרויעריק קול אַ פרעג געטאָן:

— נו, וואָס קלערסטו צו טאָן?

— איך קלער פאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו — האָט ער געענטפערט.

— און וואָס וועט זיין מיטן קאָנטראַקט?

— מיר וועלן מוזן אָפּלייגן דעם קאָנטראַקט אויף נאָך עטלעכע וואָכן.

אַט גיי איך גלייך צו קאַזלאָוון צו באַקענען אים מיטן אינהאַלט פון דעם דאָזיקן בריוו.

— ביסט גערעכט, שלמהלע. אויב ער וועט זיך נויטיקן אין דיר, וועט ער וואַרטן.

שלמהלע איז אין איין אייַלעניש אַוועק צו קאַזלאָוון, אים מודיע געווען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און נישט וואַרטנדיק אפילו וואָס ער וועט זאָגן דערצו, איז ער אַוועק אויף דער פּאָסט און געקלאַפּט אַ טעלעגראַמע סאָניען אַז ער קומט גלייך צו פאָרן.

נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט אים מיליע אַרויסבאַגלייט צום עקספּרעס־צוג.

* *

נישט איבעריק הימלעך האָט שלמהלע פאַרבראַכט די באַנאַכטיקע שעהן אין לויפנדיקן צוג. ער האָט געהאַט פון אַזוי פיל זאַכן צו טראַכטן אַז דער קאָפּ האָט אים אַזש ווי געטאָן. פאַר זיינע אויגן האָט געשוועבט דאָס בילד פון דער געטרייער, איבערגעגעבענער מיליען. ער איז געווען פול מיט דאַנקבאַרקייט צו איר. ער האָט איצטער נאָכאַמאָל גוט איבערגעטראַכט אַ יעדע האַנדלונג אירע לגבי אים, לגבי שלמהלען, און וואָס מער ער האָט אַריינגעטראַכט דערין, אַלץ מער האָט ער געפונען מעלות אין איר. ער האָט ערשט איצטער באַנומען איר געטרייקייט, איר צאַרטקייט, טאַקט און איידלקייט... דערנאָך האָט ער גענומען טראַכטן וועגן סאָניען. ער האָט זיך באַמיט אַרויסצוכישופן פון זיין זכרון איר הערלעכע געשטאַלט, די טייערע, ליבע שטריכן פון איר יונג, מיידלש פּנימל. ער האָט אָנגעהויבן וועקן אויפסניי אין זיין דמיון די גליקלעכע מינוטן וואָס ער האָט מיט איר פאַרבראַכט אין יעקאַטערינאָסלאַוו, איר לאַכן, אירע קושן, אירע פאַרליבטע בליקן... איצטער איז דאָס דאָזיקע טייערע מיידל אַזוי אומגליקלעך, און ער, ווער ווייסט צי ער וועט איר קאָנען העלפן מיט עפּעס, ווייל וואָס קאָן ער דען טאָן אין אַנבליק פון דעם דאָזיקן שרעקלעכן אומגליק, וואָס דער גורל האָט איר געבראַכט?...

דער גערויש פון די באַן־רעדער האָט אים איינגעשלעפערט און מאָדנע חלומות האָבן אָנגעהויבן צו פאַרוויגן זיין מידן קאָפּ. ער האָט דערזען אַ גרויסן אָנגעלויף פון מענטשן, וואָס וויינען און שרייען. אָט טראָגט מען אַ שוואַרץ־באַדעקטן אָרון און אַ גרויסער עולם גייט נאָך זיי ביידן, שלמהלען און סאָניען. ער פירט זי אונטערן אָרעם און זיי ביידע זענען אָנגעטאָן אין שוואַרצע טרויער־קליידער. פּלוצלינג דערפילט שלמהלע אַז

נאָך עמעצער שפּאַנט האַרט לעבן אים און האַלט אים אונטער באַם אַנ־דערן אָרעם. דאָס איז מיליע, אויך אָן אַנגעטוענע אין שוואַרצן. אַלע שפּאַ־נען פּאַמעלעך, טראָט ביי טראָט מיט אויגן אַראָפּגעלאָזטע. אַזוי שווער איז צו הויבן די פיס אין אָט דעם גאַנג, אַזוי שווער איז צו אָטעמען, עפּעס דריקט און דריקט אויפן האַרצן. ווען וועט זיך שוין ענדיקן דאָס אַלץ? ווען וועט מען שוין אויפהערן צו שפּאַנען אַזוי פּאַמעלעך און מיד נאָכן אָרון? עפּעס אַ שווערע האַנט דריקט און דריקט אויף זיין אַקסל.

שלמהלע האָט זיך איבערגעוועקט מיט אַ געשריי און דערזען לעבן זיך דעם באַן־קאָנדוקטאָר.

— שטייט אויף, גאָספּאָדין — האָט יענער אים געוועקט מיט אַ היי־זעריקער באַסן־שטימע — מיר זענען שוין אין יעקאַטערינאָסלאַוו.

שלמהלע איז געווען אַזוי צעטומלט אַז ער האָט זיך קוים געקאָנט פונאַנדערקלייבן אַוו ער געפינט זיך, און פונוואַנען האָט ער זיך דאָ דער־נומען. ער איז אַרוים פון וואַגאָן און די נאַכטיקע קילע לופט האָט אים אויפגעמונטערט. ער האָט גענומען אַ פאַעטאָן און אַ וואָרף געטאָן דעם יאַמשטשיק דעם אַדרעס פון ר׳ לייזערס שטוב.

ווען דער פאַעטאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער הייזקע פון ר׳ לייזערן, האָט שלמהלען אַ מאָדנער געפיל אַרומגענומען. אַזוי פיל פריי־דיקע מינוטן, אַזוי פיל היימישקייט און וואַרעמקייט האָט ער אין דער דאָזיקער הייזקע איבערגעלעבט און איצטער שלאָגט פון דאַנען אַ מרה־שחורה און אַ מוראדיקע עצבות. דער פאָרטאָג איז געווען אַ פאַרוואָלקנ־טער און טונקעלער, און פון ר׳ לייזערס שטוב האָט דורך די פענצטער זיך דורכגעשלאָגן אַ בלאַסע שיין. שלמהלע האָט לייכט אַ דרוק געטאָן די קליאַמקע און די טיר האָט זיך גלייך געעפנט. שלמהלע איז אַריין אַ צי־טערדיקער אינעווייניק און נאָך אים דער יאַמשטשיק מיט דעם געפּעק.

די פיס האָבן באַ שלמהלען אַ ציטער געטאָן, ווען ער האָט דערזען דאָס בילד:

אויף דער ערד איז געלעגן אַ מת צוגעדעקט מיט שוואַרצן, מיט צוויי הויכע אָנגעצונדענע ליכט צוקאָפּנס. די שטוב איז פול געווען מיט קרו־בים און שכנים. ר׳ לייזער איז געזעסן אויף דער ערד נעבן מת מיט זיין קאָפּ אַריינגעגראָבן אין די הענט.

די ערשטע וואָס האָט דערזען שלמהלען איז געווען סאָניע. זי האָט זיך צו אים אַ וואָרף געטאָן מיט אַ יאָמערדיקן געוויין. ער האָט זי באַ־רואיקט אָן ווערטער און ביידע זענען געשטאַנען פעסט אַרומגעאַרעמט און שטיל געוויינט. צווישן די אָנוועזנדיקע איז דורך אַ שטילער פליסטער:

— דאָס איז איר חתן...

— ער איז געקומען זי טרייסטן...

סאָניע האָט לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך, און די ערשטע ווער־טער אירע זענען געווען:

— נישטאָ מער מיין מאַמע! האָסטו דען זיך געקאָנט פאָרשטעלן אַזעלכעס? מיין מאַמע... מיין טייערע מאַמע...

שלמהלע האָט געזוכט ווערטער צו טרייסטן סאָניען, אָבער ער האָט זיי נישט געקאָנט אין זיך געפינען. ער האָט פאַרשטאַנען אַז צו סאָניעס אומגליק איז נישטאָ קיין טרייסט.

— באַרואיק זיך טייערינקע מיינע! — האָט ער געהאַלטן אין איין שעפּטשען מיט ציטערדיקע ליפּן — באַרואיק זיך! מען מוז זיך שטאַרקן. מען מוז זיין שטאַרק. דאָס לעבן איז שטאַרקער פון אַלץ...

ער האָט זי צוגעפירט צו אַ שטול און גלעטנדיק אירע האָר האָט ער זיך געבעטן ביי איר, ווי ביי אַ קינד:

— זעץ זיך, מיין טייערע, זעץ זיך אָט־אָ דאָ אויף דער שטול. דו האַלטסט זיך דאָך קוים אויף די פיס — ער האָט אַרויסגענומען פון זיין טאַש אַ טיכעלע און געווישט די טרערן וואָס זענען גערונען אָן אויפהער איבער אירע בלאַסע באַקן.

דערנאָך איז שלמהלע צוגעגאַנגען צו ר' לייזערן. די צוויי מענער האָבן זיך דערלאַנגט די הענט נישט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט. זיי האָבן זיך בלויז אָנגעקוקט און אין זייערע בליקן איז געווען מער ווי מען קאָן דאָס אויסדריקן מיט ווערטער. ר' לייזער האָט געשאָקלט מיט זיין גרויען קאָפּ אָנווייזנדיק מיט די פאַרטרערטע אויגן זיינע אויפן ליגנדיקן מת.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ גרויער און אומעטיקער. ער האָט זיך אויסגעדוכט אַז די טריבקייט פון אָט דעם פרימאָרגן האָט איינגעהילט די גאַנצע וועלט וועלכע טרויערט נאָך טעמעס טויט.

צו דער לוויה זענען זיך צונויפגעקומען די משפחה, שכנים און סתם גוטע פריינט. ווען די עגלה איז צוגעפאָרן צו ר' לייזערס הייזקע און מ'האָט אַרויסגעטראָגן דעם מת, האָט צוזאַמען מיטן געיאָמער און געוויין פונעם עולם, אויך דער הימל זיך צעוויינט — עס האָט גענומען טריפן אַ דורכנעמענדיק, קאַלט, דריבנע רעגנדל.

שלמהלע האָט איצטער ווידעראַמאָל איבערגעלעבט זיין נאַכטיקן חלום, אָבער דאָס מאָל אויף דער וואָר. די לוויה האָט געצויגן פּאַמעלעך איבער די פאַרעגנטע וויינענדיקע גאַסן צום בית־עלמין, און שלמהלע איז געגאַנגען טראָט ביי טראָט נעבן דער פאַריתומטער סאָניען, נישט פאַר־לאָזנדיק זי אויף קיין איין מינוט אַפילו. ער האָט פעסט, פעסט צוגעדריקט

צו זיך איר אָרעם, ווי ער וואָלט געוואָלט דערמיט געבן איר צו פאַרשטיין, אַז ער, שלמהלע, איז דאָ נעבן איר, אַז זי האָט אויף וועמען זיך אָנצו־שפּאַרן, אַז זי דאַרף זיך שטאַרקן, ווייל זי האָט פאַר וואָס און פאַר וועמען צו לעבן.

17. — נאָך דער שבעה

שלמהלע איז נאָך פאַרבליבן אין יעקאַטערינאָסלאַוו ביז איבער שבעה. ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן ר׳ לייזערן און סאָניטשקען איינזאַם אין זייער עלנט. ער איז אַרומגעגאַנגען נעבן זיי מיט שטילע טריט און צוגעקוקט ווי זיי זיצן ביידע, טאַטע און טאָכטער, אַ גאַנצענעם טאָג אויף די נידעריקע בענקלעך, מיט פענעמער פאַרגליווערטע פון ווייַ און פיין, און בלויז טיילמאָל ברעכט אויס סאָניע מיט אַ האַרצרייסנ-דיק געוויין.

דערנאָך האָט זיך אַלץ ווי איינגעשטילט. עס האָט זיך אויסגעדוכט אַז דער שטילער טרויער איז שוין דאָ אַ לאַנגסטיקער גאַסט. ר׳ לייזער פלעגט גיין צוויי מאָל אין טאָג אין דער נאָנטער שול אַריין זאָגן קדיש נאָך זיין ווייב. סאָניע האָט אַלץ געשוויגן, אַן אַפּהענטיקע און ווי פאַר-שטיינערטע פון טרויער. דאָס באַלעבאַטישקייט אין שטוב האָט געפירט ר׳ לייזערס אַ ווייטע קרובה, אַן אלמנה, און שלמהלען קוקנדיק אויף איר איז באַלד איינגעפאַלן אַז ס׳איז גאַנץ מעגלעך אַז ר׳ לייזער וועט, אַלס פרומער ייד, לאַנג נישט וואַרטן נאָך טעמעס טויט. דאָס יאָר אַרומפאָרן מיט דער טרופּע האָט שלמהלען גאָר ניכטער געמאַכט, און ער האָט אָנ-געהויבן צו זען און באַנעמען זאַכן מער רייף ווי ביז איצטער. דער אופן ווי אַזוי אָט די יידענע האָט אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען אין ר׳ לייזערס שטוב האָט אים, שלמהלען, באַלד אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק, אַז סאָניען דראָעט אַ געפאַר און מען דאַרף מיט איר אַ רעד טאָן דערוועגן.

ער האָט אויסגעזוכט אַ מאָמענט ווען ר׳ לייזער איז נישט געווען אין שטוב און פאַרזיכטיק גענומען איינטענהען מיט סאָניען:

— דו ווייסט, אַז עס איז מעגלעך, אַז דיין טאַטע זאָל מוזן אַריינגע-מען אַ פרוי אין שטוב אַריין?...

צוערשט האָט סאָניע אַפילו נישט באַנומען ווי געהעריק דעם באַ-טייט פון די דאָזיקע ווערטער; אָבער שפּעטער האָט עס איר ווי אַ שניט געטאָן אין האַרצן.

— איז עס מעגלעך? — האָט זי אַ פרעג געטאָן קינדיש — איז עס מעגלעך אַז דער טאַטע זאָל שוין אַזוי שנעל פאַרגעסן אָן דער מאַמען מיינער?

ער האָט איר גאָרנישט געענטפערט און זי האָט ווייטער צו אים גערעדט. אייגנטלעך נישט צו אים, זיי האָט גערעדט צו זיך אַליין, גע־טראַכט אויפן הויכן קול:

— הפנים אַז דאָס לעבן איז צו פאַרפּלאָנטערט אַז איך זאָל עס קאָ־נען פאַרשטיין... איז ווי מיינסטו שלמהלע? איז דאָס טאַקע מעגלעך אַז דער טאַטע זאָל אָן איר פאַרגעסן? אָן איר? אָנעם ליבסטן מענטשן?

וואָס מער זי האָט אַריינגעטראַכט אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ מין זאַך, אַלץ קלאָרער האָט זי געזען דעם געפאַר וואָס דראָעט איר אַליין אויכעט:

— איך זע מיך שוין ווי אַן איבעריקע אין מיין טאַטנס שטוב... — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט מיט שרעק.

שלמהלע האָט זי געוואָלט באַרואיקן:

— מיר האָבן נאָך זייער פיל זאַכן צו באַשליסן, סאָניטשקע — האָט ער געזאָגט אַ פאַרטראַכטער — אָבער איין זאַך פאָדער איך פון דיר: זאָלסט שטיין מיט מיר שטענדיק אין ענגן קאָנטאַקט. איך פאַרלאַנג פון דיר יעדן טאָג אַ בריוו, און איך פאַרזיכער דיך אַז איך וועל דיר נישט שולדיק בלייבן קיין ענטפער.

ער האָט איבערגעריסן אויף אַ ווייל און ווידער גענומען רעדן:

— אַזוי וועט עס געשען סאָניע, איך בין זיכער דערין. דיין טאַטע וועט נישט קאָנען לעבן איינזאַם. איז אויב דאָס וואָס מוז קומען, וועט קומען, זאָל איך עס כאָטש גלייך וויסן, אין דער ריכטיקער צייט.

ער האָט זי צוגעטוליעט צו זיך ווי מען טוליעט איין אַ קינד, וועל־כעם מען האָט אָנגעשראָקן, דערנאָך האָט ער איר לאַנג געקוקט אין די אויגן וואָס זענען פול געווען מיט ווייי און טרערן און שטיל גערעדט:

— דיין שלמהלע וועט קומען צו דיר, און מיר וועלן חתונה האָבן. איך וועל דיך אַרויסנעמען פונדאַנען און מיר וועלן שוין זיין צוזאַמען אויף אייביק. דו הערסט? צוזאַמען אויף אייביק...

***

יעדן טאָג האָט שלמהלע איצטער באַקומען אַן אַנדערן בריוו פון קאָזלאָוון מיט אַ פאָדערונג וואָס שנעלער צו קומען קיין קיעוו, און צום סוף האָט שלמהלע איינגעזען אַז ער איז שוין געצוווּנגען צו באַשטימען דעם טאָג פון זיין רייזע.

סאָניטשקע, ווען זי האָט זיך דערוווּסט אַז שלמהלע האָט שוין באַ־שטימט דעם טאָג פון זיין אַרויספאָר, האָט זי באַלד דערפילט אַ נייעם

שטיין וואָס דריקט איר אויפן האַרצן. זי האָט זיך באַמיט אַפילו דאָס דאָ זיקע נישט אַרויסצוווייזן אָבער שלמהלע האָט עס גלייך באַמערקט. ער האָט געפּרוווט זי באַרויקן מיט גוטע רייד, אָבער ער האָט געזען אַז עס העלפט נישט. ער אַליין האָט עס פאַרשטאַנען, ער האָט פאַרשטאַנען איר עלנט, איר שטאַרקע בענקשאַפט צו אים, איר ווילן צו בלייבן אַליין, אָבער מיט וואָס האָט ער איר דען געקאָנט העלפן?

צו דער שיף מיט וועלכער ער איז אָפּגעפאָרן קיין קיעוו האָבן אים אַרויסבאַגלייט ביידע: ר' לייזער און סאַניטשקע. ס'איז געווען אַ מילדער זומערדיקער אָוונט, אַ צוגעדעקטער מיט אַ טונקל-בלויען אויסגעשטערנטן הימל. פון דער ווייטנס האָבן גערופן און געוווּנקען די לעמפּעלעך ביים אַרויפגאַנג צו דער שיף, וועלכע האָבן זיך פילפאַכיק אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער. דער ברייט-צעגאָסענער דניעפּער האָט אויסגעזען ווי אַ כישוף-מעשהלע. שלמהלע איז געווען אַנטציקט דערפון וואָס ער וועט פאָרן מיט דער שיף — ס'איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן וואָס אים קומט אויס צו מאַכן אַ רייזע מיט אַ שיף. סאַניע האָט געקוקט אויפן טייך, אויף דער שיף, אויף די פליעסקענדיקע כוואַליעס און טראַץ דער שיינקייט פון אַרום האָבן פאַרשידענע טרויעריקע מחשבות זיך אַרומגעבלאָנקעט אין איר קאָפּ. דאָס לעצטע מאָל האָט זי זיך צעקושט מיט שלמהלען, געהערט ווי די שיף פייפט און הודיעט, געזען ווי די שיף, אַ העל-באַלויכטענע, שווימט אָפּ און דערווייטערט זיך פון ברעג, געטראַכט וועגן דעם, אַז דאָרט אויף דער שיף געפינט זיך איר שלמהלע, און אַז ס'וואָלט גע־ווען גוט, זייער גוט, ווען זי זאָל קאָנען איצטער פאָרן מיט אים צוזאַמען אי־בערן דניעפּער אויף אָט דער שיף טאַקע.

— די וועלט איז שיין, זייער שיין — האָט זי שטיל געפּליסטערט — שלמהלע איז גערעכט, ס'איז כדאַי צו לעבן אין אַזאַ שיינער וועלט, און נאָך דערצו צו האָבן אים, שלמהלען טאַקע, נעבן זיך...

זי איז נאָך לאַנג געשטאַנען מיט ר' לייזערן ביינאַנד אויפן ברעג פון דניעפּער און אַזוי לאַנג נאָכגעקוקט דער שיף, ביז וואַנען מען האָט שוין פון דער ווייטנס נישט געזען מער ווי אַ בלישטשענדיק קינדער־שפּילכל, אַ קליין גלאַנציק פינטעלע אין דער טונקעלער בלויקייט פון דער זומערדיקער נאַכט.

***

שלמהלע איז אויך געבליבן שטיין אויף דער שיף, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן צו דערווייטערן פון ברעג. עס האָט זיך אים שטאַרק נישט געוואָלט שיידן זיך פון סאַניעס בילד, ווי זי שטייט אויפן ברעג און קוקט

צו אים מיט פאַרליבטע אויגן. ער איז אַזוי געשטאַנען און געקוקט, ביז וואַנען דאָס טייערע בילד האָט זיך אויסגעמישט מיט באַנאַכטיקער בלויקייט און ער האָט דערזען אַז ער געפינט זיך אויף אַ שיף מיט פרעמדע, אומבאַקאַנטע מענטשן, איינער אַליין צווישן דעם בלויען אויסגעשטערנטן הימל און דעם טונקעלן וואַסער.

אָבער אויך דעמאָלט האָט זיך אים נאָך אַלץ נישט געגלוסט אַראָפּגיין צו זיך אין קאַיוטע. ער האָט אַרומגעשפּאַנט אויפן דעק, אַן איינזאַמער צווישן די שפּאַצירנדיקע פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן באַוווּנדערט דעם פּראַכט פון דער זומערדיקער נאַכט.

ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ שטיל ווינקעלע ווו ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און געגומען באַטראַכטן זיינע פּלענער. פון אַט דעם ווינקעלע האָט זיך געזען דאָס שוימיקע אַנטלויפנדיקע וואַסער און צווישן די כוואַליעס האָט זיך געמינעט סאַניעס געשטאַלט... דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן מיליען. יאָ, זי איז אַ האַרציקע פרוי און מען דאַרף זיך באַציען צו איר מיט דאַנקבאַרקייט. אַט באַלד ווי ער קומט קיין קיעוו וועט ער איר גלייך שרייבן אַ בריוו. זי פאַרדינט אַז מען זאָל מיט איר אָנהאַלטן די פריינטשאַפט.

ער האָט פלוצלינג דערפילט אַ מידקייט אין גאַנצן קערפּער זיינעם און אַ דורכגענומענער פון דער נאַכטיקער קילקייט איז ער אַראָפּ צו זיך אין קאַבינע, זיך אויסרוען אַביסל.

ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען די שיף איז אַריינגעקומען אין קיעווער האַפן. באַם אויסשטייגן האָט שלמהלע גלייך דערזען קאַזלאָוון וועלכער האָט אים דאָרט אָפּגעוואַרט אין דער געזעלשאַפט פון אַ יונגער, שיינער דאַמע.

— גאַספּאַדין טאַמאַסאָוו! — האָט קאַזלאָוו אויסגעשריגן אַ דערפרייטער און לאַנג געדריקט שלמהלען די האַנט, דערנאָך, ווי ער וואָלט זיך אַן עפּעס דערמאַנט, האָט ער אים פאָרגעשטעלט פאַר דער יונגער דאַמע.

— מיין פרוי! — האָט ער שטאָלץ אַ זאָג געטאָן.

18. — דער ערשטער אויפטריט ביי קאַזלאָוון

דאָס אָנקומען פונעם באַרימטן אַקטיאָר סאַלאָמאָן טאָמאַסאָוו האָט אָנגעמאַכט נישט קיין קליינעם רעש אין דער טרופע פון קאַזלאָוון. שלמהלע אַליין האָט גאָרנישט געוווּסט און אַפילו זיך נישט פאָרגע־שטעלט, אַז ער איז אַזוי באַרימט געוואָרן במשך פונעם ערשטן יאָר פון זיינע אויפטריטן. ערשט איצטער האָט ער דערזען אַז אין אַלע אַנדערע יידישע טרופעס וואָס אין רוסלאַנד האָט ער אַ פיל גרעסערן נאָמען, ווי ער האָט עס געהאַט אין דער פישזאָן־טרופע, וווּ ר׳איז אייגנטלעך אויס־געוואַקסן.

די אַקטיאָרן פון דער קאַזלאָוו־טרופע האָבן געזען דערין אַ גרויסן כבוד וואָס קאַזלאָוו אַליין מיט זיין פרוי זענען אים געגאַנגען אַפּוואַרטן ביי דער שיף. קאַזלאָווס פרוי, די יונגע סטעפאַ קאַזלאָוו האָט חתונה גע־האָט מיט אים בלויז פון דאַנקבאַרקייט, ווייל קאַזלאָוו האָט זי דערהויבן צו אַן ערשטער אַקטריסע אין דער טרופע. זי האָט אים נישט איבעריק ליב געהאַט און איר איינציקע באַפרידיקונג איז געווען דער אויבנאָן וואָס ער האָט איר געגעבן אין דער טרופע. חברה אַקטיאָרן וועלכע זענען אין זייער רוב באַשטאַנען פון „אַקטיאָרישע פאָרפעלקער", האָבן באַלד ביים ערשטן טאָג גענומען אונטערשמייכלען צווזעענדיק ווי סטעפאַ שאַרפט זיך שוין אירע צייכדלעך אויפן אַקערשט געקומענעם געהויבע־נעם גאַסט, אויף סאַלאָמאָן טאָמאַסאָוו.

אַלם ערשטע פאָרשטעלונג נאָך שלמהלעס אָנקומען האָט מען אויפ־געפירט אַ האַלב־מאָדערנע אָפּערעטע, ווו שלמהלע האָט געדאַרפט שפּילן דעם ליבהאָבער און סטעפאַ, די יונגע דירעקטאָרשע, — זיין געליבטע. די טרופע וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ פאַרשידענעם עלעמענט, יונגע און אַלטע (געווען אַזעלכע וואָס האָבן נאָך געדענקט די גאָלדפאַדען־עפּאָכע) האָבן זיך אינטענסיוו געגרייט צו דער פּרעמיערע. אַלע זענען געווען נייגעריק ווי אַזוי דער יונגער באַרימטער גאַסט וועט מאַכן זיין ראָל. אויך שלמהלע האָט איצטער דערפילט דעם אַזוי באַקאַנטן לאַמפּן־פיבער. ווי ס׳זאָל נישט זיין האָט ער איצטער געדאַרפט אויפטרעטן צווי־שן אומבאַקאַנטע פאַר אים אַקטיאָרן, אין אַ אַ נייער, פרעמדער סביבה.

דאָס קיעווער „אינטימע טעאַטער" ווו די טרופּע האָט געשפּילט איז געווען צו קליין אויף אַריינצונעמען דעם גרויסן עולם, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שטראָמען פון אַלע עקן שטאָט. אָט איז שוין די פאָרשטעלונג אין גאַנג. דער באַרימטער אַקטיאָר סאַלאָמאָן טאָמאַסאָוו איז שוין אויף דער בינע און די אַקטיאָרן וואָס נעמען פונקט נישט קיין אָנטייל שטייען הינטער די קוליסן און וואַרפן זיך איבער מיט מיינונגען:

— אָט דאָס איז אַ ריכטיק פּאָרל...

— אַזאַ יאָר אויף מיר וואָס פאַר אַ שיין פּאָרל דאָס וואָלט געווען — ווינטשט זיך אָן אַלטע אַקטריסע, וואָס שפּילט שטענדיק די ראָל פון „קאַמישע אַלטע".

— פיין, פיין... — האָבן מודה געווען אַלע.

די פאָרשטעלונג איז אַדורך דערפאָלגרייך. שלמהלע האָט באַלד בײַ דער ערשטער פאָרשטעלונג זיך געשאַפן אַ נאָמען בײַם עולם מיט זיין אויפטריט, און אויך די אַקטיאָרן האָבן אים אָנגעהויבן מער צו רעספּעקטירן.

שפּעטער, נאָך דער פאָרשטעלונג, איז שלמהלע געלעגן בײַ זיך אין האָטעל-צימער אויפן בעט און ווידעראַמאָל באַקלערט זיין היינטיקן אויפטריט. „איז עס טאַקע געווען אַזוי גוט, אָדער זיי מאַכן מיר סתם קאָמפּלימענטן?" — האָט ער בײַ זיך אַליין געפרעגט. ער האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָנען פאַרשיידענע דעטאַלן פון דער פאָרשטעלונג, וועלכע וואָלטן, לויט זיין מיינונג געקאָנט געמאַכט ווערן פיל בעסער. דערנאָך איז אים געקומען אויפן געדאַנק די יונגע פאַרטנערשע זיינע, מאַדאַם סטעפאַ קאָזלאָוו, און ער האָט זיך צעשמייכלט.

— שוין צו שטאַרק רעאַליסטיש מאַכט זי די ליבע-סצענעס, אָט-די סטעפאַ — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט — אָבער נישקשה. ס'איז נאָך גוט וואָס זי איז אַ גאַנץ באַטעמט ווייבל... אויך מיליע האָט אָנגעהויבן אויפן זעלבן אופן...

דערמאָנענדיק זיך וועגן מיליען האָט ער זיך איינגעוועגס דערמאָנט, אַז ער דאַרף זיך נעמען צום שרייבן בריוו. ווי אַן אַפּגעבריטער איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און זיך געזעצט צום שרייבטיש.

צוערשט האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו סאָניען. ער האָט איר מיט שטאָלץ געשריבן וועגן דעם גרויסן דערפאָלג וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיין ערשטן אויפטריט. ער האָט געשריבן וועגן זיין אָנקומען קיין קיעוו, וועגן דער שטאָט, די נייע קאָנטשאַפטן, וועגן אַלעם וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, געקאָנט זי פאַראינטערעסירן. דערנאָך האָט ער באַלד געשריבן אַ בריוו צו מיליען. ער האָט איר באַשריבן די טרופּע-קאָזלאָוו, די נייע

סביבה וואָס רינגלט אים איצטער אַרום, וועגן דעם אופן פון אויפירן פיעסן, און וועגן זיין דאַנקבאַרקייט און פריינטשאַפט צו איר, צו מיליען טאַקע.

שלמהלע האָט זיך גאָר גיך איינגעלעבט אין דער קאַזלאָוו-טרופּע. די נייע סביבה איז אים געווען זייער סימפּאַטיש. אַלע פלעגן אים פריינטלעך און העפלעך באַגריסן און קוקן אויף אים מיט פאַרליבטע אויגן, בפרט די דאַמען... די כאַריסטקעס פון דער טרופּע האָבן געלויערט פון אַלע זייטן אויפן נייעם אַרטיסטישן שטערן, אָבער ווי באַלד זיי האָבן באַמערקט סטעפּאַס באַציאונג צו אים, האָבן זיי שוין נישט געוואַגט זיך צו דערנענטערן. שלמהלע האָט דאָס אַלץ פאַרשטאַנען. ער איז שוין מער נישט געווען דאָס נאַיווע יינגעלע פון דער פישזאָן-טרופּע. ער האָט אויפגענומען די אַלע צייכנס פון פאַרערונג און פריינטשאַפט ווי אַ נאַטירלעכע זאַך. מיט אַ שמייכעלע פון אַ העפלעכן קאַוואַליר אויף די ליפּן איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן זיינע נייע חברים אַ זיגרייכער, אַ דערפאַלגרייכער און אַ זיכערער אין זיך אַליין.

19. — אַקטיאָרן קריטיקירן

צו יענער צייט האָבן נאָך אין די יידישע טרופּעס נישט עקזיסטירט קיין רעזשיסאָרן. יעדער איינער האָט געמאַכט זיין ראָל אַזוי ווי ער אַליין האָט עס פאַרשטאַנען און געפילט, לויטן אייגענעם איינזען. מען האָט נישט געוווסט וואָס מיינט דאָס אַזעלכעס „רעאַליזם״. די בינע איז פול געווען מיט פּאַטעטישער דעקלאַמאַציע און דער עיקר באַם שפּילן איז געווען צו רעדן הויך, דער עולם זאָל הערן.

שלמהלע האָט אַליין נישט געוווסט פונוואַנען ס׳האָט זיך צו אים דערנומען דער געדאַנק, אַז שפּילן דאַרף מען נאַטירלעך, אַז אויף דער בינע דאַרף מען זיך באַנעמען אַזוי ווי אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אַז מיט שרייען צייגט מען קיינעם נישט איבער, נאָר פאַרקערט, מיט שטיל רעדן קאָן מען טיילמאָל מער איבערצייגן דעם צושויער.

ס׳האָבן זיך באַלד געפונען אין דער קאָזלאָוו־טרופּע אַקטיאָרן וועלכע האָבן פאַר אָט דעם אַלעם שטאַרק אים גענומען קריטיקירן און געזוכט פעלערן אין זיין אַרט שפּילן.

— ער וואָלט געווען אַ גוטער אַקטיאָר — פלעגן זיי זאָגן — ווען ער רעדט נישט אַזוי שטיל...

מעגלעך, אַז דער עולם איז אויך געווען באַ דער דאָזיקער מיינונג, מען האָט צו יענער צייט ליב געהאַט ווען אַן אַקטיאָר „דעקלאַמירט״ זיין ראָל מיט אַ הויכער שטים, אָבער שלמהלע האָט נישט געקאָנט אַזוי שפּילן. פאַר אים איז טעאַטער געווען דאָס רעאַלע, אמתדיקע לעבן זיינס, און ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט זיין אייגענעם וועג. עס האָט געמוזט דויערן אַ שטיקל צייט, ביז מען האָט זיך צוגעוווינט צו זיין אַרט שפּילן און ביז מען האָט אים אָנגעהויבן גלויבן, אָבער מיט דער צייט האָט דער עולם דערפילט מער אמת באַ אים, ווי באַ די אַנדערע שוישפּילער, וועלכע האָבן נאָך אָנגעהאַלטן דעם קלאַסישן טאָן פון געשריי און פּאַטאָס. ער האָט אויך פיל אויסגענומען באַם עולם מיט זיינע אויסערלעכע מעלות, מיט זיין שלאַנקער פיגור, מיט זיין שיינעם פּנים און מיט זיין מעלאָדיש־קלינגעוודיקער סימפּאַטישער שטימע. ערשט מיט אַ צייט שפּעטער האָט

שלמהלע דערזען אַז ער איז געווען גערעכט אין זיין קינסטלערישן וועג. זיינע שפּעטערדיקע רעזשיסאָרן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט מער קולטור און חוש פאַר קונסט האָבן אים פאַרשטאַנען און געהאָלפן אים אַנטוויקלען דאָס, וואָס ער, שלמהלע, האָט בלויז אינסטינקטיוו משיג געווען. אָבער איצטער האָבן זיך אין דער טרופּע אַ שיט געטאָן פון אַלע זייטן קריטיקן און אויסזעצונגען.

די איינציקע, וואָס האָט אים פאַרטיידיקט, איז געווען סטעפאַ. אויך זי האָט געהאַלטן פון רעאַליסטיש טעאַטער און נעמענדיק אַ ביישפּיל פון שלמהלען האָט זי זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעווינען פון דעם אומנאַטירלעכן.

***

אין איינעם אַ טאָג, ווען שלמהלע איז אַרויס פון זיין צימער און געוואָלט גיין עסן מיטיק, האָט ער געטראָפן אין קאָרידאָר סטעפאַן. זי האָט אים גלייך אַ רוף געטאָן:

— קומט, וועלן מיר גיין עסן מיטיק צוזאַמען.

די גאַנצע טרופּע האָט געגעסן אינעם זעלבן האָטעל, ווו זיי האָבן געהאַט אַ ספּעציעל-רעזערווירטן טיש אין עס-זאַל. סטעפאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש קעגנאיבער שלמהלען, געשמייכלט צו אים, און אפילו פאַר אים אויסגעקליבן די שפּייז. שלמהלע איז געווען העפלעך. ער פלעגט איר דאַנקען יעדעס מאָל מיט אַ שמייכל און קאָפּ-פאַרנייגונג.

— איר עסט זייער ווייניק — האָט סטעפאַ באַמערקט — פון אַזוי ווייניק עסן וועט איר ניט האָבן קיין כוח צו אַרבעטן. דער קעלנער נעמט צו פון אייך מער וויפל ער ברענגט.

— נישט שטענדיק איז עס אַזוי — האָט ער געענטפערט — פאַראַן טעג אין וועלכע איר וועט באַוואונדערן מיין צופּיל-עסן. איך בין נאָך מיד פונעם וועג, נישט צוגעווינט צו דער נייער סביבה.

— אפשר איז עס דערפאַר ווייל איך זיץ קעגנאיבער אייך? אפשר פאַרלירט איר דעם אַפּעטיט קוקנדיק אויף מיר? — האָט זי זיך געוויצלט.

שלמהלע האָט פאַרשטאַנען אַז איצטער וואָלט ער איר געדאַרפט מאַכן אַ קאָמפּלימענט, זאָגן עפּעס וועגן איר שיינקייט א. א. וו. מסתמא וואַרט זי איצטער דערויף — האָט ער געטראַכט. אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן דערפון, הויפּטזעכלעך צוליב דעם וואָס קאָזלאָוו איז אויך געזעסן באַם טיש. ער האָט אפילו אַ כאַפּ געטאָן אַ בליק אויף קאָזלאָוון, נאָר יענער איז געזעסן פאַרטאָן אין די געדאַנקען. „מסתמא טראַכט ער וועגן זיינע געשעפטן" — האָט שלמהלע געזאָגט שטילערהייט צו זיך אַליין. ער

האט ווידער א קוק געטאן צו סטעפאן. זי איז געזעסן און כסדר געקוקט אויף אים און געשמייכלט. ער האט איר אפגעענטפערט מיט א שמייכל.

— אויב א שיינע פרוי איז גוט צום אפעטיט — האט ער לסוף געזאגט — וואלט עס דאך פארנומען א געוויסן ארט אין דער מעדיצין. דאקטוירים וואלטן עס פארשריבן און מען וואלט עס פארקויפט אין די אפטייקן...

סטעפא האט זיך הילכיק צעלאכט און אלעמענס אויגן האבן זיך א ווענד געטאן צו זיי ביידן.

דער מיטיק איז געקומען צו ענד און די בייזיצנדיקע האבן אנגעהויבן אויפשטעלן זיך און אוועקגיין. דער ערשטער איז אוועק פון טיש קאזלאוו, א צעשטרייטער און נערוועזער. ווייזט אויס, דאס זארגלאזע געלעכטער פון זיין ווייב האט נישט איבעריק געווירקט אויף אים. צום סוף זענען באם טיש פארבליבן בלויז סטעפא מיט שלמהלען.

— וואס קלערט איר איצטער צו טאן? — האט זי בא אים פלוצלינג א פרעג געטאן.

— דערווייל האב איך נאך גארנישט באשלאסן, — האט ער אפגעענטפערט א פארקלערטער. אויך סטעפא האט זיך שטארק פארטראכט וועגן עפעס, און גענומען זיך שפילן מיט דער סערוועטע וואס זי האט געהאלטן אין האנט. כאפנדיק פון צייט צו צייט א זייטיקן קוק אויף שלמהלען.

— איך וואלט געוועזן א בעלן מיט אייך זיך אביסל דורכפארן... — האט זי זיך אנגערופן צום סוף.

— און הער קאזלאוו, אייער מאן מיין איך, וועט גארנישט האבן דאקעגן?

— מיין מאן גיט מיר די פולע פרייהייט — האט זי געענטפערט מיט א סודותדיקן טאן — ער פרעגט מיך קיינמאל נישט וווהין איך גיי, אדער וואס איך טו.

— דאס געפעלט מיר דווקא יא — האט שלמהלע זיך צעלאכט — דאס איז דאך עכט מאדערן.

— נו גוט. איז וואס זאגט איר צו מיין פלאן? איר זענט דאך אויך פריי און איר האט ניט נויטיק בא קיינעם צו פרעגן. אייער כלה איז דאך וויית פונדאנען.

— איר זענט גערעכט. אביסל זיך דורכפארן קאן קיינעם קיין שאדן נישט ברענגען. מיר גייען אלזא.

זיי האבן זיך ביידע אויפגעשטעלט, סטעפא האט גענומען שלמהלען אונטערן ארעם און זיי זענען ארויס אויף דער גאס. שלמהלע האט פאר־

האַלטן אַ פאַרבייפאַרנדיקן פּאַעטאָן, געהאָלפן סטעפאַן איינצושטייגן און ער אַליין איז מיט אַ לייכטער באַוועגונג אַרויפגעשפּרונגען. סטעפּאַ האָט באַפוילן דעם פורמאַן צו פאָרן אין אַ געגנט וואָס שלמהלע האָט נאָך נישט געקאָנט, און דער פאַעטאָן האָט גערירט פון אָרט.

דער פאַעטאָן האָט זיי אַריינגעפירט אין אַן אַלייע וואָס האָט זיך געצויגן אין דער מיט פון אַ גרויסן פּאַרק. די ברייט־צעוואַקסענע ביימער פון ביידע זייטן אַלייע האָבן זיך אַריבער דערלאַנגט שלום מיט זייערע צווייגן. די אַלייע איז געווען שאָטנדיק־קילבלעך און בלויז וווּ־ניט־וווּ האָבן זיך דורכגעריסן איינצלנע זונשטראַלן דורך דעם געדיכטן געפלעכט פון די צווייגן און בלעטער.

סטעפּאַ איז געזעסן אין פאַעטאָן אַ צוגעטוליעטע צו שלמהלען, און יעדער באַריר פון איר בריענדיקן קערפּער האָט אים געררייצט און געצונדן זיין ליידנשאַפט. זי האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף אים מיט פאַרנעפּלטע אויגן, און אַ צוזאָגנדיק שמייכעלע האָט זיך געשלענגלט אַרום איר געטאָקטן מויל. אָט די דאָזיקע רייצנדיק־שמייכלענדיקע ליפּן האָט זי אים וואָס אַמאָל נענטער און נענטער צוגעטראָגן צו זיין מויל, ביז וואַנען ער איז, אָן צו זאָגן אַ וואָרט, צוגעפאַלן צו זיי און דורשטיק געקושט. דער פורמאַן האָט געכאַפּט אויף זיי אַ זייטיקן בליק און אַ צי געטאָן די וואָנצעס מיט אַ קרום שמייכעלע.

זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן חשבון אַז זיי זענען נישט אַליין און ביידע האָבן זיך הילכיק צעלאַכט. אין סאַמע מיטן לאַכן איז שלמהלע ערנסט געוואָרן.

— סטעפּאַ, דו ברענגסט מיך צו אַ נסיון... — האָט ער אַ זאָג געטאָן אין אַן ערנסטן טאָן, אָבער דאָס געלעכטער איז נאָך געהאַנגען אויף זיינע ליפּן — לאָמיר פאָרן אַהיים.

סטעפּאַ האָט אויף אים ווילעריש אַ קוק געטאָן.

— דו האָסט חרטה אויפן שפּאַציר? — האָט זי מכלומרשט אומשולדיק אַ פרעג געטאָן — איך נישט. איך וואָלט אַזוי אַרומגעפאָרן ביז נאַכט, און באַנאַכט... באַנאַכט וואָלט עס געווען נאָך אינטערעסאַנטער — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שעלמיש שמייכעלע.

אָבער פונדעסטוועגן זענען זיי באַלד געפאָרן אַהיים. ביידע האָבן געשוויגן און סטעפּאַ האָט זיך אָפּגערוקט פון שלמהלען, פּונקט ווי זי וואָלט מורא געהאַט אים אָנצורירן. שלמהלען איז פיינלעך געוואָרן דאָס דאָזיקע שווייגן. ער האָט געזוכט אַן אויפן ווי אַזוי צוריק זי אַריינברענגען אין דער פריערדיקער שטימונג.

— וואָס עפּעס אַזוי פאַרטראַכט? — האָט ער אין אַ פריילעכן טאָן אַ פרעג געטאָן.

— איך טראַכט — האָט זי געענטפערט — אַז איך טו אפשר שלעכט געמענדיק דיך אויף אַזעלכע שפּאַצירן. איך טאָר נישט און וויל נישט באַרויבן דיין כלה, און מיין נאָנטקייט קאָן דיך ברענגען צו אַ נסיון...

— מיר קענען זיך דאָך אַזאַ קורצע צייט... — האָט שלמהלע געענט־פערט — און עס האַלט נאָך נישט דערביי אַז דו זאָלסט מיך צונעמען פון מיין כלה. באַזונדערס ביסטו דאָך עפּעס אַ פאַרהייראַטע פרוי... און הער זיך איין, עס לוינט זיך נישט איבער אַזעלכע נאַרישקייטן איבערצורייסן אונדזער פריינטשאַפט.

זי האָט זיך צו אים דערנענטערט און אים אַ קוש געטאָן אין די ליפּן.

— ווייסטו פאַרוואָס איך האָב דיר איצטער אַ קוש געטאָן? פאַרן וואָרט „פריינטשאַפט”. איך וויל דיך האָבן פאַר אַ פריינט.

20. — אין אָוונט

ווען שלמהלע איז צוריקגעקומען פונעם שפּאַציר און זיך אויסגעצויגן אויף זיין בעט, האָט ער אויפסניי גענומען איבערטראַכטן אַלץ וואָס האָט היינט מיט אים פּאַסירט. ער האָט זיך אַליין גענומען מאַכן פאַרוורפן — פאַרוואָס ער איז אַזוי שוואַך און איז גרייט זיך נאָכצוגעבן זיינע ליידנשאַפטלעכע פאַרלאַנגען. ער פאַרשטייט ער גאַנץ גוט, אַז סטעפאַ געהער צו יענע ווייבעלעך, וועלכע זענען „גרינג אויף דער דעה", און דאָס איז געווען זיין גאַנצער פאַרענטפער פאַר זיך אַליין. „איך בין דאָך אַ דערוואַקסענער מאַן — האָט ער צו זיך אַליין געטענהט — מעג איך מיר דערלויבן אַ פלירט... סאָניע איז טאַקע מיין כלה, און איך וועל אַלץ טאָן כדי זי גליקלעך צו מאַכן, ווען די צייט וועט קומען, אָבער צי איז עס טאַקע אַזוי שלעכט, וואָס איצטער..."

ניין, ר'איז געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס וואָלט געווען אַ צו קאָמפּליצירטע אַוואַנטורע. דערצו איז זי נאָך די פרוי פונעם טרופּע-דירעקטאָר... שלמהלע האָט זיך דערמאָנט דאָס ווערטל, וואָס ער האָט נאָך געהערט אין זיין היים, אין ווערבאָווע: „דאָרט וווּ מען עסט, דאָרט מיסטיקט מען נישט". ניין, ער מוז אויסמיידן דאָס דאָזיקע געפאַר, האָט ער זיך אַליין געוואָרנט, ער מוז מיט אַלע כוחות זיך דערווייטערן פון איר.

אָבער ווידער דערזעט ער סטעפאַן פאַר זיינע אויגן. פאַר אים שוועבט איר בילד ווי זי זיצט אין פאַעטאָן און איר קערפּער איז בלויז ליידנשאַפט און תאווה. אין אירע אויגן צינדן זיך סודותדיקע פייערלעך. ער פילט ווי ער ווערט אויפגערייצט פון דער בלויזער דערמאָנונג פון איר ווייבלעכן חן, פון דער בויגעוודיקייט פון איר פיגור, פון איר גאַנצער געשטאַלט וואָס איז ווי באַשאַפן בלויז אויף צו רייצן, צו צינדן תאווה, צו וועקן ליידנשאַפט...

שלמהלע האָט זיך פלוצלינג האַסטיק אויפגעזעצט און גענומען שפּרייזן איבערן צימער מיט נערוועזע, בייזע טריט. „ווי אַזוי איז מיך באַפאַלן אַט דער בייזער חלום? ווי אַזוי האָב איך זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַזעלכענע מחשבות?" — האָט ער געפרעגט בא זיך אַליין. ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער וואָס אַמאָל גיכער, ווי ער וואָלט וועלן

פאַרטרייבן פון זיך אַט די געדאַנקען, אַט־דעם שטיקנדיקן געפלעכט פון ליידנשאַפט.

ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין טאַש און אַרויסגענומען דיק סאַניעס לעצטן בריוו, האָט ער אים אָנגעהויבן לייענען פונדאָסניי. פון די שורות רעדט צו אים איר אומשולד, עס הויכט פון די דאָזיקע ווערטער מיט ריינקייט, מיט זויבערער ליבע, זי זאָגט אים צו אַזוי פיל, גאַנצע וועלטן פון מנוחה און גליק... צווישן די בלעטלעך פונעם בריוו האָט ער געפונען אַ קליינע פאָטאָגראַפיע סאַניעס. ער האָט צוגעדריקט זיינע הייסע ליפּן צו דעם דאָזיקן בילד און געקושט סאַניען, יענער סאַניען וואָס איז פון אַן אַנדערער וועלט ווי די, ווו ער, שלמהלע, געפינט זיך. ער האָט געקושט אויף דער קליינער פאָטאָגראַפיע סאַניעס אויגן, די טייערע אויגן אירע, אין וועלכע עס קיניגט די אומשולד.

אויפן טיש האָט ער צופעליק געפונען אַ צווייטן בריוו. אַ בריוו פון מיליען. אירע בריוו זענען אַלע מאָל פול מיט אויפריכטיקער פריינטשאַפט. זי זאָגט אים גאָרנישט צו, די קליינע און רירעוודיקע מיליע, זי ווינטשט אים בלויז גליק, אַן צו פאַרלאַנגען עפּעס פאַר זיך אַליין. „פונוואַנען דערנעמט זיך אַזויפיל גוטסקייט צו אַזאַ קליין באַשעפענישל, ווי מיליע" — טראַכט ער.

און איצטער איז געקומען סטעפאַ, און איר שפּראַך איז לגמרי אַן אַנדערע. „מערקווירדיק — טראַכט שלמהלע — דאָס בלוט צינדט זיך אַן אין מיר, ווען איך גיב בלויז אַ טראַכט וועגן איר. ניין, איך וועל דאָ נישט קענען בלייבן. איך וועל מוזן אַנטלויפן פונדאַנען". ער האָט זיך ביטער צעלאַכט. „פון דער פישזאַק־טרופּע בין איך אַנטלאָפן צוליב מיליען — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין — און פונדאַנען וועל איך אַנטלויפן צוליב סטעפאַן. דער אונטערשיד איז בלויז וואָס דאָרט האָט מיר מיליע אַליין געראָטן אַזוי צו טאָן, און אפילו מיר צוגעהאָלפן דערצו מיט אירע אייגענע הענט, און דאָ, סטעפאַ?..."

אַ קלאַפּ אין דער טיר האָט אים פלוצלינג אַרויסגעריסן פון די דאָזיקע מחשבות זיינע. ער האָט ערשט דאַן דערזען אַז ער זיצט אַ צעטומלטער איבער אַ גאַנצן שטוים פון בילדער, פאָטאָגראַפיעס און בריוו. ער האָט דאָס אַלץ אויף גיך צונויפגענומען און פאַרבאַהאַלטן און ערשט דאַן איז ער געגאַנגען עפענען די טיר.

פאַר אים איז אויסגעוואַקסן סטעפאַ, אַן אָנגעטאָענע אין אַ העלבלויען פעניואַר. זי איז אַריין אין צימער נישט פרעגנדיק אפילו צי שלמהלע דערלויבט איר דאָס צו טאָן. זי איז איצטער געווען נאָך מער רייצנדיק

ווי פריער. קוקנדיק אויף אים מיט איר פאַרפירעריש זיס שמייכעלע, האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— דו לאַנגווייליקסט זיך אַליין אין צימער?

שלמהלע האָט נישט געענטפערט.

— דו זעסט, איך האָב נישט געקאָנט בלייבן אַליין אין מיין צימער

— האָט זי ווידער אָנגעהויבן רעדן — ווייל איך האָב געוווסט אַז דו געפינסט זיך דאָ איינער אַליין.

זי האָט זיך פלינק געטאָן אַ דריי אויס אויפן אָפּצאַס און גענומען באַטראַכטן איעדעס ווינקעלע פונעם צימער. אירע אויגן האָבן זיך צוערשט פאַרהאַלטן אויף זיין „קאַוואַליערסקע” בעטל, און שפּעטער איז איר בליק געפאַלן אויפן קליינעם סאַפּקעלע וואָס איז דאָרט געשטאַנען אין אַ זייט. שלמהלע האָט געקוקט אויף איר אַ צעטומלטער און געשוויגן.

זי האָט נישט געוואַרט אויף זיין ענטפער. אָן אַ וואָרט איז זי צוגעקומען צו אים נאָענט און אָן אַ וואָרט אים אָנגענומען באַ דער האַנט. ער האָט אַלץ געקוקט אויף איר מיט אויגן וואָס האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען. זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך אַרומגענומען און ווי אַ קליין קינד צוגעפירט צו דער סאָפּע, אים דאָרט אַוועקגעזעצט און אַליין געזעצט זיך לעבן אים. איין פאַלע פון איר זיידענעם כאַלאַט האָט זיך כלומרשט פאַרטשעפּעט אָנעם ברעג פונעם סאַפּקעלע און פאַר זיינע אויגן האָט אַ בלענד געטאָן די נאַקעטקייט פון איר אַנטבלויזטן פוס. דאָס זעלביקע לײדנשאַפטלעך־תאווהדיקע שמייכעלע וואָס האָט זיך בעת דעם פרימאָרגנדיקן שפּאַציר געבלאָנקעט אויף אירע ליפּן, האָט זיך איצטער באַוויזן אויפסניי. זי האָט אים צוגעצויגן לייכט צו זיך און ער איז ווילד צוגעפאַלן צו איר. מיט די הענט האָט ער געזוכט איר קערפּער און מיט די ליפּן איר מויל. ער האָט זי געקושט ווילד, ווי אַ פאַרשיכורטער, ווי ער וואָלט נישט וויסן וווּ ער געפינט זיך און וואָס מיט אים קומט פאָר, אָבער זי, סטעפאַ, איז געווען ניכטער. זי האָט אים לייכט אָפּגעשטופּט פון זיך און מיט אַן איראָנישן שמייכעלע אַ זאָג געטאָן:

— ווייַ מיינסטו, ס'וואָלט נישט געווען פּראַקטישער, ווען דו פאַרשליסט די טיר?

ער איז געגאַנגען שליסן די טיר, ווי ער וואָלט געווען פאַרהיפּנאָטיזירט, ווי ער וואָלט זיך געפונען אין היגערפּלעט. ווען ער האָט זיך אויפדאָסניי אויסגעדרייט צו איר מיטן פּנים, איז זי געשטאַנען אין מיטן צימער, אַ פולשטענדיק נאַקעטע. זי האָט געשוויגן און איז געשטאַנען אָן אַ באַוועגונג און שלמהלען האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער זעט פאַר זיך אַ וווּנדערלעכע סקולפּטור. ווי אַ פאַרכישופטער איז ער צוגעגאַנגען נאָענט

צו איר און זי גענומען אויף די הענט. זי האָט אים איינגעהילט אין איר נאַקעטקייט...

***

זיי זענען ביידע געלעגן, אויסגעשעפּטע און געזעטיקטע, יעדער פאַרטאָן אין די אייגענע געדאַנקען און טראַכטענישן. סטעפאַ האָט איצטער געקוקט אויף שלמהלען ווי אַ זיגערן, ווי אַ מענטש וואָס האָט עפּעס פאַרלאַנגט און עס דערגרייכט.

— איז עס נישט פאַר דיר קיין געפאַר צו בלייבן באַ מיר אין צימער אַזאַ לאַנגע צייט — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— קיין שום געפאַר — האָט זי אים נאָכגעמאַכט זיין איבערגעשראָקענעם טאָן — איך האָב נישט איבער מיר קיין באַלעבאָס...

— און דיין מאַן? — האָט ער געפרעגט — ווי אַזוי וואָלט ער רעאַגירט דערויף?

— איך האָב דיר שוין איין מאָל געזאָגט „אַז ער גיט מיר די פולע פרייהייט — האָט זי געענטפערט.

— איך האָב באמת נישט געוווסט, אַז אין פאַמיליען־לעבן קענען מעגלעך זיין, אויסער מאָראַלישע פליכטן, אויך אַנדערע פאָרמען פון צוזאַמענלעבן — האָט ער איראָניש באַמערקט — אָבער דאָך מיין איך, אַז די קרענק וואָס רופט זיך אייפערזוכט וווינט פאָרט אין אַ יעדן מענטשן.

— מיין מאַן איז אַן אויסנאַם — האָט זי געלאַכט — ער האָט נישט קיין צייט צו זיין אייפערזיכטיק. ער איז צופיל פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן. באַזונדערס איז מיין „דירעקטאָר” היינט אַוועקגעפאָרן. ער האָט באַקומען אַ וויכטיקע טעלעגראַמע פון כאַרקאָוו, אַז ער זאָל גלייך אַרויספאָרן אַהינצו...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און געקוקט צום סופיט מיט אַ שטיל, וווילעריש געלעכטערל אויף די ליפּן. פּלוצלינג האָט זי זיך אויפגעזעצט.

— פאַרשטייסט, מיין טייערער, נישטאָ היינט פאַר וועמען זיך צו שרעקן. היינט אין אָוונט וועלן מיר גיין צוזאַמען פאַרברענגען, אַ לעב טאָן נאָך דער פאָרשטעלונג.

זי האָט אַריינגעפלאָכטן אירע פינגער אין זיין געדיכטער טשופרינע און צוגעגעבן:

— הער זיך איין! איך וויל אויסנוצן מיין פרייהייט ביז אַראָפּ...

שלמהלע האָט איר נישט געענטפערט. ער איז געווען מיט זיינע געדאַנקען ערגעץ זייער ווייט...

***

דער אָוונט האָט זיך געשטעלט אַ טריבער און לייכט־פאַרנעפּלטער. דורך די וואָלקנס האָט זיך אַלע מאָל דורכגעריסן דער זילבערדיקער סערפּ פון דער לבנה, אויפגעטויכט און אויפסנייַ פאַרשוווּנדן געוואָרן מיט וואָלקנס. וווּ־ניט־וווּ האָבן אַ פינקל געטאָן די שטערן ווי גלאַנציקע שפּילקע־קעפּלעך. אַ קילבלעך ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן און אָנגעזאָגט אַז דער האַרבסט איז נאָנט.

שלמהלע איז אַרויס פון זיין צימער גייענדיק צו דער פאָרשטעלונג. ער האָט זיך געיִשובט מיט זיך אַליין: זאָל ער יאָ אַרייַנגיין צו סטעפאַן און גיין מיט איר צוזאַמען אין טעאַטער, אָדער ניין. ער האָט געוואָלט פאַרהיטן, אַז די טרופּע זאָל האָבן אַ ביסעלע ווייניקער שטאָף פאַר זייערע רכילות... ער איז אַרויס אויף דער גאַס איינער אַליין, אָבער פאַר דער טיר פונעם האָטעל האָט שוין סטעפאַ געוואַרט אויף אים. זי האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף אים, איז זי אַרויס אויף דער גאַס אים אָפּוואַרטן.

— איך וואַרט שוין אויף דיר אַ שפּאָר שטיקל צייט — האָט זי מיט אַ לייכטן פאָרוואורף אַ זאָג געטאָן — קום שנעלער אין טעאַטער.

— איך האָב נישט געוווּסט אַז דו געפינסט זיך דאָ אויף דער גאַס, איך האָב אויף דיר געוואַרט אויפן קאָרידאָר.

— טאָ פאַרוואָס ביסטו נישט אַרייַנגעקומען צו מיר אין צימער? האָסט אפשר מורא פאַר עמעצן? — האָט זי געחוזקט.

— איך האָב נישט מורא פאַר קיינעם — האָט ער געענטפערט — איך וויל בלויז דיך פאַרהיטן פאַר מענטשלעכע מיילער.

— ביסט אפשר גערעכט — האָט זי פאַרטראַכטערהייט געזאָגט.

שלמהלע האָט צוגערופן אַ פאַרבייפאָרנדיקע ברישקע. זיי זענען איינגעשטיגן און אַוועקגעפאָרן. זיי זענען געזעסן די גאַנצע צייט און געשוויגן. ביידע האָבן געהאַט צו טראַכטן פון עפּעס אַנדערש, און ביידע זענען געווען פאַרטיפט אין זייערע אייגענע געדאַנקען. בלויז סטעפאַ האָט זיך אַלעמאָל ווי אָן עפּעס דערמאָנט און פּעסט, פּעסט זיך געטוליעט צו שלמהלעס אָרעם.

21. — האַרבסטיקע קאַשמאַרן

נאָך דער פאַרשטעלונג, ווען דאָס פובליקום האָט אָנגעהויבן אַרויס־גיין פון טעאַטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ שלאַקס־רעגן. דער טונקעלער הימל האָט אַלעמאָל איבערגעשניטן אַ בליץ, פּונקט ווי אַ פייערדיקע בייטש וואָלט אַ שמיץ געטאָן אין דער לופטן.

דאָס פובליקום, וואָס איז אַרויס פון דער פאַרשטעלונג האָט זיך נישט געהאָט ווו אויסצובאַהאַלטן. אַלע בריטשקעס און פאַעטאָנען וועלכע זע־נען געשטאַנען פאַרן טעאַטער און געוואַרט אויף פאַסאַזשירן זענען צע־כאַפּט געוואָרן אין איין מאָמענט. יעדער איינער האָט זיך געאיילט צו זיין וואָס שנעלער בא זיך אין דער היים. אויך די אַקטיאָרן, וואָס זענען אַרויס פון זייערע גאַרדעראָבן זענען דערווייל שטיין געבליבן אין פאָיע פון טעאַ־טער וואַרטנדיק אַז דער רעגן זאָל אויפהערן, און אַז זיי זאָלן שוין קאָנען צוריקגיין אין האָטעל.

שלמהלע איז געשטאַנען לעבן סטעפאַן און געקוקט אויפן רעגן וואָס האָט פאַרפלייצט די גאַס.

— ווי מיינסטו, מיר וועלן אָפּלייגן אונדזער פאַרברענגען?

— איך מיין אַז מיר מוזן עס אָפּלייגן. מיר וועלן פאָרן אַהיים — האָט זי געענטפערט און באַלד צוגעגעבן — ווייסטו וואָס, מיר וועלן אַריין צו מיר אין צימער, ביי מיר וועט זיך שוין געפינען עפּעס צום פאַרבייסן.

זיי האָבן קוים באַקומען אַ פאַעטאָן. ביידע האָבן זיך געפונען אין אַ שווערער שטימונג. אָן אומעט איז זיי באַפאַלן און זיי האָבן מיט אומגע־דולד שוין געוואַרט אויפן מאָמענט ווען זיי וועלן זיך געפינען אין האָטעל. פאַרזיכטיק, אַז קיינער זאָל דאָס נישט באַמערקן, זענען זיי ביידע אַריין צו סטעפאַן אין צימער.

שלמהלע איז געזעסן באַם טיש און צוגעקוקט ווי סטעפאַ פאַרעט זיך מעשה באַלעבאַסטע, און שטעלט אַוועק אויפן טיש עפּעס צום איבער־כאַפּן. כדי אויפצומונטערן שלמהלען און צו צעשטרייען זיין אומעטיקייט האָט זי אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך קאָניאַק, וועלכע זיי האָבן אויסגעטרונ־קען ביידע צוזאַמען. זי האָט אים גלייך פאַרגעלייגט אויסצוטרינקען נאָך אַ גלעזעלע, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער איז געזעסן באַם טיש אַ פאַרחלומטער, אַ פאַרזונקענער אין זיינע געדאַנקען, און געשוויגן.

דער רעגן האָט געפּויקט אין די שויבן פון פענצטער מיט דריבנע

טראַפּעלעך, פונדרויסן האָט זיך געהערט דאָס הודיען פון ווינט, און דער גאַנצער אומעט פון אַט־דעם הארבסטיקן דרויסן האָט זיך געלייגט שלמה־לען אויפן האַרצן. ער האָט געוואָלט צונויפנעמען זיינע געדאַנקען, באַ־קלערן זיין לאַגע, באַשליסן עפּעס, אָבער ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט קאָנצענטרירן. ער האָט בלויז געפילט אין מוח אַ געמיש פון פאַרשיידענע מחשבות, וועלכע ער קאָן נישט באַהערשן. ער איז געווען פאַרביטערט אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער איז געווען אַזוי שוואַך. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער איז אַ געפאַלענער מענטש דערמיט וואָס ער האָט פאַראַטן סאָניען. דער בלויזער פאַקט וואָס ער געפינט זיך דאָ אין צימער צוזאַמען מיט סטעפאַן האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זיין אַ שרעקלעך פאַרברעכן. פאַר זיינע אויגן האָט געשוועבט דאָס בילד פון דער פאַריתומטער סאָניען, מיט איר אומבאַגרענעצטן גלויבן אין אים, אין שלמהלען. ער האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אין ביידע הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט איינהאַלטן אַט־דעם ווילדן קאַראַהאָד פון געדאַנקען, און פּלוצ־דיק אַז ער וועט דאָס נישט דערגרייכן איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ היס־טעריש געוויין, אין אַ מין שרעקלעכן רעווען, וואָס האָט, דוכט זיך, געריסן זיך פון דער סאַמער טיפעניש פון זיין האַרצן.

סטעפאַ האָט מיט איר ווייבלעכער אינטואיציע פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זי די סיבה פון זיין אינערלעכן געראַנגל, פון זיין געוויין. איר האַרץ האָט זיך גענומען צונויפפּרעסן פון חרטה. זי האָט זיך פאַרזיכטיק אויפ־געהויבן פון טיש און שטיל צוגעגאַנגען צום בעט, ווו זי איז אָנמעכטיק אַוועקגעפאַלן. אויך איר האָט זיך איצט געוואָלט מאַכן אַ חשבון־הנפש, אָבער צוקוקנדיק דאָס בילד פון וויינענדיקן שלמהלען האָט זי זיך אויך צעוויינט. זי האָט געוויינט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, שטילער־הייט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַז עמעצער זאָל נישט דערהערן, אַז זי, סטעפאַ, וויינט.

שלמהלע האָט זיך צוביסלעך באַרואיקט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און ווען ער האָט נישט געפונען מיט זיין בליק סטעפאַן באַם טיש האָט ער זי גענומען זוכן איבערן צימער. ער האָט דערהערט איר שטיל געוויין. זי איז געלעגן אין בעט מיטן קאָפּ איינגעבראָכן אין קישן, און אירע אַקסלען האָבן קאָנוולסיוו געצוקט.

שלמהלע האָט געשטוינט: „שוינזשע קאָן אַט דאָס הפקרדיקע באַשע־פעניש, סטעפאַ, אויך וויינען" — האָט ער באַ זיך געפרעגט — „שוינזשע האָב איך מיט מיין אויסברוך פון צער און חרטה דערוועקט אויך אין איר דעם געפיל פון געפאַלנקייט?" ער האָט אָבער בשום־אופן נישט גע־קאָנט געפינען פאַר איר קיין טרייסטוואָרט. ער האָט נישט געוואַגט צו

דערנענטערן זיך צו איר. ער האָט אויך נישט געוואָלט איר שטערן דאָס אַראָפּוויינען זיך פון האַרצן. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און מיט שטילע טריט אַוועק צו זיך אין צימער.

ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט אַן אָנגעטועטער און ליגן געבליבן אין פינצטערן צימער מיט אָפענע אויגן. דאָ אין דער איינזאַמקייט פון זיין אייגן ווינקעלע קאָן ער טראַכטן רואיקער און מער באַזאַכט. דער געדאַנק פון פאַרלאָזן די טרופּע האָט עקשנותדיק גענומען גריבלען זיין מוח. ער ווייס אַצינד אַז סטעפּאַ איז נישט אַזוי שלעכט ווי ער האָט געטראַכט — ער האָט דאָך זי איצטער געזען וויינען מיט מענטשלעכע טרערן, ער האָט רחמנות אויף איר, אָבער עס איז אומעגלעך דאָ צו בלייבן און טרעפן זיך מיט איר יעדן טאָג. ער האָט זיך דערמאָנט אָן מיליען. ער קאָן ניט פאַרגעסן מיליעס גוטהאַרציקייט און טראָץ דעם האָט ער צוליב איר געמוזט פאַרלאָזן יענע טרופּע. דאָס אַלץ איז דערפאַר ווייל ער וויל נישט און ער טאָר נישט פאַרגעסן סאָניען. סאָניע איז די איינציקע צו וועמען ער איז געבליבן אַ בעל־חוב.

אַלע דריי פּנימער: סאָניעס, סטעפּאַס און מיליעס האָבן גענומען מיטאַמאָל שוועבן פאַר זיינע אויגן. דערנאָך האָט ער זיך דערזען אין אַ גרויסן העל־באַלויכטענעם זאַל, מיט שריייענדיקע פילפאַרביקע גאַרדינען און פאָרהאַנגען. דער זאַל איז איבערפולט מיט פרויען. אין דער לופט פליסט אַ מוזיק פון אַן אומזעבאַרער אָרקעסטער. די פרויען אין זאַל טאַנצן אין אַ קאַראַהאָד. זייער טאַנץ איז ווילד און אויסגעלאַסן. ער דערפילט ווי צענדליקער פרויען־הענט שלעפּן אים צום טאַנץ, ווילן אים אַריינפלעכטן אין דעם קאַראַהאָד אַריין. אין דער מאַסע פון פרויען־פּנימער דערקאָנט ער אויך די פּנימער פון סאָניען, סטעפּאַן און מיליען. זיי ווייזן זיך פאַר אים און ווערן פאַרשוווּנדן, אָט טויכן זיי ווידער אויף און אָט פאַרשווינדן זיי ווידער, און אַלע פּנימער זענען שוין ווידעראַמאָל פרעמד און אומבאַקאַנט...

דערנאָך האָבן אָט־די אַלע פרויאישע געשטאַלטן זיך אָנגעהויבן צו פאַרוואַנדלען אין אויסטערלישע חיהשע באַשעפענישן, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אויף אים, גרייט אים איינצושלינגען. ער האָט זיך געראַנגלט, געוואָלט זיך ראַטעווען, אַנטלויפן וואָס ווייטער, אָפּאָטעמען כאָטש אויף איין ווייַלע...

אַ מידער און אויסגעשעפּטער האָט ער זיך איבערגעוועקט פון שרעקלעכן חלום זיינעם. אין דרויסן האָט שוין געגרויט. זיין גאַנצער קערפּער איז געווען באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס.

22. — סאָניעס בריוו

שלמהלע האָט זיך איבערגעוועקט פון זיין בייזן חלום. ער האָט גע־פילט אַ שרעקלעכן קאָפּ־ווייטיק, ווי נאָך אַ שיכרות. ער איז שנעל אַראָפּ פון בעט, אַריין אין באָד־צימער און געלאָזט זיך אויפן קאָפּ אַ קאַלטן שטראָם וואַסער וואָס האָט אים דערקוויקט און דערמוטיקט. ווען ער האָט זיך אָנגעטאָן איז געווען שוין גרויסער טאָג. ער האָט באַשלאָסן זיך דורכצושפּאַצירן אַבימל אויף דער פרישער לופט.

אויפן שוועל פון זיין צימער האָט אים באַגעגנט דער האָטעל־דינער און דערלאַנגט די קאָרעספּאָנדענץ. ער האָט דערפילט אַז ער איז נישט איצטער בכוח צו איבערלייענען די בריוו. מיט אַן אומגעדולדיקער נער־וועזער באַוועגונג האָט ער זיי פאַרשטעקט אין בוזים־טאַש און געוואָלט זיך לאָזן גיין ווייטער, אָבער דאָ איז אויסגעוואַקסן פאַר אים סטעפאַ מיט אַ טעלעגראַמע אין האַנט.

— גוטמאָרגן, גאָספּאָדין טאָמאַסאָוו — האָט זי אים באַגריסט ווי מען באַגריסט אַ וויטן באַקאַנטן — גייט ניט אַוועק. איך האָב פאַר אייך גינסטיקע נייעס, לייענט קאָזלאָווס טעלעגראַמע, ביטע!

שלמהלע האָט געלייענט אויפן הויכן קול:

— טעאַטער גענומען — גוטע באַדינגונגען — אָנהויבן אין צען טעג אַרום — איך קום מאָרגן פרי — קאָזלאָוו.

— ווי געפעלט עס אייך, הער טאָמאַסאָוו? אין צען טעג אַרום וועלן מיר שפּילן אין כאַרקאָוו. ניט שלעכט, האַ?

שלמהלע האָט אָנגעקוקט סטעפאַן מיט אַ פרעמד־ווייטן בליק.

— יאָ — האָט ער גענומען רעדן ווי צו זיך אַליין — עס געפעלט מיר. נייע מענטשן, אַן אַנדערע אַטמאָספערע, פרישע אַספּיראַציעס... דאָס איז אפשר דאָס איינציקע וואָס קאָן באַפרידיקן אַן אַקטיאָר.

זי האָט אויף אים געקוקט מיט אַ ביטערן שמייכעלע אויף די ליפּן. ער האָט ברייטער געעפנט די טיר פון זיין צימער, וועלכן ער האָט געהאַט בדעה איצטער צו פאַרלאָזן, און מיט אַ האַנט־באַוועגונג זי איינגעלאַדן אַריינצוקומען און זעצן זיך. זי איז אַריין מיט איר בויגעוודיק־גראַציעזן טראָט און ביידע האָבן זיך געזעצט באַם טיש איינער קעגנאיבער דעם

אַנדערן. אין איר מאָרגן־קלייד האָט זי אויסגעזען נאָך מער פּאַרפּירעריש ווי שטענדיק.

— מיר געפינען אַ באַפרידיקונג אינעם עצם פאַקט פון דער וואַנדע־רונג פון איין אָרט אויפן צווייטן — האָט שלמהלע ווייטער גערעדט — אַזוי לאַנג ווי מיר זענען יונג, איז דאָס וואַנדערן בּאַ אונדז אַ מין ספּאָרט... אָבער ווען מען גיט אַ פרעג למשל אין אונדזער טרופּע דעם אַלטן אַקטיאָר אײדלמאַן, אָט־דעם עטלעכע־און־זעכציק־יאָריקן זקן, צי פרייט ער זיך אויך דערמיט, וואָס ער מוז אַלעמאָל בייטן דאָס בעט, וואָלט ער אַנדערש געענטפערט. אָט האָט ער אַנומלט אַ זאָג געטאָן אין קרייז פון זיינע חברים: „איי, כ'וואָלט שוין געוואָלט — זאָגט ער — האָבן אַן אייגן און אַ שטענדיק בעט, אָפּרוען די אַלטע ביינער”. ווי מיינט איר, איז ער אויך באַגייסטערט פון נייע אַספּיראַציעס?

אַ פאַרטראַכטע האָט סטעפאַ זיך צוגעהערט צו שלמהלעס רייד.

— ביסט גערעכט — האָט זי שטיל געזאָגט — מיר וואָלטן אפשר אַלע גענדאַרפט נעמען אַ ביישפיל פונעם אַלטן אײדלמאַן. אין אונדזער שיכרות פאַרגעסן מיר שטענדיק אָנעם סוף פון דער וואַנדערונג, פונקט ווי מיר וואָלטן גאָר קיינער נישט געהאַט בדעה אַלט צו ווערן. אָבער איך מיין, שלמהלע, אַז עס איז נאָך צו פרי פאַר אונדז צו טראַכטן וועגן דער עלטער. סיידן דו, שלמהלע, וועלכער האָסט בדעה חתונה צו האָבן און גרינדן אַ פאַמיליען־לעבן, און ווינען אויף איין אָרט.

שלמהלע האָט זיך געמאַכט אַז ער פאַרשטייט נישט דעם איראָנישן שטאָך אין אירע רייד. סטעפאַ ווידער האָט נישט געוואָלט זיין צודרינג־לעך און צווינגען אים צו רעדן דערוועגן. זי האָט פּלוצלינג געענדערט די אומבאַקוועמע פאַר ביידן טעמע פונעם שמועס.

— דו ווייסט — האָט זי אַ זאָג געטאָן — קאָזלאָוו איז אַ פלינקער געשעפטסמאַן.

— ס'וועגדעט זיך אפשר מער אין מזל. פלינקייט איז ווייניק. טייל־מאָל קאָן אַ זאַך יאָ געלינגען אָדער נישט.

— אָ ניין. איך בין איבערצייגט אַז בּאַ קאָזלאָוון איז עס נישט קיין ענין פון מזל, נייערט פון פלינקייט, און ער איז שוין איינמאָל פלינק. עס איז אַ סברה אַז דיין געוועזענער דירעקטאָר האָט אונטערגעהאַנדלט מיטן טעאַטער, און דערפאַר איז קאָזלאָוו פּלוצלינג אַהינגעפאָרן און איז פאַרלאָפן פישזאָנען דעם וועג. איצט פאַרשטייסטו שוין? ער איז זייער געשיקט, מיין קאָזלאָוו...

זי האָט זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט און שטיין געבליבן אַנטקעגן

שלמהלען. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זי אינסטינקטיוו געמאַכט אַ באַוועגונג ווי זי וואָלט בדעה געהאַט זיך צו דערנעענטערן צו אים, זי האָט געמאַכט אַ שריט פאָרויס — אָבער זי האָט זיך צוריקגעצויגן, גלייך זי וואָלט זיך אָן עפּעם אַזעלכעם דערמאָנט, וואָס מאַכט דאָס דערנעענטערן זיך אומעגלעך.

— איך גיי זיך אָנטאָן — האָט זי כלומרשט רואיק געזאָגט — מיר וועלן זיך טרעפן באַם מיטיק-עסן. זאָלסט נישט אַנטלויפן פון מיר, מיר וועלן גיין צוזאַמען...

זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט נישט ווייסנדיק אַליין פאַרוואָס. אַוועקגייענדיק האָט זי אויסגעשטרעקט צו אים איר פאַרונדיקט הענטל און צוגעלעגט אָן אויסגעפּיעשטשעטן ווייסן פינגער צו זיין מויל. ער האָט אַ קוש געטאָן די פלאַך פון איר האַנט. זי האָט זיך פאַרפירעריש צעלאַכט און אַרויס פון צימער.

שלמהלע האָט גענומען שפּאַנען הין און צוריק איבערן צימער רייבנדיק נערוועז דעם שטערן. פלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער קאָרעספּאָנדענץ וואָס ער האָט אין טאַש. ער האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס בינטל בריוו אויפן טיש. פון אַלע בריוו האָט ער אויסגעקליבן סאָניעס, און אָנגעהויבן לייענען.

„טייערער שלמהלע — האָט זי געשריבן — זיי נישט בייז אויף מיר וואָס איך וויל מיך טיילן מיט דיר מיט מיינע איבערלעבונגען, און אַראָפּרעדן זיך פאַר דיר פון הארצן, זאָל זיין כאָטש אין אַ בריוו.

מיין פאָטער קלייבט זיך חתונה האָבן מיט דער מומע צירל... מיין טייערער איינציקער פריינט! ס׳וועט איצטער זיין פאַר מיר זייער פיינלעך צו בלייבן אין מיין פאָטערס הויז. גיב מיר אָן עצה, איך וואַרט אויף דיין ענטפער, דיינע בריוו זענען מיין איינציקע טרייסט. פאַרלאָז נישט דיין אומגליקלעכער סאָניען...

ער האָט איבערגעריסן אין מיטן לייענען. די איבעריקע בריוו האָט ער שוין נישט געעפנט. עס האָט אים אויסגעפעלט מוט און חשק דאָס צו טאָן. ער האָט ווידער אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער. פלוצלינג איז ער שטיין געבליבן ווי אַ מענטש וואָס ווייס נישט וואָס ער האָט איצט צו טאָן, וואָס וויים נישט ווו צו גיין.

„צי קאָן איך דען זיך צוריקציען פון מיינע צוזאָגן, וואָס איך האָב געגעבן סאָניען — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט — זי איז דאָך איצטער אַזוי איינזאַם, אַזוי אומגליקלעך. איז וואָסזשע זאָל איך איצטער טאָן? אי-

בערלאָן אַלץ מיטאַנאַנדער — און פליען צו איר? צו אַט דער סאָניען, פון וועלכער איך בין אַזוי דערוויטערט געוואָרן?״

ער האָט געוואָלט דערגריבלען זיך אין זיין אייגענער נשמה צו אַן ענטפער אויף אַט די אַלע פראַגן. ער האָט געוואָלט דערגיין אין זיך אַליין צי איז ער נאָך פאַרפליכטעט צו סאָניען, צי האָט ער זי נאָך באמת ליב? און אפשר איז עס נישט מער ווי אַן איינרעדעניש פון אַ מינדעריאָריקן יינגל? און צי מעג ער זיך בכלל פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט חתונה-האָבן און, ווי סטעפאַ האָט עס פריער איראָניש אים פאָרגעוואָרפן, גרינדן אַ פאַמיליען-לעבן? וואָס ענטפערט מען איצטער סאָניען? אפשר איר בכלל נישט ענטפערן? אפשר וואָלט זיין דאָס בעסטע זיך לאָזן טראָגן פונעם שטראָם פון לעבן אין וועלכן ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן?

ער האָט דערפילט אַז ער איז נישט מער אימשטאַנד צו קאָנטראָלירן זיינע אייגענע געפילן. פון זיין זייט פילט ער אויף זיך דעם לאַסט פון זיינע התחיבותן, און זיין געוויסן דערלויבט אים נישט צו באַפרייען זיך פון זיי, פון דער אַנדערער זייט לאָקט און צויבערט די שיכרות פונעם לעבן, און ער ווערט אַראָפּגעפירט פון זיין וועג דורך פרויען וועלכע ער טרעפט אָן אויף יעדן טריט און שריט...

ער האָט אויפסניי געמומען שפּרייזן איבערן צימער, אָן אַ ציל און נישט וויסנדיק אַליין קיין חשבון פון קיין צייט און פון קיין אָרט. די גע־דאַנקען זיינע האָבן זיך איצט געפּלאָנטערט און געפלאָכטן און ער האָט זיי נישט געקאָנט צונויפנעמען און קאָנטראָלירן.

פלוצלינג האָט זיך אויפגעפראַלט די טיר און סטעפאַ, אַן אויסגעפּוצ־טע און רוישיק-פריידיקע האָט זיך אַריינגעריסן אין צימער און אויסגע־שריגן:

— ביסט דאָך גאָר קיין קאַוואַליר נישט, שלמהלע. דו לאָזט מיך שוין צו לאַנג וואַרטן אויף דיר — זי האָט גערעדט מיט אַ כלומרשטן בייזער אָבער אין אירע אויגן האָבן געגלאַנצט פריילעכע פונקען.

שלמהלע איז שטיין געבליבן און געקוקט אויף איר. דאָס ערשטע מאָל זעט ער זי אַזוי געשמאַקפול אָנגעטאָן. ער איז צוגעגאַנגען צו איר נאָנט, זייער נאָנט, און זי דורכגעשטאָכן מיט זיין בליק. איר האָט זיך אויסגעדוכט אַז ער וויל זי דערזען נישט נאָר אויסערלעך, נאָר ער וויל זיך דערגראָבן צו אַלע אירע סודות, צום סאַמע תוך פון איר נשמה... זי האָט סוף-כל-סוף נישט אויסגעהאַלטן זיין בליק און זיך צעלאַכט.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי מאָדנע אָן, פונקט ווי דו זאָלסט מיך היינט זען צום ערשטן מאָל אין דיין לעבן?

ער האָט נישט געענטפערט. זי האָט אַרומגעוויקלט זיין האַלדז מיט אירע הענט און ביידנס ליפּן האָבן זיך געטראָפן און צונויפגעפּרעסט אין אַ לאַנגן קוש. ערשט דעמאָלט האָט זי צאַרט זיך באַפרייט פון זיינע פעס־טע אָרעמס און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— איצטער קאָנען מיר גיין עסן מיטיק.

— יאָ, איך גיי מיט דיר.

23. — ביים טיש

ווען שלמהלע מיט סטעפּאַן זענען אַריינגעקומען אינעם גרויסן עס־זאַל פון האָטעל, האָבן זיי געטראָפן דאָרט שוין כמעט דעם גאַנצן אַנ־סאַמבל. די אַקטיאָרן זענען געזעסן אַרום דעם ספּעציעל רעזערווירטן טיש, ווו זיי פלעגן שטענדיק עסן זייערע מאָלצייטן. סטעפּאַ האָט זיך גע־זעצט אויבנאָן. אַנטקעגנאיבער איר האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ סאַלאָמאָן מאַמאַסאָוו.

סטעפּאַ האָט לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן די טרופּע אויף די וויכטיקע נייעס וועלכע זי האָט געהאַט פאַר זיי. זי האָט גלייך זיי געגעבן צו וויסן וועגן דער דערפרייענדיקער טעלעגראַמע, וואָס איז אָנגעקומען פון קאָז־לאָוון.

— דאָס הייסט, אַז אין קיעוו איז אונדז געבליבן צו שפּילן בלויז גע־ציילטע פאָרשטעלונגען — האָט זי זיי געמאָלדן נאָכן פאַרענדיקן לייענען די טעלעגראַמע — אין צען טעג אַרום הויבן מיר אָן צו שפּילן אין כאַר־קאָוו, ווו עס איז געדונגען געוואָרן אַ טעאַטער־זאַל אויף גאַנצע צוויי חדשים.

די טרופּע איז געווען פול מיט באַגייסטערונג און ענטוזיאַזם, אַלע האָבן אַפּלאָדירט סטעפּאַן אַרויסווייזנדיק אַזוי אַרום זייער פרייד צוליב דער פריידיקער ידיעה. בלויז אייניקע עלטערע אַקטיאָרן, צווישן זיי דער אַלטער איידלמאַן זענען זיצן געבליבן ערנסט און כמעט ווי גלייכגילטיק.

שלמהלע האָט עס באַמערקט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז דאָס איז די לעבעדיקע באַשטעטיקונג פון זיינע ווערטער וועלכע ער האָט אָקאָרשט, מיט עטלעכע מינוטן פאַרן אַראָפּקומען אין עס־זאַל געזאָגט צו סטעפּאַן. ער האָט זיך איבערגעוווּנקען מיט סטעפּאַן, אָנווייזנדיק מיט זיין בליק אויף די עלטערע אַקטיאָרן, ווי ער וואָלט געוואָלט אַזוי אַרום איר דערמאָנען וועגן זייער פריערדיקן שמועס.

דאָס יונגוואַרג פון דער טרופּע האָט דערווייל אָנגעהויבן נעמען אַ שנעפּסל און טרינקען לחיים. מען האָט געווונטשן זיך קעגנזייטיק דער־פאָלג, געפּילדערט, געטומלט און געלאַכט. דער טיש איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ מין היימישן באַנקעט. אַלעמאָל האָט זיך אויפגעשטעלט אָן

אַנדערער אַקטיאָר און געהויבן זיין כוס האַלטנדיק אַ קורצע אימפּראָווי־זירטע רעדע. חברה אַקטיאָרן האָבן גענומען פאָדערן אויך פון אַלטן איידלמאַן ער זאָל זאָגן עטלעכע ווערטער.

איידלמאַן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אמתן טיפּ פון אַן אַלטן אויסגעדינטן קינסטלער. זיינע לאַנגע זילבערדיקע האָר, זיין הדרת־פּנים, די ערנסטע פאַרטראַכטקייט אין זיינע אויגן, זיין גאַנצע געשטאַלט האָבן געוועקט באַ יעדן דרך־ארץ. ער האָט זיך געקווענקלט אַביסל, אָבער לסוף האָט ער נאָכגעגעבן. ער האָט גענומען דעם כוס אין האַנט און מיט זיין טיפער שטימע אָנגעהויבן ריידן:

— לחיים, חברים! איך בין מודה אַז איך בין אייך מקנא מיט אייער לעבנסלוסטיקייט, מיט אייער גרייטקייט צום שטענדיקן, פּערמאַנענטן וואַנדערן. פון מיר, ליידער, איז שוין אַוועק די לוסט וואָס איך האָב גע־האַט אַמאָל צום באַהעמישן אופן פון לעבן. איר וועט מיר דעריבער מוחל זיין, וואָס איך קאָן מיך נישט פרייען גלייך מיט אייך — ליידער בין איך שוין נאָענט צום סוף פון מיין וואַנדערונג.

„צום באַדויערן האָבן מיר, יידישע אַקטיאָרן נישט צו דערוואַרטן קיין פאַרגיטיקונג פון קיינעם פאַר אונדזער שווערער אַרבעט, און עס איז אונדז שווער דעריבער צו געפינען אַביסעלע רו אויף דער עלטער. און דע־ריבער, ווען מיר ניכטערן זיך אויס פון אונדזערע יוגנטלעכע חלומות, בלייבט אונדז בלויז איין־איינציקער חלום — דער חלום וועגן אַ שטענ־דיקן, אַן אייגענעם געלעגער. איך ווינטש אייך חברים, איר זאָלט דער־לעבן מיין עלטער. ערשט דעמאָלט וועט איר מיך פאַרשטיין און איר וועט זיך דערמאָנען אָן מיינע ווערטער. לחיים!"

די ווערטער פונעם אַלטן איידלמאַן האָבן אַלעמען גערירט ביז טרערן. מען האָט אים היים אַפּלאָדירט און געקוקט צו אים, צו זיין זילבערדיקן קאָפּ, מיט אויגן פייכטע, און פולע מיט אַכטונג. דערנאָך איז געוואָרן שטיל אַרום טיש. די ווערטער פונעם אַלטן אַקטיאָר האָבן זיך איינגע־גראָבן אין אַלעמענס נשמות, און יעדער איינער האָט שטילערהייט זיי איבערגעטראַכט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל.

דער איינציקער וואָס האָט געפונען פאַר נויטיק צו ענטפערן דעם אַלטן איידלמאַנען איז געווען שלמהלע. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיינע ווערטער האָבן גענומען קלינגען אין דער אַרומיקער שטילקייט.

— ליבער חבר איידלמאַן! — האָט ער געזאָגט — אייערע איינפאַכע ווערטער האָבן אונדז אַלעמען גערירט, ווייל די רייד אייערע זענען אויפ־ריכטיקע און זיי קומען פון דער טיפעניש פון אייער נשמה. אויפריכטיקע רייד רופן אַרויס אויפריכטיקע טרערן, אמתדיקע טרערן און נישט קיין

פאַלשע בינע־טרערן. טרערן טייערע און קאָסטבאַרע, וואָס מען קאָן זיי נישט באַצאָלן. מיר פאַרשטייען אייך, חבר אײדלמאַן, מיר פאַרשטייען אײערע געפילן, ווייל נאָר מיר קענען פאַרשטיין יענעמס געפילן, מיר — וועלכע פרייען זיך נאָך מיט דער וואַנדערונג.

אָבער גענוג שוין חברים, איך וויל נישט מיט קיין טרויעריקע רייד פאַרשטערן די גוטע שטימונג, וואָס האָט געהערשט דאָ באַם טיש. דעריבער בעט איך אויך דעם חבר אײדלמאַן, ער זאָל ווייטער אויך בלייבן מיט אונדז אין זיין אופן פון באַנעמען דאָס לעבן, ער זאָל ווייטער בלייבן דער זאָרגלאָזער באָהעם, ווייל דאָס איז אונדזער גורל, דער גורל פון מענטשן, וואָס מוזן טיילמאָל זינגען און טאַנצן כאָטש עס גלוסט זיך וויינען... חבר אײדלמאַן! איך ווינטש אייך אין נאָמען פון אַלע חברים, לאַנגע און געזונטע יאָרן, אַז איר זאָלט נאָך אַ לאַנגע צייט קאָנען זיך פאַרמעסטן מיט יונגערע פון אייך.

24. — אין יעקאַטערינאָסלאַוו

ביי ר׳ לייזערן אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָט זיך דערווייל אַלעס גע־ענדערט. די טרויער־טעג זענען אַוועק און ר׳ לייזער האָט מיט מזל גע־שטעלט אַ חופּה מיט זיין קרובה, מיט דער אַלמנה צירל. סאָניע האָט צו־געקוקט מיט אַ באַהאַלטענער איראָניע, ווי איר טאַטע הויבט זיך אָן צו שניידן אויף אַ יונגערמאַנטשיק.

די מומע צירל האָט פעסט גענומען אין אירע הענט די לייצעס פון דער גאַנצער באַלעבאַטישקייט, און סאָניע האָט איר אָנגעהויבן גרויס צו ווערן אין די אויגן. ר׳ לייזער אָבער האָט נאָך אַלץ געלייגט גרויסע האָ־פענונגען אויף שלמהלען, און אויסגעקוקט דעם טאָג ווען ער וועט שוין מיט מזל קאָנען התונה מאַכן סאָניען, און שלמהלע זאָל זי נעמען צו זיך. אגב האָט ער די דאָזיקע האָפענונג זיינע טאַקע אַריינגערעכנט צירלען אין נדן אַריין. ער האָט איר פאַרזיכערט, אַז עס וועט נישט לאַנג דויערן און זיי וועלן בלייבן צוויי נפשות, און ווען עס וועט אַזוי געשען, וואָס וועט זיי דאַן פעלן? זיי וועלן ערשט דאַן אָנהויבן אַלץ נאָכאַמאָל, פון סאַמע אָנהויב... איצטער האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַז עס איז נישט אויף אַזוי שנעל. „יאָ, יאָ, — האָט ר׳ לייזער שטיל גענומען אונטער־קרעכצן — נישט שטענדיק איז אַזוי ווי דער מענטש וויל".

סאָניע אַליין איז איצטער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטע און ערנסטע. אַמאָל האָט זי אויך געגלויבט, אַז עס איז נישט ווייט די צייט, און שלמהלע וועט קומען און זי אַרויסנעמען פון איר טאַטנס הויז, און זי וועט געפינען לעבן אים, לעבן איר באַשערטן, אַ טרייסט און אַביסל גליק. אָבער אַלץ איז לעצטנס אַזוי מאָדנע, אַזוי אַנדערש, ווי זי האָט זיך עס פריער פאַרגעשטעלט. שלמהלעס בריוו קומען שוין נישט אָן אַזוי אָפט ווי פריער, און ווען זיי קומען שוין אָן, ווייעט פון צווישן די שורות אַ פרעמדקייט און אַ מאָדנע צוריקגעהאַלטנקייט און קאַלטקייט.

דער לעצטער בריוו זיינער איז נאָך געווען פון קיעוו. ער האָט איר געשריבן אַז די טרופּע האַלט באַם אַריבערקלייבן זיך קיין כאַרקאָוו און דעריבער איז ער זייער פאַרנומען. יאָ, ער פילט מיט מיט איר, ער פאַר־שטייט איר עלנט און איינזאַמקייט, און ער וועט זיכער איר צוהילף קו־

מען, אָבער אויף אַלץ מוז קומען אַ צייט. דערווייל קאָן ער איר מיט גאָר־נישט העלפן, עס איז אים אין איצטיקן מאָמענט בכלל אומעגלעך צו טראַכטן וועגן אַ חתונה...

נאָך אַזאַ מין פאַרעוון בריוו האָט סאָניע כמעט ווי פאַרלוירן איר גלויבן אין שלמהלען. וויפל מאָל זי זעצט זיך אַוועק שרייבן צו אים, פאַלט איר די פעדער אַרויס פון האַנט, און זי ווייסט נישט פונוואַנען אָנצוהויבן. זי האָט מורא צו פאָדערן פון אים, ווייל דאָס קאָן אים דערצערנען, און זי האָט אויך מורא צו בעטן זיך בײַ אים, ווייל מיט געבעט־בריוו קאָן זי נאָך ערגער מאַכן — עס קאָן נאָך בײַ אים אויסקומען אַז איר פערזאָן איז אים אַ שטערונג אין זיין קאַריערע...

בײַ דער מומע צירל האָט דערווייל געפּלאַצט דאָס געדולד. זי האָט באַשלאָסן אַז ס׳איז אומזיסט דאָס וואַרטן ביז וואַנען סאָניעס חתן וועט קומען און מיט איר חתונה האָבן. זי האָט אָנגעהויבן צו זוכן פאַר סאָניען עפּעס אַ שידוך.

זי האָט געקאָנט פאַרעדן די ציין אַ גאַנצער וועלט, אָט די דאָזיקע מומע צירל מיטן הויכן בוזים און מיטן קליינעם מיילעכל. האָט זי טאַקע דאָס ערשטע זיך גענומען צוגרייטן לייזערן. זי האָט אים איינגערעדט אַז זי האָט פאַר סאָניען אַ גאָלדענעם שידוך, אַזוינס און אַזעלכעס.

— ווער איז דאָס דער גאָלדענער שידוך דיינער? — האָט לייזער געפרעגט.

— ישראַליק באַקאַליימשיק — האָט זי געענטפערט — נו, וואָסזשע זאָגסטו איצט? ער איז טאַקע אַן אַלמן, אָבער ער איז אַ יונגער מענטש, אָן קינדער, ס׳איז שוין באַלד אַ יאָר, זייט זיין יונג ווייבל איז געשטאָרבן.

צירל האָט פיינט צו פאַרלירן צייט. זי איז אַ זשוואַווע, גיכע יידענע און ביי איר איז גערעדט און געטאָן. זי האָט גענומען אויפווייזן לייזערן אַז קיין גלייכערע זאַך איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ פאַראַן, אַז דאָס איז דאָס בעסטע וואָס מען קאָן איצטער טאָן.

— וואָס איז? — האָט זי געוואָרפן מיט די הענט און אַריינגעטענהט אין איר מאָן אַריין — קיין תנאים זענען דאָך נאָך נישט געווען ביי סאָניען און ביי שלמהן. באַזונדערס, דו דאַרפסט זיך גאָרנישט מישן. לאָז עס אַלץ איבער צו מיר.

שבת נאָך מיטאָג האָט זיך ביי ר׳ לייזערן אין שטוב באַוויזן אַ יונ־גערמאַן מיט אַ צוגעשוירן בערדל, פון אַ יאָר פינף און דרייסיק, מיט ברילן, אָן אויסגעפוצטער שבתדיק. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר לייזערן:

— איך בין אַ סוחר. איך פאַרמאָג אַן אייגענע באַקאַליינע קלייט אויף דער קרעמענטשוגער גאַס.

אויך לייזער האָט איצטער דערזען אַ גליק פאַר זיין איינציקער טאָכטער אין אָט דעם שידוך טאַקע. „וואָס איז? — האָט ער געטראַכט ביי זיך — די נדנים מישטיינס-געזאָגט וואָס איך קאָן איר דאָ געבן...״

מען האָט דעם גאַסט אַוועקגעזעצט ביים טיש און אים ברייט אויפגענומען. די מומע צירל האָט דערלאַנגט צום טיש אַלץ וואָס זי האָט צוגעגרייט, זיך באַוויזן מיט איר בריהשאַפט.

סאָניע איז גראָד געווען ביי אירער אַ חברטע, און דער יונגערמאַן האָט געהאַלטן אין איין וואַרפן מיט די בליקן אין אַלע ווינקלען פון צימער, ווי ער וואָלט געוואָלט פרעגן: „וואו איז זי?״ צירל איז אויך געווען אומגעדולדיק און אומרואיק. זי האָט זיך באַמיט אויפצוהאַלטן דעם גאַסט מיט פאַרשידענע תירוצים, ביז ענדלעך האָבן זיי זיך דערוואַרט און סאָניע איז אַנגעקומען.

צירל האָט גלייך פאַרגעשטעלט סאָניען פאַר ישראליקן, אָבער סאָניען איז אַפילו נישט איינגעפאַלן צוליב וואָס אָט דער באַברילטער יונגערמאַן איז געקומען צו גאַסט. אָבער דער יונגערמאַן האָט שוין פון איר נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן און געהאַלטן איר אין איין נאָכקוקן. ער האָט פאַרגעסן אַן אַלע פריערדיקע תירוצים, צוליב וועלכע ער האָט זיך כלומרשט געאיילט אַוועקצוגיין, און איצטער אַפילו נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַוועקגיין. מיט בליקן וואָס האָבן געגלאַנצט פון הינטער די ברילן אַפּער האָט ער אויסגעמאָסטן סאָניעס קערפּער פון קאָפּ ביז די פיס. סאָניען איז געוואָרן אומהיימלעך פון אָט־דעם בליק זיינעם, און דער יונגערמאַן איז געזעסן און געזעסן, און ווען ער האָט שוין לסוף באַשלאָסן אַוועקצוגיין, האָט ער באַם געזעגענען זיך לאַנג געהאַלטן סאָניעס דריבנע הענטל אין זיין האַנט און פעסט, פעסט געדריקט...

ערשט דעמאָלט האָט סאָניע פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שידוך פאַר אירטוועגן, און עס האָט איר אַ מאָדנע טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מומע צירל מיט אַ בייזן, צאָרנדיקן בליק און שטיין געבליבן אַ בלייכע, מיט אַ פאַרענדערטן פון כעס פנים. די מומע צירל אָבער איז געווען אַ כיטרע יידענע, זי האָט גלייך פאַרשטאַנען די סיבה פון סאָניעס אויפגערעגטקייט, און מורא געקראָגן אַז דער יונגערמאַן זאָל זיך נישט כאַפּן וואָס קומט דאָ פאָר. שנעל, שנעל האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרעדן דעם גאַסט, און אַלץ אויסגעדרייט און באַאַרבעט אויף אַזאַ אופן, אַז ער זאָל זיך נישט אָנשטויסן אַפילו, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

ווען ישראליק באַקאַליימשיק איז שוין ענדלעך אַוועקגעגאַנגען, איז אין שטוב געבליבן העגגען אַ מאָדנע, דריקנדיקע שווייגעניש. לייזער און צירל האָבן אָנגעהויבן איבערווינקען זיך אויף שטום-לשון, אַנווייזנדיק מיט די אויגן אויף דער מויד וואָס האָט זיך איצט פּאַרוקט אין אַ ווינקל און פון דאָרטן געקוקט צו זיי מיט בייז-פלאַמענדיקע אויגן.

סאָניע האָט געוואַרט אַז עמעצער פון זיי זאָל אָנהויבן רעדן. זי אַליין האָט נישט געוואָלט אָנהויבן דעם קאַמף, אָבער זי איז געווען גרייט אָפּ־צושלאָגן יעדן אָנפאַל. קיינער האָט אָבער גאָרנישט נישט געזאָגט. האָט סאָניע נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן מיט אַן ארויסרופערישן בליק אויף איר טאַטן און אויף דער שטיפמאַמע אירער, און מיט אַ שטאָלץ-אויפגעהוי־בענעם קאָפּ איז זי אָן צו זאָגן אַ וואָרט אַוועק צו זיך אין איר אַלקערל.

ערשט דעמאָלט האָט לייזער טיף אָפּגעזיפצט:

— כ׳האָב מורא אַז דאָס מיידל זאָל חלילה נישט קראַנק ווערן — האָט ער געזאָגט — זי בענקט נאָכן בחור.

— נעם זיך נישט צום האַרצן, מיין טייערער מאַן — האָט די מומע צירל פרום און זאָרגעוודיק צונויפגעשנורעוועט איר פּיסקעלע — דאָס איז אַ גאָלדענער שידוך, הלוואי אַלע מיינע ליבע געזאָגט. לאָז עס איבער צו מיר, איך וועל זי שוין צו ביסלעך צוגרייטן. ס׳וועט איר חלילה קיין שום בייז נישט געשען.

— קאָן זיין, אַז דער שידוך איז טאַקע אַ גוטער. די פראַגע איז אָבער צי זי וועט קענען אַזוי גיך פאַרגעסן אָן שלמהלען.

— ס׳איז נאָך דאָ צייט צו ריידן דערוועגן — האָט די מומע צירל גע־ענטפערט ווילנדיק אַזוי אַרום פּאַרענדיקן אָט דעם שמועס — ס׳איז שוין טונקל אין שטוב, צייט צו זאָגן „גאָט פון אברהם״.

זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַ וויש געטאָן מיט די פינגער איבער דער פייכטלעכער שויב. אין דער צופאַלנדיקער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט האָבן אָנגעהויבן צו זשומען איבערן צימער די ווערטער פון „גאָט פון אברהם״.

***

סאָניע איז געלעגן באַ זיך אין איר פינצטערן אַלקערל, און אויפן האַרץ האָט זי געפילט אַ גרויסע און שווערע לאַסט. „ווער וויים, וואָס עס דערוואַרט מיך נאָך?״ — האָט זי געטראַכט. דער מומע צירלס ניגון האָט זיך אַריינגעריסן אין איר פינצטערן חדרל, און אָט דער פרומער ניגון פון דער שטיפמאַמע האָט איר, סאָניען, קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט...

זי האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן שלמהלען: זאָל עס מעגלעך זיין

אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן איר? איז עס מעגלעך אַז ער וועט זי טאַקע אינגאַנצן פאַרלאָזן? אויב אַזוי, איז צו וואָס נאָך בלייבט איר צו לעבן אויף דער וועלט?

זי האָט באַשלאָסן דאָס מאָל, זאָל זיין דאָס לעצטע מאָל, פּרוּוון אָנ־שרייבן אַ בריוו צו אים, צו שלמהלען, אויב ער וועט אויך איצטער איר נישט ענטפערן, ווי זי דערוואַרט עס פון אים, וועט זי ערשט דעמאָלט פּרוּוון באַשליסן וואָס איר בלייבט צו טאָן...

זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר מאַמען, אָן די שטילע שבתדיקע פאַר־נאַכטן ווען טעמע האָט נאָך געלעבט. אַך, ווען די מאַמע, די גוטע טייערע מאַמע זאָל איצטער לעבן, ווי אַנדערש וואָלט אַלץ אויסגעזען... סאָניע האָט דערפילט ווי טרערן פילן אָן אירע אויגן און אַ געוויין שטיקט איר אין האַלדז...

פּלוצלינג האָט זיך די טיר אָן עפן געטאָן, און אַ ליכטיקער פּאַס פון לאָמפּנשיין האָט אַריינגעשפּאַרט פון דער צווייטער שטוב אין איר אַל־קערל אַריין.

— אַ גוטע וואָך, סאָניטשקע — האָט סאָניע דערהערט דער מומע צירלס קול — פאַרוואָס ליגסטו עפּעס איינע אַליין אין דער פינצטער?

סאָניע האָט נישט געענטפערט. זי האָט אויף גיך אָפּגעווישט די טרערן פון אירע באַקן נישט ווילנדיק ווייזן דער מומע צירל אַז זי וויינט. אָבער רעדן האָט זי מורא געהאַט, טאָמער וועט מען דערקענען איר גע־וויין אין דער שטים אירער.

די דורכגעטריבענע מומע צירל האָט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאָר אין סאָניעס נשמה. „מע דאַרף עס אָפּלייגן אויף אַן אַנדער מאָל" — האָט זי אַ טראַכט געטאָן און צוריק אַרויס פון אַלקערל.

25. — צו שלמהלען שדכנט זיך אַ פֿאַבריקאַנטס אַ טאָכטער

סאַלאָמאָן טאָמאַסאָוו, דער נייער שטערן פֿונעם יידישן טעאַטער, האָט איצטער באַקומען אַ געלעגנהייט צו באַווייזן זיין טאַלאַנט פֿאַר אַ נייעם פּובליקום. די גרויסע שטאָט כאַרקאָוו האָט שוין דעמאָלס פֿאַרמאָגט אַן אַנטוויקלטע אינדוסטריע, אין וועלכער עס זענען געווען פֿאַרטראָטן אין אַן אַנגעזעענעם פּראָצענט, יידישע אונטערנעמער. אויך דער האַנדל איז איינגעשטאַנען אין אַ היפּשער פּראָפּאָרץ בײַ רייכע יידישע סוחרים. דערביי זענען די כאַרקאָווער יידן געווען גרויסע ענטוזיאַסטן פֿונעם יידישן טעאַטער און אים אונטערגעשטיצט אין זייער אַ גרויסער מאָס.

שלמהלע, אָדער ווי מען האָט אים איצט גערופֿן — סאַלאָמאָן טאָמאַ־סאָוו, האָט פֿאַרנומען אין דער טרופּע דעם סאַמע אויבנאָן און זיין אַרט שפּילן האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַ גרויסע צאָל אָנהענגער, מערסטנטייל צווי־שן דעם שוואַכן מין, היות פֿרויען האָבן אים פֿאַרערט נישט נאָר אַלס קינסטלער, נאָר זיי זענען באַווירקט געוואָרן פֿון זיין שיינער מענערישער געשטאַלט.

באַלד נאָך די ערשטע צוויי פֿאָרשטעלונגען האָט אַ גרויסער צוקער־פֿאַבריקאַנט, אַ געוויסער טשערניאַקאָווסקי איינגעאָרדנט אַ באַנקעט לכבוד דער טרופּע אין איינעם פֿון די גרעסטע רעסטאָראַנען. צום באַנקעט איז ער געקומען מיט זיין פֿאַמיליע. ער אַליין, דוד טשערניאַקאָווסקי, איינער פֿון די גרעסטע כאַרקאָווער צוקער־פֿאַבריקאַנטן, איז געווען אַ ייד מיט אַ שיין פֿאַרפּוצט בערדל, אַ הדרת־פּנימדיקער און מיט אַ זשעסט פֿון אַן אמתן גביר. ער האָט זיך געזעצט אויבנאָן און לעבן אים איז געזעסן זיין עלעגאַנט אָנגעטוענע פֿרוי און זיין יונג טעכטערל, אַ מיידל מיט זייער שיינע געזיכטס־שטריכן, אָבער אַ געשטראָפֿטע פֿון דער נאַטור — איין אַקסל איז געווען בײַ איר אַ העכערער.

סטעפּאַ ווי געוויינלעך האָט זיך געזעצט לעבן שלמהלען, און פֿון איר צווייטער זייט איז געזעסן קאָזלאָוו, וועלכער האָט כלומרשט גאָר־נישט חושד געווען, אָבער דאָך... דער אָוונט איז געווען אַ טומלדיקער און אַ פֿריילעכער. חברה אַקטיאָרן האָבן גאָר פֿריילעך פֿאַרבראַכט זיצנדיק אַרום דעם רייך־געדעקטן טיש. עס זענען אויך געווען רעדעס — אין יידיש

און אין רוסיש. טשערניאַקאָווסקי אַליין האָט אויך געהאַלטן אַ רעדע. ער האָט גערעדט האַלב-יידיש און האַלב-רוסיש, און אונטערגעשטראָכן זיין באַציאונג צו קונסט בכלל און צו יידישער קונסט בפרט. יידישע קונסט — האָט ער געזאָגט — דאַרף געשטיצט ווערן גאָר שטאַרק פון אַלע יידן איבער גאָר דער וועלט, ווייל דאָס איז איינער פון די גרעסטע אוצרות פון יידישן פאָלק. די וואַרעמע ווערטער פון טשערניאַקאָווסקין און דער שאַמפּאַניער וועלכער האָט שוין צוביסלעך געוואַרישט אין די אַקטיאָרישע קעפּ האָבן אַרויסגערופן אַן אמתן שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן.

שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך דער באַנקעט געענדיקט און אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט גרייטנדיק זיך צו גיין אַהיים. מען האָט שוין גע־האַלטן באַם געזעגענען זיך און דעמאָלט איז צו שלמהלען צוגעקומען דאָס האָרבאַטע מעכטערל פונעם צוקער-פאַבריקאַנט און דריקנדיק שטאַרק זיין האַנט, אָנגעהויבן צו ריידן מיט באַגייסטערונג וועגן דער פאָרשטעלונג און ספּעציעל וועגן זיין, שלמהלעס, שפּילן. זי האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער זעט נישט און שנעל דערלאַנגט שלמהלען אַ צונויפגעלייגט צעטעלע. שלמהלע האָט פאַרשטאַנען איר פאַרלאַנג און אומבאַמערקטערהייט פאַר־שטעקט דאָס צעטעלע אין טאַש.

דאָס צעטעלע האָט ער איבערגעלייענט ערשט דעמאָלט ווען ער איז שוין געווען צוריק באַ זיך אין האָטעל-צימער. אין קורץ-געפאַסטע אָבער דייטלעכע ווערטער האָט דעם פאַבריקאַנטס טאָכטער אויסגעדריקט איר פאַרערונג פאַר אים, אַלס פאַר אַ קינסטלער און איינציייטיק געבעטן אים ער זאָל איר ענטפערן אויפן אַדרעס וועלכן זי וויזט אים אָן, צי ער באַ־וויליקט מיט איר זיך צו טרעפן און אויב יאָ — דאַן זאָל ער אָנווייזן דאָס אָרט פון דער טרעפונג.

שלמהלע האָט זיך צעשמייכלט איבערלייענענדיק דאָס דאָזיקע צע־טעלע און אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין כמעט אויפן הויכן קול:

— אָט האָסטו דיר אַ נייע צרה...

עפּעס איז זיך אים נישט געשלאָפן. ער האָט אַרומגעשפּאַנט אַ שטיקל צייט איבערן צימער און ווען ער האָט זיך געלייגט אין זיין בעט האָט ער געזען אַז עס טאָגט שוין. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם רייכן מיידל, פון וועלכער ער האָט אָקאָרשט דערהאַלטן דאָס פאַרערונגס-בריוול. „ווי די נאַטור איז זיך מיילמאָל נוקם — האָט ער געטראַכט — אָט, אַ רייך און אַ שיין מיידל, האָט די נאַטור נישט געקאָנט פאַרגינען אַלץ מיט אַמאָל און געשטראָפט זי מיט אַ האָרב...״ פונדעסטוועגן האָט ער דאָך באַשלאָסן מיט איר זיך צו טרעפן. ער איז פּשוט געווען נייגעריק — וואָס אַזאַ באַשעפעניש קאָן פון אים פאַרלאַנגען. זיין געדאַנק האָט געוואַנדערט

ווייטער און ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן סטעפאַן. אָ, ער איז שוין מיד פון אָט דער סטעפאַן טאַקע. ער האָט זי שוין געזען אין פאַרשיידענע שיינען, אָבער דאָס וואָס ער האָט לעצטנס פון איר באַמערקט איז אים אויסגעקומען לכל־הפחות זייער מאָדנע... ער האָט געוווּסט אַז זי פאַר־מאָגט אַן אומגעצוימטן פרייען אופן פון לעבן, ער דערמאָנט זיך מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט זי האָט זיך אים אָפּגעגעבן דאָס ערשטע מאָל. ער האָט אָבער אויך געדענקט אַז זי פאַרמאָגט אויך גוטע אייגנשאַפטן — ער האָט געדענקט איר חרטה, געדענקט אָן יענעם אָוונט ווען זי איז געלעגן אַ צוזאַמענגעבראָכענע, אַן אויסגעלאָשענע, אַ פולע מיט געוויסנסביסע, פון וועלכער אגב, ער שלמהלע, איז געווען די סיבה... אָבער דאָס וואָס ער האָט צוגעזען לעצטנס, האָט ער דאָך נישט געקאָנט באַגרייפן. ער, שלמה־לע, האָט אַליין צוגעזען ווי טשערניאַקאָווסקי, וואָס איז געוואָרן אַ שטאָם־גאַסט אין טעאַטער און פאַרפעלט כמעט נישט קיין איין פאַרשטעלונג, פאַרט אַוועק ערגעצווו מיט סטעפאַן און קאָזלאָוו אַליין באַגלייט זיין ווייב, סטעפאַן, צו טשערניאַקאָווסקים קאַטש. ניין, זיין נאַיווער שכל האָט דאָס נישט געקאָנט באַנעמען, אַז אַן אייגענער מאַן זאָל קאָנען איינגיין דערויף אַז זיין פרוי זאָל זיך מיט זיין וויסן פאַרקויפן צו אַן אַנדערן... אמת, ס׳איז טאַקע אַן אַלגעמיין באַקאַנטער „סוד” אַז דאָס האָט טשערניאַקאָווסקי פאַרשאַפט קאָזלאָוון די דערלויבעניש צו שפּילן טעאַטער אין כאַרקאָוו, אָבער ווען עס זאָל אפילו זיין אַזוי, איז דען דאָס אַ סיבה צו אַזאַ גיים־טיקן נידערפאַל, אַז אַ פרוי זאָל האַנדלען מיט איר אייגענעם קערפּער מיט דער הסכמה פון איר אייגענעם מאַן... טאַ מיט וואָס שיידן זיך אונטער אַזעלכענע פאַרשוינען פון דער אונטערוועלט? און עס קאָן טאַקע זיין, אַז די מאָראַל פון די אונטערוועלט־מענטשן שטייט נאָך אַלץ העכער ווי די מאָראַל פון אַ קאָזלאָוו צי אַ סטעפאַ.

נישט ווילנדיק האָט ער ווידעראַמאָל אָנגעהויבן צו פאַרגלייכן סטע־פאַן צו מיליען. ווי אַנדערש אָט די מיליע איז געווען: זי האָט זיך טאַקע אויסגעגליטשט אין לעבן, אָבער נישט זי האָט געטראָגן די שולד דער־פאַר, נאָר די אומשטענדן, וואָס האָבן זי געבראַכט דערצו... אָבער דאָך וואָלט מיליע זיך קיינמאָל נישט פאַרקויפט... אפילו מיט אים אַליין, מיט שלמהלען, וועמען זי האָט ליב געהאַט אויף אַן אמת, האָט זי נישט גע־וואָגט צו קומען צו אַ דערנענטערונג, און אפשר איז עס טאַקע געשען אַזוי צוליב דעם וואָס זי האָט אים ליב געהאַט און זי האָט געוואָלט אַז די דאָזיקע ליבע צו אים זאָל בלייבן ריין און אומבאַפלעקט...

און ווידער האָט אַ שוועב געטאָן פאַר זיינע אויגן סאָניעס אומשול־

דיק זים פּנימל. ווי אַלץ איז דאָרט געווען ריין און ציכטיק, אַזוי ריין און ציכטיק ווי נאָר אַן ערשטע ליבע קאָן זיין...

ער האָט זיך פּלוצלינג דערפילט שולדיק, געוואַלדיק שולדיק לגבי סאָניען און מיט אָט-דעם געפיל פון שולד איז ער איינגעשלאָפן, אַ געמאַטערטער פון שווערע און מאָדנע חלומות.

***

ווען ער האָט זיך איבערגעוועקט איז אינדרויסן שוין געווען גרויסער טאָג. דער האָטעל דינער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און אַריינגעבראַכט אים די קאָרעספּאָנדענץ. צווישן די קאָנווערטן האָט ער באַמערקט סאָניעס האַנטשריפט. ער האָט אַוועקגעלייגט אַלע אַנדערע בריוו אָן אַ זייט און דאָס ערשטע גענומען לייענען דעם בריוו פון סאָניען.

ער האָט דערוואַרט פון איר אַ בריוו פול מיט פאַרוואורפן, מיט שטורמישע ווערטער, מיט גיפטיקער איראָניע. ער האָט געוווסט אַז וואָס זי זאָל אים איצטער נישט שרייבן וועט זי זיין גערעכט און ער איז געווען אינערלעך גרייט די דאָזיקע גערעכטע טענות אויפצונעמען.

מיט אַן אומגעדולדיקער באַוועגונג האָט ער אויפגעריסן דעם קאָנווערט און אַ הייסע כוואַליע פון בענקשאַפט האָט אים אַרומגענומען באַם בלויזן אָנבליק פון די קליינע אותיהלעך געשריבן מיט סאָניעס הענטל. ער האָט אָנגעהויבן לייענען:

„טייערער שלמהלע! — האָט סאָניע געשריבן — זיי נישט בייז אויף מיר וואָס איך פאַרפאָלג דיך מיט מיינע נאַרישע בריוו. אָבער נישט איך בין שולדיק דערין. שולדיק איז מיין שוואַך האַרץ פון אַ ליבנדיקער פרוי, וועלכעס קאָן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז מיר קערן זיך שוין מער נישט אָן. ניין, איך בין נישט בכוח אַרויסצורייסן פון מיין האַרץ מיין ערשטע ליבע סיידן איך זאָל זי אַרויסרייסן צוזאַמען מיט מיין נשמה.

אָבער ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, בעט איך דיך אַן ענטפער, אפילו ווען דער ענטפער זאָל דאַרפן זיין דער ערגסטער. אויב עס איז טאַקע אמת, אַז אונדזער ליבע האָט זיך אַזוי טרויעריק געענדיקט שרייב מיר אויך, און שרייב מיר וואָס גיכער. איך מוז עס ווייסן, בכדי איך זאָל כאָטש קאָנען זיך צוגעוווינען מיט דער צייט צום אומגליק וואָס האָט מיך געטראָפן.

מיין פאָטער האָט חתונה געהאַט און פאַר מיין שטיפמוטער, דער מומע צירל, בין איך מסתמא אַ שווערער לאַסט. זוכט זי דעריבער שידוכים פאַר מיר — מען וויל מיך אויסגעבן פאַר אַן אלמן... איך ווייס נישט

צו וואָס מיין איצטיקע לאַגע קאָן מיך טרייבן... אַלץ פירט דערצו, אַז איך וועל נישט האָבן קיין אַנדערן אויסוועג ווי נאָר צו באַגיין אַ לעצטע נאַרישקייט...

לאַך נישט שלמהלע פון דיין נאַרישער סאָניען, וועלכע אַנטפּלעקט פאַר דיר איר ווייַ און איר פּיין.

זאָל מיר דערלויבט זיין אַ קוש צו טאָן דעם גרויסן אַרטיסט מיין טייערן שלמהלען.

דיין אָרעמע סאָניע".

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָט שלמהלע כמעט ווי געשלונגען די ווערטער פון סאָניעס בריוו. ער האָט ווידער און ווידעראַמאָל געלייענט און איבערגעטראַכט אַ יעדעס וואָרט פון אָט די קינדערשע, האַרציקע שורות. ער האָט געטראַכט וועגן דעם זיסן, פאַריתומטן מיידל סאָניען, וועמען ער האָט צוגעזאָגט צו געבן פיל, פיל גליק אין לעבן און ער האָט זיך פלוצלינג צעוויינט ווי אַ קליין קינד. דער אויפברויז וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט אָט-דעם געוויין האָט זיך אין אים איבערגעקאָכט און פאַרהאַרטעוועט אין אַ פעסטן באַשלוס. איצטער — האָט ער זיך אַליין געזאָגט — וועט שוין אַנדערש נישט זיין. איצטער מוז ער שוין אויספירן זיין פעסטן באַשלוס ביזן סוף. יאָ, באַלד נאָך דעם ווי דער קאָנטראַקט מיטן „כאַרקאָווער טעאַטער" וועט זיך ענדיקן, וועט ער גלייך אַרויספאָרן צו סאָניען. נאָך היינט וועט ער איר אָנשרייבן דערוועגן, בכדי זי זאָל זיך באַרויקן און רואיק וואַרטן אויף זיין צוריקקומען. ניין, ער וועט זיין סאָניען אויף קיין פאַל נישט פאַרלאָזן. זי איז באַ אים געוועזן די ערשטע און זי און נאָר זי וועט זיין באַ אים די לעצטע. אויב ער האָט נאָך ביז איצט געקאָנט האָבן עפּעס אַ ספק, אויב ער האָט זיך וועגן עס איז אַ וואַקל געטאָן אין זיין באַשלוס, איז דערפאַר איצטער, נאָך די אַלע ביטערע דערפאַרונגען מיט די אַלע פרויען וואָס ער האָט אָנגעטראָפן, נאָך דעם ווי ער האָט זיך שוין געזען אויפן ראַנד פון אַ מאָראַלישן אָפּגרונט, נאָך אָט דעם אַלעם זעט ער איצט זיין וועג אַ קלאָר-אָנגעצייכנטן: ער וועט פאַרזיגלען זיין לעבנס-גורל צוזאַמען מיט דער געטרייער און האַרציקער סאָניען.

אַ געלייטערטער פון אָט-דעם אינערלעכן געראַנגל און פעסטן באַשלוס האָט ער אָנגעהויבן לייענען דעם בריוו פון זיין מאַמען. דער מאַמעס בריוו קומען אָן פּינקטלעך יעדע וואָך צו אים. די שרייבערן פון זיין מאַמעס בריוו איז די יונגסטע שוועסטערל זיינע, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים נאָך אַ קינד פון פינף יאָר, און איצטער איז זי שוין מער נישט קיין קינד. פון דער קליינינקער סערעלע איז געוואָרן סערל, כמעט אַ כלה-מיידל. ער דערמאָנט זיך ווי די מאַמע זיינע, שיינע-שרה

האָט אַט די סערעלע גערופן נישט אַנדערש ווי „דאָס מיזינקעלע", און איצטער איז דאָס חנעוודיקע, קליינע מיידעלע, שוין דאַנקען גאָט אַ דער־וואַקסן מיידל און שרייבט אַזעלכענע האַרציקע יידישע בריוו. זי שרייבט אין אַן עכט יידישער פאָלקס־שפּראַך, וואָס די מאַמע דיקטירט איר מסתמא. לייענענדיק אַט די בריוו, זעט שלמהלע שטענדיק פאַר זיך דאָס קליינע שוועסטערל זיינע, און אַנשטאָט די באַזונדערע אותיות פון איר קיילעכיקן האַנטשריפט זעט ער אירע קליינע פּוכקע הענטעלעך מיט די גריבעלעך אין יעדן פינגער. איעדער בריוו רירט אים ביז טרערן, און אויך איצט איז ער זיצן געבליבן אַ פולער מיט ליבשאַפט און בענקשאַפט צו זיין מאַמען, צו זיינע שוועסטער און ברידער.

עס איז איינגעפאַלן אַ וואונדערלעכער פּלאַן: ער וועט אַראָפּברענגען סאָניען צו די זייניקע, און טאָקע דאָרטן וועט מען פּראַווען די חתונה. אויב אפילו ר' לייזער זאָל זיך איינשפּאַרן און דווקא פאָדערן אַז די חתונה זאָל פאָרקומען באַ אים, אין יעקאַטערינאָסלאַוו, איז אויך דעמאָלס וועט ער אויך באַלד נאָך דער חתונה אַראָפּברענגען סאָניען צו זיין היים, קיין ווערבאָווע. ער וועט מאַכן צוזאַמען מיט זיין יונג ווייבל אַ האָניק־רייזע צו זיין מאַמען.

ער האָט זיך גלייך אַוועקגעזעצט צום טיש און אָנגעשריבן צו סאָניען אַ בריוו און איר קלאָר געמאַכט אַלע פּלענער זיינע. ער האָט זיך זייער שטאַרק אַנטשולדיקט פאַר איר און צוגעזאָגט צו שרייבן פיל אָפטער ווי ביז איצט. דערנאָך האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיין מאַמען און צום סוף האָט ער אויך אָנגעשריבן צו מיליען, און איר צו וויסן געגעבן וועגן אַלע זיינע באַשלוסן.

אַ פרייליכער און אַ לייכטער, ווי עס וואָלט אים אַראָפּגעפאַלן אַ גרויסער שטיין פון האַרץ איז ער שפּעטער אַוועק אין גאָס איינקויפן מתנות פאַר סאָניען, פאַר זיין כלה, און געאיילט זיך זיי אַוועקצושיקן, אַז זיי זאָלן אָנקומען צו איר צוזאַמען מיט זיין בריוו.

26. — דעם פאַבריקאַנטס טאָכטער

טראָץ אַלעם האָט שלמהלע דאָך באַשלאָסן צו האַלטן וואָרט און זען זיך מיט דעם אומגליקלעכן רייכן מיידל, מיט סאָפיאַ טשערניאַקאָווסקי. זיי האָבן זיך באַגעגנט אין אַ קליינעם פּאַרק, וווּ אונטער די ברייט-צעצווייגטע ביימער זענען געשטאַנען אין שאָטן הילצערנע בענק, וועלכע זענען געווען באַשיצט דורכן דיקן געפלעכט פון צווייגעלעך און בלעטער פון דער זון און פונעם רעגן. נישט איין מאָל האָט זיך שוין דאָרט פריער שלמהלע געהאַט געטראָפן מיט סטעפאַן, און איצטער האָט ער געאיילט אַהינצו צו טרעפן זיך מיט סאָפיאַן. זי האָט זיך מקדים געווען, סאָפיאַ, און ווען ער איז אָנגעקומען אַהינצו איז זי שוין דאָרט געזעסן און געוואַרט אויף אים.

שלמהלע האָט דערפילט אַ רחמנות צו אָט-דעם מיידל, און ער האָט באַשלאָסן נישט צו לאָזן איר דערפילן, אַז ער געדענקט וועגן איר מום. ער האָט אויסגענוצט די גאַנצע איינגעבוירענע און אין דער וועלט אויסגעלערנטע העפלעכקייט ווי אויך זיין גאַנצן אַקטיאָרישן טאַלאַנט, בכדי זיין האַלטונג זאָל זיין קאָרעקט און נישט אונטערשיידן זיך פון דער האַלטונג וואָס אַ יונגער מענטש ווענדעט אָן געוויינלעך אין דער געזעלשאַפט פון אַ שיין מיידל. ער האָט זיך פאַרנייגט און אַ קוש געטאָן איר האַנט און געבעטן אַ דערלויבעניש זיך צו זעצן דערנעבן.

סאָפיאַ האָט זיך פאַרויטלט און אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן אויפגעלויכטן ווי צוויי רעפלעקטאָרן. אויף אירע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ פאַרליבטער, פיל-צוזאָגנדיקער שמייכל.

— דערלויבט מיר אייך צו מאַכן אַ קאָמפּלימענט — האָט זי צו אים אַ זאָג געטאָן — מיט אייער האַלטן וואָרט זענט איר באמת לויבנסווירדיק.

— אַ דאַנק. — האָט שלמהלע געענטפערט. ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף איר און טיף אין זיין האַרצן איז געוואַקסן דער באַדויער.

„אַזאַ שיין פּנים, מיט אַזעלכע פייערדיקע אויגן — האָט ער געטראַכט — אַזאַ זיסער שמייכל שלענגלט זיך אַרום איר געטאָקט מיילעכל, און דערביי איז זי אויף אַזאַ גרויזאַמען אופן באַעוולט געוואָרן פון דער נאַטור...“

סאָפיאַ האָט געקוקט אויף אים ווי זי וואָלט געוואָלט דערגיין אַלע געדאַנקען זיינע. זי האָט אים ממש דורכגעשפּיזט מיט איר בליק און גע־וואַרט אַז ער זאָל אָנהויבן רעדן. אָבער אויך ער האָט געוואַרט. ער איז געווען נייגעריק צו וויסן וואָס קאָן זי פון אים פאַרלאַנגען. דער דאָזיקער שטילער גראַנגל האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע מינוט און ענדלעך האָט סאָפיאַ אָנגעהויבן רעדן די ערשטע:

— איך קאָן נישט פאַרגעסן אייער נעכטיקן שפּילן. איך בין געווען אַזוי אַנטציקט פון אייער אַרט אויספירן די ראָל אַז איך האָב געמוזט זיך מיט אייך באַשטעלן בכדי אייך אויסצודריקן מיין אָנערקענונג פּנים־לפּנים, צווישן פיר אויגן. גלייכצייטיק וויל איך אייך איבערגעבן אָט די באַשיי־דענע מתנה מיינע. זי האָט אַרויסגענומען פון איר האַנט־טעשל, אַ קליין צירונג־קעסטעלע און אַ זאָג געטאָן — דאָס איז פאַר אייך!

שלמהלע האָט געעפנט דאָס קליינע קעסטעלע און פאַר זיינע אויגן האָט אַ בליאַסק געטאָן אַ רינג מיט אַן איינגעפאַסטן בריליאַנט. אַן איבע־ראַשטער האָט ער נישט געוווסט וואָס ער זאָל טאָן דערמיט. סאָפיאַן האָט געוויילט די דאָזיקע פאַרלעגנהייט זיינע. זי האָט געוואַרט מיט אַ דין ניי־געריק שמייכעלע אויף די ליפּן, ווי אַזוי ער וועט אויפנעמען די דאָזיקע מתנה.

— עס איז דאָך עפּעס אַ צו קאָסטבאַרע מתנה — האָט שלמהלע גע־שטאַמלט — פאַרוואָס קומט עס מיר?

— פאַר אייער קונסט — האָט זי אים געענטפערט — קוקט ווייטער. דאָרט איז עפּעס אויסגראַווירט.

שלמהלע האָט אויפגעהויבן דעם רינג אַ ביסעלע העכער, בכדי עס זאָלן פאַלן אויף אים די שטראַלן פון דער גאָלדיק־צעשיינטער זון וועלכע האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער געדיכטעניש פון די בלעטער. ער האָט איבערגעלייענט: „דעם אַרטיסט סאַלאָמאָן טאָמאַסאָוו".

— אַ גרויסן דאַנק, פריילן — האָט ער שטיל געזאָגט און ווידער איר געגעבן אַ קוש אין האַנט. ער איז געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט און נישט געוווסט וואָס צו טאָן. ער האָט מורא געהאַט אָפּצוואַרפן איר מתנה, טאָמער וועט ער זי דערמיט באַליידיקן, פון דער צווייטער זייט איז אים געווען זייער אומבאַקוועם אָנצונעמען אַזאַ קאָסטבאַרן געשאַנק פון אַ מיידל, וואָס ער קאָן זי אַזאַ קורצע צייט. „און אפשר מיינט זי אָפּ־צוקויפן מיך מיט איר רייכקייט?" — איז אים פלוצלינג איינגעפאַלן אַ גע־דאַנק.

ער האָט גענומען דעם רינג און אים אָנגעמאָסטן אויפן קלענסטן פינ־גער פון דער רעכטער האַנט. דער רינג האָט געפּאַסט גענוי ווי מען וואָלט

אים געמאַכט לויט דער מאָס. סאָפיאַ האָט לייכט אָנגענומען זיין האַנט און גלעטנדיק זי באַטראַכט ווי שיין דער רינג פּאַסט זיך צו אָט די לאַנגע ווייסע פינגער.

— פונקט אַזוי ווי מען וואָלט אייך גענומען אַ מאָס! — האָט זי מיט פרייד אויסגעשריגן. זי האָט צוגעטוליעט זיין האַנט מיטן רינג צו איר באַק. פלוצלינג האָט זי זיך פעסטער צוגעטוליעט צו אים און אים אַנט־קעגנגעטראָגן די ליפּן.

„זי איז גאָרנישט אַזוי מיאוס אין איצטיקן מאָמענט — איז שלמהלען אַדורך אַ געדאַנק — ווען מען פאַרגעסט אָן איר פעלער איז זי אַ יונג צו־ציענדיק מיידל". אָבער באַלד האָט שלמהלע אָפּגעשטויסן פון זיך דעם דאָזיקן געדאַנק. ער האָט נישט געוואָלט פאַרדרייען דעם קאָפּ אַן אומ־גליקלעך מיידל, וועגן וועלכער ער טראַכט נישט ערנסט, באַזונדערס איז אים איינגעפאַלן, אַז זי קאָן נאָך מיינען, אַז אים, שלמהלען קאָן מען דער־ווערבן מיט רייכקייט, מען קאָן פשוט קויפן זיינע קושן פאַר אַ בריליאַנ־טענעם רינג. ניין, האָט ער באַשלאָסן אין זיך, און אָנשטאָט איר אַ קוש צו טאָן האָט ער בלויז אַ גלעט געטאָן איר באַק.

סאָפיאַ האָט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון דעם דאָזיקן גלעט זיינעם און אַ שאָטן פון פיינלעכן פאַרדרוס האָט זיך באַוויזן אויף איר פּנים. זיי האָבן איצטער געשוויגן ביידע, און קיינס פון זיי האָט נישט געוווסט ווי אַזוי אַרויסצוקומען פון דער פיינלעכער שטימונג אין וועלכער זיי זענען ביידע אַריינגעפאַלן. „איך דאַרף זיך אפשר אויפהויבן און אַוועקגיין?" — איז איינגעפאַלן סאָפיאַן. זי האָט אָנגעהויבן קוקן אין פאַרנאַכטיקן הימל אַריין און קלערן וועגן דעם פּורפּורענעם גינגאָלד פון דער זון, וואָס האָט גראָד געהאַלטן באַם זעצן זיך, וועגן דעם שטילן פאַרנאַכט, און וועגן די אָפּגעריסענע שטיקלעך וואָלקנס וואָס זענען געשווומען איבערן הימל.

ביידנס שטימונג איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער געדריקט, וואָס אַמאָל מער פיינלעך. ענדלעך האָט שלמהלע איבערגעריסן די שטילקייט.

— איר קומט היינט צו אונדז אין טעאַטער? — האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס נישט באַשטימט — האָט סאָפיאַ געענטפערט, קוקנדיק אין אַן אַנדער זייט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אָנצוטרעפן זיין בליק.

— אַ שאָד. היינט ראָט איך אייך אַז איר זאָלט יאָ צוקומען. היינט וועט זיין אַן אויסערגעוויינלעכער ספּעקטאַקל.

און ווידער האָט עטלעכע מינוט געהערשט אַ שטילקייט.

— הער טאָמאַסאָוו — האָט סאָפיאַ פלוצלינג אַ פרעג געטאָן מיט אַ ציטערנדיקער שטימע — אַנטשולדיקט מיין נייגעריקייט. איר האָט שוין ערגעצוו אַ כלה?

— יאָ! — האָט שלמהלע געענטפערט, אַ צופרידענער וואָס ער קאָן מיט אָט־דעם ענטפער לייזן דעם פּיינלעכן מאָמענט — יאָ! איך האָב אין יעקאַטערינאָסלאַוו אַ כלה.

סאָפיאַ האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַן איראָנישן שמייכל.

— און זאָגט מיר — האָט זי ווייטער געפרעגט — אייער כלה מוז זיין אַ שיינע, אַ? און איר... — זי האָט געמאַכט אַ קליינע פּויזע פּונקט ווי עם וואָלט איר שווער אָנגעקומען צו פרעגן אָט־די פראַגעס בא אים — ...איר מוזט זי שטאַרק ליב האָבן?

שלמהלען איז דאָס אַלץ אויסגעקומען צו זיין זייער קאַמיש. „וואָס מיינט זי — האָט ער געטראַכט — אַז מיט אָט־דעם רינג וועט זי פאַר־גלעטן איר מום און זיך קויפן אַן אַרטיסט? זי וואָלט זייער קלוג געטאָן איצטער, ווען זי מאָנט פון מיר גלייך צוריק אָט די קאָסטבאַרע מתנה אירע". ער וואָלט עס איר גלייך צוריקגעגעבן מיט פאַרגעניגן, ער האָט אָבער מורא געהאַט דערמיט זי צו באַליידיקן און ווי טאָן. אָבער ניין, זי האָט פון אים גאַרנישט געמאָנט און ער איז געזעסן אַ שווייגנדיקער און נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן.

— איר זענט מיר שולדיק געבליבן אַן ענטפער, הער טאָמאַסאָוו — האָט סאָפיאַ ווידעראַמאָל איבערגעריסן די שטילקייט.

— אַן ענטפער? אָט דאָ האָט איר מיין ענטפער — האָט שלמהלע כמעט אַ בייזער געענטפערט — איר ווילט וויסן צי איך האָב ליב מיין כלה? געוויס האָב איך זי ליב. ווען נישט, וואָלט זי נישט געווען מיין כלה. און ערשט פרעגט איר צי זי איז אַ שיינע? — זייער אַ שיינע, און אין מיינע אויגן איז זי די שענסטע אין דער גאַנצער וועלט.

סאָפיאַ האָט זיך פלוצלינג אַ ריס געטאָן און אויפגעשטעלט זיך פון דער באַנק, און שלמהלע האָט, קוקנדיק אויף איר אַ פאַרוווּנדערטער, גלייך געטאָן דאָס זעלבע. ער האָט איצט אויסגעזען קעגן איר ווי אַ ריז קעגן אַ קאַרליקל. זי האָט גענומען אַרויפקוקן צו אים און זיך מיטאַמאָל צעלאַכט מיט אַ דין גיפטיק געלעכטערל, אָבער נאָך אַ ווײַלע איז איר פּנים ווידער פאַרוואָלקנט געוואָרן און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— הער טאָמאַסאָוו! איצטער קאָנט איר שוין פאַרצייכענען נאָך אַן עפּיזאָד אין אייער אַרטיסטישער קאַריערע. — און זי איז אַוועקגעגאַנגען מיט דריבנע, שנעלע טריטעלעך.

שלמהלע האָט איר לאַנג נאָכגעקוקט און ווען איר פאַרקריפּלטער געשטאַלט איז פאַרשווונדן געוואָרן אין דער בין־השמשותדיקער טונקל־קייט האָט ער באַשלאָסן צו גיין אַהיים. ער האָט פלוצלינג דערפילט אויפן

פינגער דעם רינג מיטן בריליאַנט. דער רינג האָט אים אַ ברי געטאָן ווי אַ דערמאָנונג וועגן עפּעס אַ מיאוסער זאַך, און ער האָט שנעל אַראָפּגעריסן פון פינגער און פאַרשטעקט טיף אין דער וועסטל-קעשענע, פּונקט ווי מען באַהאַלט אַ גנבה. ערשט דעמאָלס האָט ער מיט לאַנגזאַמע פאַרטראַכטע טריט זיך געלאָזט גיין צו זיך אַהיים.

27. — שלמהלע בייט זיין מיינונג וועגן סאָפּיאַן

זינט שלמהלע האָט צוגעזען מיט זיינע אייגענע אויגן, ווי קאָזלאָוו האָט אַליין באַגלייט זיין ווייב צום קאָטש פון רייכן טשערניאַקאָווסקי, מיט וועלכן זי איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן, זינט דעמאָלט אָן, האָט זיך זיין באַציאונג הן צו קאָזלאָוון און הן צו סטעפּאַן געענדערט אויף אַ ראַדיקאַלן אופן. צום „דירעקטאָר קאָזלאָוו" האָט ער איצטער געפילט אַ מין ביטול און פאַראַכטונג, און פון סטעפּאַן האָט אים פּשוט געעקלט און ער האָט זיך שנעל געגומען דערווייטערן פון איר. אויך דאָס שפּילן מיט סטעפּאַן האָט שוין איצטער געהאַט גאָר אַן אַנדערן אויסזען. נישט געווען מער דאָס פייער און דער רייץ ווי אין די פריערדיקע פאָרשטעלונגען. די רכי־לות־טרייבער, מערסטנטייל די ווייבער, האָבן עס גלייך באַמערקט און געהאַט וועגן וואָס צו רעדן. די ניט־פאַרגינערנס האָבן זיך געקוויקט מיט די נייעס — דערלעבט אָן איר אַ נקמה. אויך די מענער האָבן געהאַט וואָס צו ריידן: „אַזאַ שנעק און גלייך זיך צוגעשאַרט צו דער שיינער דירעק־טאָרן..." דאָס איז געווען זייער טעמע פון שטענדיק אָן, און איצטער האָט זיי אַ הנאה געטאָן, וואָס דאָס אַלץ ענדערט זיך.

שלמהלע האָט זיך איצטער געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, מיט קיינעם זיך נישט געחברט, גערעדט מיט מענטשן נאָר דאָס נויטיקע. ער האָט זיך פעסט געהאַלטן בײַ זיין באַשלוס, אַז גלייך נאָכן פאַרענדיקן די גאַסטראָלן פאָרט ער צו סאַניען. איין זאַך בלויז האָט אים איצטער באַ־אומרואיקט: די מתנה פונעם האַרבאַטן מיידל. ער האָט דעם רינג נישט געטראָגן אויפן פינגער, אָבער ער האָט געפילט ווי די דאָזיקע מתנה בריט אים דאָס לייב אפילו דורכן געוואַנט פון זיין אַנטועכץ.

ער האָט ענדלעך באַשלאָסן אָפּצושיקן סאָפּיאַן דעם בריליאַנט, אָבער ער האָט נישט געוווסט וויאַזוי דאָס צו טאָן. ער האָט מורא געהאַט עס אָפּצושיקן צו איר אַהיים, טאָמער וועט ער זי דערמיט פאַראַטן פאַר אירע עלטערן, וועלכע האָבן אַ ברירה נישט צו וויסן וועגן דעם אַלעם. ער האָט געוואַרט ביז וואַנען דער פּאַסיקער מאָמענט איז געקומען: ער האָט זי אין אַן אָוונט באַמערקט פון דער בינע, ווי זי זיצט מיט איר מוטער צו־זאַמען אין אַ לאָזשע.

ער האָט זיך צוגעאײַלט נאָך דער פאָרשטעלונג, שנעל זיך איבער־געטאָן און אָפּגעוואָרט זי אינדרויסן באַם אַרויסגאַנג. ער האָט זיך העפ־לעך באַגריסט מיט ביידן און שפּעטער אַנטשולדיקט זיך פאַר איר מו־טער, און זי אָוועקגערופן אָן אַ זײַט.

— סאָפיאַ! — האָט ער אין אַ בעטנדיקן טאָן געפליסטערט — איך בעט אײַך, באַליידיקט זיך נישט, אָבער איך מוז, איר הערט, איך מוז אײַך צוריקגעבן אײַער רינג. עס איז אַ צו קאָסטבאַרער געשאַנק פאַר מיר.

סאָפיאַס אײַנגעשרומפּן קערפּערל האָט אַ ציטער געטאָן און זי האָט געמאַכט אַ טריט אויף צוריק. שלמהלע האָט זיך דערשראָקן פאַר איר בלאַס־געוואָרענעם פּנים און ער האָט זי געוואָלט באַרויִקן, אָבער זי האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט.

— הער טאָמאַסאָוו! — האָט זי אַ זאָג געטאָן — איך האָב אײַך גע־שענקט די דאָזיקע מתנה, ווי אַן אַרטיסט וועמען איך פאַרער... און דאָס איז אַלעס... און הערט זיך אײַן, עס איז מיר אפילו אויף איין מינוט נישט אײַנגעפאַלן אַז איר וועט זיך פילן דערמיט צו עפּעס פאַרפליכטעט... און איך האָב אַפילו נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז איר וועט האָבן אַן אינ־טערעס פאַר מיר, פאַר אַ האַרבאַטן מיידל.

שלמהלע איז שטיין געבליבן אַ געפּלעפטער פון אירע ווערטער.

— אַנטשולדיקט פריילן — האָט ער אָנגעהויבן צו שטאַמלען — איך האָב באמת נישט געמיינט אײַך ווײ צו טאָן... איר זענט אַן אײדעלע נשמה... און דאָס וועגט איבער אַלעס... איר הערט, אַלעס, אַפילו צען פּיזישע פעלערן... — ער האָט אָנגענומען איר האַנט און איר אַ קוש גע־טאָן ווי ער וואָלט זי געוואָלט דערמיט אײַנעמען און איבערבעטן.

— באַהאַלט מײַן מתנה צום אייביקן אָנדענק — האָט סאָפיאַ אַ זאָג געטאָן — און איר זאָלט מיך שטענדיק דערמאָנען צום גוטן. און אויב איר ווילט זײַן נאָך רויִקער, שענקט מיר עפּעס אַן אָנדענק פון אײַך.

— מיט פאַרגעניגן, — האָט ער געענטפערט — מאָרגן וועל איך עס פאַרזאָרגן.

סאָפיאַ האָט אַרויפגעקוקט צו שלמהלען און צוויי פּערלדיקע טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע גרויסע אויגן און הענגען געבליבן אויף די וויעס. ער האָט איר נאָכאַמאָל אַ קוש געטאָן אין האַנט און צוגעפירט צו איר מוטער, העפלעך זיך געזעגנט און אָוועקגעגאַנגען.

צומאָרגנס גאַנץ פרי איז ער אַוועק אין אַ יוּוועליר־געשעפט און אײַנ־געקויפט אַ באַשיידן דאַמען־רינגל, ער האָט געלאָזט אויסגראַווירן אַ מאָ־נאָגראַם מיט זײַנע איניציאַלן „ש. ט.” און אָוועקגעשיקט עס אויף סאָ־פיאַס אַדרעס.

28. — שלמהלע באַגעגנט זיך מיט סאָניען

ווען סאָניע האָט דערהאַלטן שלמהלעס מתנות צוזאַמען מיט אַ וואַרעמען בריוו, אין וועלכן ער האָט איר אַנגעזאָגט אַז ער קומט אינגיכן מיט איר חתונה האָבן, איז צו איר פרייד גאָר קיין גרענעץ נישט געווען. דאָס מיידל מיטן אויסגעלאָשענעם פּנים, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אין איר היים ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע אין אַ פרעמדער שטאָט, איז פּלוצלינג אויפגעריכט געוואָרן. „איצטער וועל איך שוין פאַרשפאָרן צו פירן אַ קאַמף מיט מיין שטיפמאַמע און מיטן טאַטן" — האָט זי געטראַכט באַ זיך און געשטאָכן זייביידן אין די אויגן מיט שלמהלעס האַרציקן בריוו און מיט די טייערע מתנות, וועלכע ער האָט איר געשיקט.

— מיין שלמהלע קומט — האָט זי טריאומפירט — איך האָב געוווסט אַז ער וועט מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן.

ר' לייזער האָט גאָר אויפגעלעבט ווען סאָניע האָט אים געבערענגט די גוטע בשורה וועגן שלמהלעס קומען. די מומע צירל אַליין איז אויך געווען צופרידן — איצטער וועט זי פאַרשפּאָרן זיך אויפצועסן די גאַל און איינרעדן סאָניען אַז זי זאָל חתונה האָבן מיט אַן אַלמן.

סאָניע האָט זיך ענדלעך דערוואַרט מען האָט איר אַריינגעבראַכט אַ טעלעגראַמע אַז מאָרגן דאַרף זי שוין אָפּוואַרטן שלמהלען באַ דער באַן. זי האָט נישט געוווסט וואָס מיט זיך צו טאָן פאַר גרויס פרייד.

ר' לייזער האָט זיך אַליין פאַרגעלייגט, אַז ער וועט גיין צוזאַמען מיט איר צו דער באַן אָפּוואַרטן שלמהלען. זיי זענען ביידע אַרומגעגאַנגען אומגעדולדיק און אַרויסגעקומען צום וואָקזאַל אַ האַלבע שעה פריער פאַר דער באַשטימטער צייט. סאָניען האָט זיך אויסגעוויזן אַז יעדע מינוט איז אַ יאָר, און די האַלבע שעה וואָס האָט געפעלט צום אָנקומען פונעם צוג — אַן אייביקייט. זי איז נישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט. מיט נערוועזע טריט האָט זי געהאַלטן אין איין שפּאַנען אַהין און צוריק איבערן פּלאַטפאָרם פון וואָקזאַל.

ענדלעך איז די באַן אָנגעקומען, און ווען די לאַנגע ריי פון די וואַגאָנעס האָבן זיך שוין אָפּגעשטעלט פאַרן וואָקזאַל, האָבן סאָניעס אויגן גע-

גומען זוכן און נישטערן אין די פענצטער פון די וואַגאָנעס, צווישן די פנימער פון די אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן, ביז זי האָט ענדלעך באַמערקט שלמהלען, ווי ער שטייגט אויס פון אַ וואַגאָן „ערשטע קלאַס". אַן אומגעדולדיקע און אויפגעברויזטע האָט זי אָנגעהויבן זיך דורכרייסן צווישן דעם המון פון פּאַסאַזשירן און אַפּוואַרטנדיקע, ביז זי איז צוגעקומען צו שלמהלען, אַרויפגעפאַלן אויף אים און היים געקושט. זי האָט זיך אַפילו שוין נישט געשעמט דאָס צו טאָן ר' לייזערן אין די אויגן. אין שלמהלעס אָרעמס האָט זי ערשט דערפילט ווי גוט עס איז איר, דערפילט די דערלייזונג פון איר איינזאַמקייט און עלנט.

שלמהלע האָט דערלאַנגט ר' לייזערן אַ ברייטן „שלום-עליכם" און געקוקט אויף אים מיט פריילעך-לאַכנדיקע אויגן. ר' לייזער האָט געשטוינט. עס איז אים שווער געווען צו דערקענען דעם אַמאָליקן שלמהלען, וואָס איז געקומען צו אים אַמאָל בעטן נאַכטלעגער. ער האָט איצטער גערהאַט פאַר זיך אַ רייפן און רייך-געקליידעטן עלעגאַנטן מאַן.

אַ פאַעטאָן מיט אַ פּאָר שיינע אומגעדולדיקע פערד איז באַלד צוגעקומען און מען האָט אויפגעלאָדן באַלד שלמהלעס באַגאַזש וואָס האָט אויסגעזען ר' לייזערן צו זיין „שוין איינמאָל פריציש". ר' לייזער האָט אַפילו אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט דער באַגאַזש איז לחלוטין נישט ענלעך צו יענער צעפליקטער, צעבראַכענער וואַליזקעלע, מיט וועלכער שלמהלע איז דאָס ערשטע מאָל אָנגעקומען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו.

אַלע דריי האָבן זיך רחבותדיק געזעצט אינעם פאַעטאָן און די פערד וואָס האָבן געהאַלטן אין איין טופּען אומגעדולדיק מיט די געקאָוועטע פּאַדקאָוועס האָבן שנעל אַ ריס געטאָן דעם געשפּאַן פון אָרט, און גענומען גאַלאָפּירן אין דער ריכטונג פון ר' לייזערס הייזקע.

שלמהלע איז איצטער געפאָרן מיט דער זעלבער גאַס איבער וועלכער ער האָט אַמאָל געשפּאַנט צופוס מיטן קליינעם טשעמאָדאַנטשיקל אין האַנט און דער דאָזיקער וועג האָט אים אָנגעפילט מיט דערינערונגען פון יענער צייט. ער האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי ער איז דעמאָלט געפאָרן מיט דער באַן, אין אַ וואַגאָן דריטן קלאַס אונטער אַ באַנק. דער קלאַנג פונעם פּאַטש, וואָס ער האָט דעמאָלט געכאַפּט פונעם באַן-קאָנדוקטאָר האָט אים איצטער אָנגעהויבן קלינגען אין די אויערן.

דערוויל איז די מומע צירל באַ ר' לייזערן אין שטוב אויך נישט געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט. זי האָט באַשלאָסן צו ווייזן דעם גאַסט וואָס זי קאָן. זי האָט אויפגערוימט און זויבער געמאַכט די גאַנצע שטוב, צוגעגרייט אַ גרויסאַרטיקן מיטיק, און געדעקט דעם גרויסן טיש יום-טובדיק, „כיד-המלך". דער טיש האָט געבלאַנקט מיט דער ווייסקייט פּאָר-

נעם טישטעך, מיטן גלאַנץ פון די מעסער־לעפל־פאַגל, מיט דעם אָפּגלאַנץ פון כלערליי געטראַנקען. דערנאָך האָט די מומע צירל זיך אַליין אויסגע־פוצט ווי סע פּאַסט פאַר אַן אמתער מחותנתטע. זי האָט אָנגעטאָן אויפן קאָפּ דאָס יומטובדיקע שייטל אירס, און באַהאַנגען זיך מיט איר גאַנצן צירונג וואָס איז פאַרבליבן נאָך פון איר ערשטן מאַן. זי האָט אויף זיך אַרויפגעשלעפּט דאָס שענסטע יומטובדיקע קלייד, וואָס איז שוין געווען אַביסל צו ענגלעך אויף איר, און איר הויכער בוזים איז דעריבער גע־וואָרן נאָך העכער ווי תמיד. אָפּגעטאָן דאָס אַלץ איז זי אַרוים פאַר דער טיר, און געשטעלט זיך וואַרטן אינדרויסן אויפן גאַסט.

זי איז געשטאַנען און געוואַרט מיט פאַרשנורעוועטע, פרומע ליפּע־לעך און געשפּיזט דעם חלל מיט אירע קליינע, דורכדרינגלעכע אויגע־לעך, ביז זי האָט ענדלעך דערזען דעם פאַעטאָן מיט די גאַלאָפּירנדיקע פערד. וואָס נענטער דער פאַעטאָן איז צוגעקומען, אַלץ בולטער האָט זי געקאָנט דערקענען אַז דאָס זענען זיי טאַקע: ר׳ לייזער, סאָניע, און דער חשובער, אָנגעלייגטער גאַסט.

זי איז גלייך אַריין אין איר ראָל, אין דער ראָל פון אַן אמתער „מאַ־מען״. גלייך ווי דער פאַעטאָן איז צוגעקומען, איז זי אַנטקעגנגעלאָפן שלמהלען, אים אַרומגעכאַפּט, און געקושט האַרציק, מעשה מחותנתטע טאַקע.

אַלע האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן צו שלמהלעם לעדערנע, פריצישע וואַ־ליזעס. ר׳ לייזער האָט גענומען צוויי מיטאַמאָל. סאָניע האָט אויך גע־כאַפּט איינע אַ קלענערע, אָבער שלמהלע האָט עס באַ איר אַרויסגענומען פון דער האַנט. די מומע צירל האָט אויך געוואָלט זיך באַווייזן, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן שלמהלעס אַ לעדערנעם גרויסן „צילינדער־שעכטל״ און געטראָגן עס שטאָלץ אין שטוב אַריין. זי האָט זיך שטאַרק געגוידערט פאַר שלמהלען, די מומע צירל טאַקע, און געהנדלט זיך צו אים אָבער די דאָזיקע הנדלעך האָבן איר לחלוטין נישט געפּאַסט.

— אָהער! אַהין! — האָט זי געקאָמאַנדעוועט אָנווייזנדיק מען זאָל אַריינטראָגן שלמהלעס זאַכן אין דעם זעלביקן צימערל, וווּ ער האָט אַמאָל געגעכטיקט צוזאַמען מיט קאָזלאָוון. דאָס צימערל איז פּשוט נישט געווען צום דערקענען. אַזוי שיין איז עס געווען אויפגעפּוצט און צוגעראַמט.

שלמהלע איז געווען איבעראַשט און גערירט פון דער האַרציקייט און גאַסטפריינטלעכקייט מיט וועלכער מען האָט אים איצטער אויפגענומען. אַ דערשטוינטער האָט ער געקוקט אויף דער זייבערער שטוב, אויף דעם יומטובדיק געדעקטן טיש, וואָס האָט ממש „געפּעכלט״ פאַר ריינקייט און געווען פאַרגרייט מיט כל־טוב, און ס׳איז אים שווער געווען צו באַ־

נעמען אַז דאָס אַלץ איז געוואָרן צוגעגרייט צוליב אים, צוליב זיין קומען.

זיי האָבן אַלע גערעדט אויף אַמאָל, נאָך איידער מען האָט זיך גע־זעצט צום טיש האָט איינער באַם אַנדערן אויסגעפרעגט אומגעדולדיק וועגן פאַרשיידענע זאַכן. דער שמועס איז געווען אַ פריידיקער, אַן אויפ־געלייגטער, אַן אמתדיק יומטובדיקער.

די מומע צירל האָט פּלוצלינג איבערגעריסן אָט דעם שמועס מיטן אויספרעגן זיך.

— צום טיש! — האָט זי געטאָן אַ קאָמאַנדעווע ווי אַ גענעראַל. סאַ־ניע האָט זיך אָנגעהויבן צו בעטן באַ איר.

— איך וועל אייך אפשר צוהעלפן אַביסל...

— ניין! — האָט די מומע צירל שטרענג באַפוילן און אירע ליפּן האָבן זיך נאָך מער פאַרשנורעוועט ווי שטענדיק — זעץ דיך צום טיש לעבן דיין חתן. די מצווה צו באַדינען חתן־כלה וויל איך פאַר מיר אַליין.

ר׳ לייזער האָט געשמייכלט אַ צופרידענער און זיך געגאַנגען וואַשן. אויך שלמהלע האָט זיך אָפּגעוואַשן פונעם שטויב פון דער רייזע.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש. ר׳ לייזער האָט אָנגעגאָסן די גלעז־לעך מיט משקה און אַריינגעשריגן צו דער מומע צירל אין קיך אַריין:

— קום אַריין, מיר וועלן טרינקען לחיים!

די מומע צירל איז גלייך אַריינגעקומען ווישנדיק זיך די הענט מיטן פאַרטעך. זי האָט זיך צוגעזעצט לעבן לייזערן און זים געשמייכלט אוים־הערנדיק איר מאַנס דרשה.

— לחיים טובים ולשלום! — האָט ר׳ לייזער געווינטשעוועט דעם יונגן פּאָרל — עס זאָל זיין אין אַ גוטער, אַ מזלדיקער שעה.

— אָמן! אויף לאַנגע יאָר רבונו־של־עולם! — האָט די מומע צירל זיך צוגעאײלט צו ענטפערן, און שנעל ווידער אַנטלאָפן אין קיך אַריין צו דער־לאַנגען דאָס עסן.

איז מען געזעסן באַם טיש און געגעסן זייער געשמאַק די פיינע מאַ־כלים, וואָס די מומע צירל האָט געהאַלטן אין איין דערלאַנגען. זי האָט אַרומגעשמייעט אַרום טיש, געלאָפן אין קיך מיט די ליידיקע טעלער און ווידער צוריקגעקומען מיט נייע מאכלים, און זיך בשעת־מעשה פאַרווילט פון אָט דעם לויפן, פון דער הייסער קיך, און פון דער אויפגעבראַזטקייט אין וועלכער ס׳האָט איר אַריינגעבראַכט איר ראָל אַלס מחותנתטע. אַ דין צופרידן שמייכעלע האָט געשפּילט אויף אירע פאַרשנורעוועטע ליפּעלעך.

באַלד נאָכן עסן האָט שלמהלע גלייך פאַרפירט אַ שמועס מיט ר׳ ליי־זערן וועגן דער חתונה. ער האָט געפרעגט באַ ר׳ לייזערן, צי האָט ער

חלילה נישט דאַקעגן, אַז מען וועט פּראַוועון די חתונה אין מאַקאַראַוועקע, ביי שלמהלעס מאַמען טאַקע.

— איך נעם אויף מיר אַלע הוצאות — האָט שלמהלע פאַרגעלייגט
— אפילו אייך מחותן, און אפילו די מומע צירל אויך, וועל איך מיטנע־מען אויף מיינע הוצאות צו דער חתונה קיין מאַקאַראַוועקע.

אין האַרצן איז ר׳ לייזער געוועזן זייער צופרידן פון אַט־דעם פּלאַן, אָבער עס האָט אים נישט געפּאַסט גלייך איינצוגיין דערויף, ווייל ער האָט פאַרט געזען דערין אַ שטיקעלע פּחיתת־הכבוד פאַר זיך. ער האָט זיך אַלץ געוואָלט האַלטן אין דער בכבודיקער ראָל פון אַ טאַטן וואָס גיט אוים זיין איינציקע טאָכטער. ער האָט זיך דעריבער כלומרשט געישובט אַ ווײלע און לסוף געענטפערט:

— ניין, מיין קינד, איך קאָן נישט מסכים זיין דערויף אַז די חתונה פון מיין איינציקער טאָכטער זאָל פאַרקומען ערגעץ אַנדערש ווי ביי מיר אין שטוב.

— דערלויבט מיר מחותן — האָט שלמהלע אים געענטפערט — איך מוז אייך אָבער דערקלערן אַ וויכטיקע זאַך, וועט איר אַליין זען אַז איך בין גערעכט. איך מוז אַזוי טאָן, דאָס הייסט, איך מוז אַריבערפירן די חתונה קיין מאַקאַראַוועקע, ווייל איך האָב, קיין עין־הרע אַ ברייט־פאַרצווייגטע משפחה, און ס׳איז מיר נישט מעגלעך לחלוטין זיי אַלעמען אַראָפּצוברענגען אַהער.

דער תירוץ האָט אויסגענומען גאָר שטאַרק אי באַ ר׳ לייזערן און אי באַ דער מומע צירל. טיף אין האַרצן זענען זיי ביידע געוועזן שטאַרק צופרידן, וואָס דער ענין נעמט אַן אַזאַ מין גאַנג. ערשטנס — באַפרייען זיי זיך פון אויסגעבן אַזעלכע גרויסע געלטער, ווי דאָס איז פאַרבונדן מיט פּראַוועון אַ חתונה אין יעקאַטערינאָסלאַוו. דעם אמת געזאָגט, איז ר׳ ליי־זער נישט אומשטאַנד געוועזן צו מאַכן די דאָזיקע אויסגאַבן. צווייטנס איז דער אויסוועג וואָס שלמהלע האָט אָנגעוויזן געוועזן אַ לאָגישער און חלילה נישט אָנגערירט ר׳ לייזערס כבוד. האָבן זיי ביידע דעריבער, ר׳ לייזער און די מומע צירל, שוין נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד אפילו און זיי האָבן איינגעוויליקט צו טאָן ווי שלמהלע האָט עס פאַרלאַנגט.

שלמהלע מיט זיין מחותן ר׳ לייזערן האָבן גלייך באַשטימט אַ זמן חתונה און נאָך דעם זעלבן טאָג איז אַוועק אַ בריוו צו שלמהלעס מאַמען, צו שיינע־שרהן, אין וועלכן מען האָט איר מודיע געוועזן די פריילעכע בשורה און אויך דעם טאָג אין וועלכן מען זאָל אָפּוואַרטן די חתן־כלה צו־זאַמען מיט די מחותנים.

29. — אין מאַקאַראָווקע

שלמהלעס מוטער, שיינע שרה, האָט זיך גאַר שטאַרק גענומען צום האַרצן, ווען זי איז צום ערשטן מאָל געוואָר געוואָרן, אַז איר זון איז געוואָרן אַן אַקטיאָר. ס'איז בײַ איר אויסגעקומען גאָר נישט קיין יידישע פּרנסה. „סטייטש? — האָט זי געפרעגט שטילערהייט בײַ זיך אַליין, — אַרומפאָרן שטענדיק אין דער פרעמד, שטענדיק זיין פאַרוואָרפן אין ווייטע מקומות, אָפּגעריסן פון דער היים? ער זאָל זיך נאָר חלילה וחס נישט שמדן, רחמנא-ליצלן..."

פלעגט זי דעריבער טאַקע שטענדיק אין אירע תפילות — בײַם ליכטבענטשן צי בײַם זאָגן „גאָט פון אברהם" — בעטן זיין ליבן נאָמען אַז ער זאָל באַשיצן איר זון פון אַלדאָס בייז, און אַז ער זאָל חלילה נישט אַראָפּ פונעם גלייכן וועג.

שיינע-שרה איז געווען אַן אלמנה. ווען שלמהלעס פאָטער איז געשטאָרבן איז זי נאָך געווען אַ יונג, באַחנט ווייבל און עס האָבן זיך גלייך געפונען אַ סך בעלנים וועלכע האָבן געוואָלט חתונה האָבן מיט דער יונגער אלמנה. צווישן אַנדערע האָט זיך געשדכנט צו איר אפילו אַ רב אויכעט. אָבער שיינע-שרה האָט אפילו נישט געוואָלט הערן דערוועגן, און אַפילו נישט צוגעלאָזט צו זיך דעם געדאַנק וועגן חתונה האָבן נאָך אַמאָל. זי איז געבליבן אַ שיינע, פעסטע געזונטע יידענע און יעדעס מאָל ווען מען איז געקומען איר אָנשלאָגן אַ שידוך האָט זי גלייך יענעם אָפּגעענטפערט:

— וואָס? אַוועקגעבן מיינע קינדער אַ שטיפטאַטן אין דער האַנט אריין? קיינמאָל אין לעבן נישט.

זי האָט געאַרבעט שווער אַלע אירע יאָרן און אַליין גענומען אויף זיך אויסצוכאָוועון אירע קינדער. געשטאַמט האָט זי פון זייער אַ פרומער היים, און די דאָזיקע פרומקייט, וואָס זי האָט איבערגענומען פון אירע טאַטע-מאַמע, האָט זי אָפּגעהיטן במשך פון איר גאַנצן לעבן. זי האָט שטאַרק אָפּגעהיט אַלע דינים פון כשרות און פון ווייבערשער יידישקייט — קיין שום מאַנסביל האָט איר נאָך נישט געזען מיטן בלויזן קאָפּ. דערביי האָט זי שטאַרק געגלויבט אין כלערליי ווייבערישע אָבערגלויבנס,

אין אַ בייז אויג, אין שפּרעכערקעס, אין אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, וכדומה. זי האָט שטענדיק שווער געזיפצט און געקרעכצט, צוזעענדיק ווי אירע קינדער גייען נישט אין די זעלביקע פרומע דרכים, אין וועלכע זי אַליין איז געגאַנגען איר גאַנץ לעבן. זי האָט נעבעך אַליין איבערגעטראָגן די צרות, וואָס אירע זין האָבן איר פאַרשאַפט מיט פאַרקנייטשן אַ דאַווענען, מיט עובר זיין אויף דעם צי אויף יענעם, און עס האָט איר שטאַרק ווייגעטאָן צו זען ווי אירע טעכטער זענען מחלל־שבת.

איז דעריבער צו איר פרייד גאָר קיין גרענעץ נישט געווען, ווען זי האָט דערהאַלטן די ידיעה, אַז איר געראָטענער זון שלמהלע, פאַר וועמענס יידישקייט זי האָט זיך אַזוי שטאַרק געשראָקן, קומט אַהיים גאָר אינגיכן, אַז ער האָט אַ יידישע כלה, און אַז ער ברענגט איר די דאָזיקע כלה גלייך אין שטוב אַריין. איז ווי קאָן נאָך געמאָלט זיין אַ גרעסערער נחת ווי זי, שיינע־שרה, האָט זוכה געווען צו דערלעבן?

די פריידיקע ידיעה האָט זיך באַלד צעקלונגען איבער גאַנץ מאָקאַראָווע און דאָס שטעטעלע האָט געקאָכט ווי אַ קעסל, און ממש געגאַנגען אויף רעדלעך. קרובים, שכנים און סתם באַקאַנטע און גוטע פריינט האָבן גענומען אָפּשלאָגן די טירן, איינער אַריין און דער צווייטער אַרויס — אַזוי אַ גאַנצענעם טאָג. אַלע האָבן געפרעגט דאָס זעלבע. אַלע האָבן געוואָלט וויסן צי איז עס טאַקע אמת?

— אמת, אמת — האָט שיינע־שרה געענטפערט אַלעמען און איר פּנים האָט געשיינט פאַר נחת.

אָבער איין געדאַנק האָט פאַרשאַטנט איר פרייד און פאַרשאַפט איר גרוים עגמת־נפש. ווען זי האָט דערהאַלטן די צוויי פאָטאָגראַפישע בילדלעך פון שלמהלען און סאָניען, און האָט איבערגעלייענט די אויפשריפטן אויף דער צווייטער זייט, האָט איר גלייך עפּעס אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן. „שלמה און סאָניע" — האָט זי גענומען זיך פּשטלען און נאָכטראַכטן וועגן דעם ענין — „דער כלהס נאָמען איז, הייסט עס, סאָניע... נו, נו... טאָ ווי אַזוי קאָן זי הייסן אויף יידיש? זאָל זי חלילה נישט הייסן שרה? גלייך מיט איר, מיט שיינע־שרהן, מיט דער שוויגער הייסט עס..." אָט דער נאָמען סאָניע האָט איר אָנגעהויבן עגבערן אין מוח. ס'טייטש! דאָס טאָר מען דאָך נישט, שיינע־שרה ווייסט אַז מען טאָר נישט. זי האָט שוין געהערט וועגן שידוכים וואָס מען האָט אָפּגעלאָזט צוליב אַזעלכענע סיבות טאַקע.

פונדעסטוועגן האָט זי וועגן דעם פאַר די קינדער אַפילו מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט. זי האָט זיי נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש מיט אירע ווערטער. טאָמער וועט זיך פאָרט געפינען עפּעס אַן עצה

דערצו. דערוויל פלעגט זי אַלעמאָל צוגיין צום קאָמאָד, וווּ עס זענען גע־שטאַנען אין רעמלעך די פאָטאָגראַפיעס פון חתן־כלה און פאַרזיכטיק און צערטלעך זיך צוגעקוקט צוביידן.

— ווי שיין זי איז קיין עין־הרע — האָט זי גערעדט צו זיך אַליין — ממש אַ בת־מלכה, און שלמהלע דאָסגלייכן, שיין ווי די גאַנצע וועלט. עס זאָל נאָר זיך אַלץ אויסלאָזן צום גוטן, און עס זאָל חלילה נישט פאַר־שטערט ווערן די שמחה.

אָבער דערוויל איז זי אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ, און געהאַלטן אין איין קלערן וואָס צו טאָן. די לעצטע נאַכט איידער שלמהלע מיט זיין כלה האָבן געדאַרפט קומען האָט זי קיין אויג נישט צוגעטאָן אויף איין רגע אפילו.

30. — אויפֿן מאַקאַראָווקער וואָקזאַל

אויפֿן מאַקאַראָווער וואָקזאַל האָט זיך געטומלט און גערוישט. אויפֿנעמען שלמהלען און זיין כלה זענען געקומען נישט נאָר זיין אייגענע משפּחה, נאָר גרויס און קליין, אַלט און יונג, דאָס גאַנצע שטעטל איז געקומען זיי מקבל־פּנים זיין. פֿאָרט אַ געשעעניש וואָס טרעפֿט זיך נישט יעדן מיטוואָך און דאָנערשטיק. שלמהלעס באַרימטקייט איז דערגאַנגען שוין לאַנג קיין מאַקאַראָווקע, און די יוגנט פֿון שטעטל האָט געוווּסט אַז שלמהלע איז שוין איצט נישט סתם שלמהלע, נאָר אַ באַרימטער אַרטיסט, און איצטער קומט ער אַהיים חתונה האָבן און ברענגט מיט זיך אַן אויסערגעוויינלעך שיינע כלה. דאָס גאַנצע יונגוואַרג, מיידלעך און יינגלעך און סתם נייגעריקע ווייבער לײדיקגייערנס האָבן זיך געשטופּט צום וואָקזאַל און געוואַרט וואָס פֿריער צו זען און אויפֿנעמען אַזעלכענע געהויבענע געסט. ס׳איז געווען אַ געדראַנג, אַן ענגשאַפֿט מיט אַ טומל, מיט אַ געשריי און אַ געפּילדער אַז איינער האָט נישט געהערט דעם אַנדערנס אַ וואָרט.

ווען דער צוג איז ענדלעך אָנגעקומען, איז שלמהלען אָנגעקומען זייער שווער זיך דורכצושטופּן דורך דעם אָנגעלויף פֿון מענטשן און צו באַגריסן זיין מאַמען, זיינע שוועסטער און ברידער. די ערשטע איז אויף אים אַרויפֿגעפֿאַלן די יינגסטע שוועסטער זיינע, איצטער שוין אַ היפּש כלה־מיידל, סערעלע, אָדער ווי די מאַמע, שיינע־שרה, האָט זי גערופֿן „סערצעלע”. שלמהלע האָט זי לחלוטין נישט געקאָנט דערקענען, אַזוי איז זי אויסגעוואָקסן און זיך פֿאַרענדערט. ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים אַ קליין מיידעלע, און דאָ גיט אים אַ פֿאַל אַרויף אויפֿן האַלדז אַ רייצנדיק שיין מיידל און קושט אים. נו, מילא, האָט ער זי אויך געקושט אָבער דערקאָנט האָט מען אָן אים אַז ער ווייס ניט מיט וועמען ער האָט צו טאָן.

— איך בין דאָך דיין שוועסטער, סערעלע — האָט זי מיט פֿייכטע אויגן אויסגעשריגן. שלמהלען זענען אויך אָנגעקומען פֿאַר פֿרייד טרערן אין די אויגן, ווען ער האָט געקוקט אויף זיין אויסגעוואָקסענער שיינער שוועסטער. די מאַמע זיינע האָט ער גלייך דערקאָנט פֿונדערווייטנס און

זיך קוים צו איר דורכגעשטופּט דורכן געדראַנג, און ביידע האָבן זיך אַרומגענומען און געוויינט פאַר פרייד.

סערעלע האָט דערוויל זיך אַ לאָז געטאָן צום אומבאַקאַנטן, שיינעם מיידל וואָס איז אַרוים פון וואַגאָן גלייך מיט שלמהלען. זי האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז דאָס איז שלמהלעס כלה. זי האָט זיך פאַר איר פאַרגעשטעלט, זי אַרומגענומען און געקושט און שוין פון איר נישט אָפּגעטרעטן אויף קיין איין מינוט אפילו. דערנאָך איז באַלד צוגעקומען שיינע־שרה, וועלכע האָט באַלד אָנגעהויבן בענטשן איר קינפּטיקע שנור מיט אַלע ברכות פון דער טיף פון איר מוטערלעכן האַרץ. ערשט איז באַלד צוגעקומען ר׳ לייזער און די מומע צירל. מען האָט זיך קעגנזייטיק פאַרגעשטעלט, באַקאַנט־געמאַכט, און געהאַלטן אין איין ווינטשעווען. אַלע־מאָל איז צוגעקומען אַן אַנדערער קרוב, אַן אַנדערע אויסגעגעבענע שוועסטער, אַן אַנדערער חתונה־געהאַטער ברודער שלמהלעס, און צו די קושערייען, באַגריסונגען און ווינטשעוואַניעס האָט גאָר קיין סוף נישט גענומען. אַלע האָבן אָנטיילגענומען אין דער גרויסער פרייד פון שיינע־שרהן, דאָס גאַנצע שטעטל מאַקאַראַווקע האָט זיך מיטגעפרייט מיט זיי.

שלמהלע איז געווען מיד פון דער רייזע און ער האָט מיט אַ ווונק געגעבן צו פאַרשטיין זיינע ברידער, אַז ס׳וואָלט שוין געווען אַ יושר אַרויסקריגן זיך פון אָט־דער שטופּעניש און פאָרן אַהיים. פורן זענען געווען שוין אָנגעגרייט, האָט עס לאַנג נישט געדויערט. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אין די פורן וואָס זענען געווען אויסגעבעט מיט שטרוי און דער לאַנגער קאַראַוואַן האָט זיך אַ ציי געטאָן איבערן ברייטן שליאַך ביז צו דער שטאָט, ווו דער באַגריסונגס־טומל איז געוואָרן נאָך גרעסער. גרויס און קליין זענען אַרויס פאַר דער טיר און באַגלייט חתן־כלה מיט די מחותנים גלייך ביז שיינע־שרהס שטוב.

31. — „די כלה הייסט דעם זעלבן נאָמען וואָס די מחותנתטע"

באַ שיינע־שרהן אין שטוב איז געווען טומלדיק און רוישיק. די גאַנ־צע משפחה איז געווען אויסגעזעצט אַרום טיש, חתן־כלה אויבנאָן, און מען האָט געטרונקען לחיים און געשמאַק געגעסן פון די מאכלים וואָס שיינע־שרה האָט צוגעגרייט. בלויז שיינע־שרה אַליין איז נישט געווען באַם טיש, זי האָט זיך אַרומגעפּאָרעט אין קיך און געהאַלטן אין איין קעכלען און גרייטן, דערלאַנגען צום טיש און אַראָפּנעמען פון טיש די ליידיקע טעלער. זי איז געווען שטאַרק מיד, שיינע־שרה טאַקע, אָבער דאָס איז געווען אַ פריידיקע מידקייט, וועלכע מען פילט כמעט נישט. אַ קלייניקייט — שלמהלע איז קיין עין־הרע אַזוי שיין און אַזוי געראָטן און זיין כלה איז אַ בילד־שיינהייט וואָס מען זעט עס גאָרנישט און די גוטס־קייט ליגט איר ממש אויפן פּנים.

אָט די דאָזיקע פריידיקע געדאַנקען אירע האָט פּלוצלינג איבערגע־ריסן סערעלע, וועלכע איז אַריינגעלאָפן אין קיך אַריין און אַ זאָג געטאָן מיט פרייד:

— ווייסט, מאַמע, ווי אַזוי שלמהלעס כלה הייסט אויף יידיש? אַנו טרעף. אָבער עס וועט דיר נישט איינפאַלן אפילו. אַלזאָ הער, זי הייסט שרה, גענוי אַזוי ווי דו.

ווען אַזאַ וויסטע בשורה טרעפט חלילה אַן אַנדערע יידענע, וואָלט זי זיכער אַוועקגעפאַלן אין חלשות, און מע וואָלט זי געדאַרפט מונטערן, און עס וואָלט זיכער, די שעה זאָל נישט זיין, פאַרשטערט געוואָרן די שמחה. אָבער וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן סתם אַ יידענע, דאָס קאָן מען נישט זאָגן וועגן שיינע־שרהן, אַ ניין, זי איז בטבע נישט קיין אָפּגעלאָז־טע. האָט מען טאַקע געהאַט גרויס מזל, וואָס שיינע־שרה, אַ יידענע אַ באַרעכנטע און אַ באַזאַכטע, איז בלויז אַביסעלע בלאַס געוואָרן. צוערשט האָט זי אַפילו געוואָלט עפּעס זאָגן אָבער דערנאָך האָט זי זיך מישב גע־ווען, פאַרביסן די ליפּן און געמאַכט אַ שווייג. זי האָט אַפילו געהאַט אָפּ־געמאַכט באַ זיך, אַז זי וועט זיך נישט מאַכן ווייסנדיק ביז נאָך דער חופה; און אַז ס'וועט שוין זיין „פּיסליאַ"*) חופה — איז מילא, ס'וועט זיין פאַר־פאַלן.

---

*) „פּיסליאַ" חופה — נאָך דער חופה.

אַזוי טראַכטנדיק האָט זי ווידער געכאַפּט אַ בליק צום אויבנאָן, צו דער חתן־כלה, ווי זיי שיינען קיין עין־הרע, אַז גאָט און לייט זענען זיי מקנא. און ווידער האָט זי זיך דערמאָנט אָן דער צרה מיטן נאָמען, אַ געוויין האָט איר אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז און זי איז ווידעראַמאָל אַנטלאָפן אין קיך אַריין.

זי איז שטיין געבליבן צווישן די טעפּ אירע און פון טיפן האַרצן אָנגעהויבן תּפילה טאָן צום רבונו־של־עולם.

— אוי, גאָטעניו, ס׳זאָל נאָר נישט פאַרשטערט ווערן חלילה מיין נחת, ס׳זאָל נאָר זיין צו גוטן, אוי טאַטע זיסער אין הימל, גיב עפּעס אָן עצה אַן אָרעמער יידענע.

די תּפילה האָט משמעות געהאָלפן, ווייל באַלד האָט זיך אין איר קאָפּ אויסגעפּיקט די עצה. זי האָט באַשלאָסן, אַז אַזוי ווי זי וועט זיך נאָר באַפרייען פון עולם, וועט זי גלייך לויפן צום רב, אַזוי אַז קיינער זאָל אפילו נישט וויסן דערוועגן.

— זאָל ער אַ טראַכט טאָן, דער רב טאַקע! דערויף איז ער דאָך עפּעס אַ רב, אי קלוג און אי געלערנט אין דער הייליקער תּורה. אדרבא, זאָל ער אַראָפּנעמען פון מיר דעם שווערן לאַסט...

32. — דער מאַקאָראָווקער רב ר׳ שמואל שמעלקעס

קיינער פון די מאַקאָראָווקער תושבים האָט נישט געדענקט ווי לאַנג דער אַלטער רב, ר׳ שמואל שמעלקעס, פאַרנעמט שוין דעם כסא־רבנות אין מאַקאָראָווקע. פאַראַן יידן וואָס געדענקען אים אַלס רב שוין אַריבער פופציק יאָר. ויש אומרים, פאַראַן אַזעלכענע יידן וואָס זאָגן, אַז פאַר אים איז בכלל אין מאַקאָראָווסקע קיין רב נישט געווען, און אַז ר׳ שמואל שמעלקעס איז בכן דער ערשטער מאַקאָראָווקער רב.

געוווּסט האָט מען בלויז אין שטעטל אַז ר׳ שמואל שמעלקעס שטאַמט פון אַ רבנישער משפחה, וואָס ציט איר רבנישן יחוס שוין זייט לאַנגע דורות, און אַז אָנגעהויבן האָט זיך די דאָזיקע רבנישע דינאַסטיע אין דער שטאָט בראָד וואָס אין גאַליציע.

צוליב די און נאָך אַ סך אַנדערע סיבות האָט זיך מאַקאָראָווקע גע־יחוסט און געצאַצקעט מיט איר אַלטן רב. הגם ער האָט שוין קוים גע־קאָנט גיין אויף די פיס, דאָך האָט ער זיך נאָך פעסט געהאַלטן אויף זיין כסא רבנות און געפירט די עדה יידן פון מאַקאָראָווקע מיט אַ פעסטער האַנט. באַלעבאַטים פון שטעטל פלעגן נאָך אַלץ קומען צו אים אויסגלייכן סיכסוכים און פרעגן אַן עצה, און אַריינקומענדיק צום רב פלעגן זיי שטיין בלייבן פאַר אים מיטן גרעסטן יראת־הכבוד. ווער שמועסט נאָך אַ יידע־נע?... און ערשט אַזאַ פרומע יידענע ווי שיינע־שרה — די הויט האָט אויף איר ממש געציטערט...

ווען שיינע־שרה איז געקומען אין רבס הויז און דערציילט די רביצן אַז זי האָט אַ וויכטיקן ענין צום רב, האָט איר קול געציטערט פאַר פחד, אָבער ווען זי איז אַריינגעקומען אין רבס חדר און דערזען זיין גוטהאַר־ציקן פנים מיט דער שניי־ווייסער באָרד, מיט די גוטע קלוגע אויגן אונ־טער די ווייסע געדיכטע ברעמען, איז זי אויפסניי געקומען צו זיך.

— זייט מיר מוחל, רביניו — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ בעטנדיקן טאָן — איך האָב אַ האַרבע שאלה.

— שרעק זיך נישט מיין קינד — האָט דער רב געענטפערט — השם־יתברך וועט העלפן. וואָס האָט געטראָפן?

שיינע־שרה האָט אָנגעהויבן דערציילן דעם רב די גאַנצע מעשה פון

אַנהויב אָן: ווער ס'איז שלמהלע, ווי אַזוי ער איז אַוועק פון דער היים, ווי אַזוי גאָט האָט געהאָלפן און טראָץ זיין פּרנסה איז ער חלילה נישט אַוועק אויף שלעכטע וועגן, וועגן דער שיינער און ווילער כלה וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך און לסוף האָט זי דערציילט איר עגמת-נפש מיטן נאָמען פון דער כלה.

— און קיינער פון די מחותנים — האָט זי פאַרענדיקט — האָבן זיך אַפילו נישט געכאַפּט וועגן דעם. נאָר איך איינע אַליין, ווען איך האָב זיך דערוווּסט אַז די כלה הייסט דעם זעלבן נאָמען וואָס איך, האָט מיר דאָס האַרץ אַ ציטער געטאָן. גיט מיר אַן עצה, רבי, וואָס טוט מען? אַלץ איז שוין פאַרטיק צו דער חופּה, רבי...

שיינע שרה איז אַנטשוויגן געוואָרן אין מיטן ריידן, ווייל זי האָט באַמערקט אַז דער אַלטער רב קוקט אויף איר די גאַנצע צייט מיט זיינע קלוגע אויגן פון אונטער די געדיכטע ברעמען אָפּער און שמייכלט. ווען שיינע-שרה האָט אויפגעהערט רעדן, האָט ער האַלב-לאַכנדיק אַ פרעג געטאָן:

— ווי מיינסטו מיין קינד — האָט ר' שמואל שמעלקעס ווי געציילט איטלעכס וואָרט באַזונדער — ווי מיינסטו, ווען מען לאָזט איצטער אָפּ דעם שידוך, וואָלט עס צעשטערט אַלעמענס מנוחה? וואָלט עס געבראַכט אַ טרויער אין אייער הויז?

— יאָ, רבי, יאָ — האָט שיינע-שרה שיר נישט וויינענדיק געענטפערט — און וואָסזשע טוט מען פאַרט? איך האָב זיך צו שפּעט געכאַפּט... און אַלץ איז שוין פאַרטיק צו דער חתונה...

דער רב האָט אַלץ געהאַלטן אין איין שמייכלען.

— גיי מיין קינד — האָט ער געזאָגט — און פיר דיין זון צו דער חופּה מיט זיין זיווג אין אַ מזלדיקער שעה. ס'איז חלילה נישטאָ קיין שום סכנה. און איך בין אויף דיר גוזר און איך זאָג דיר אָן מיט אַ האַרבן וואָרט, אַז דו זאָלסט וועגן דעם אַלעם פאַר קיינעם מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנען, צעטייל צדקה פאַר אָרעמע יתומים און פאַר לומדי-תורה און עס וועט חלילה קיין בייז נישט געשען, און וועסט מיט גאָטס הילף דערלעבן אין זיין גרויס נחת.

פאַר גרויס דאַנקבאַרקייט צום רב און פאַר פרייד האָט זיך שיינע שרה צעוויינט. זי איז אַהיימגעגאַנגען און אונטערגעכליפּעט דעם גאַנצן וועג. „געלויבט השם-יתברך, — האָט זי געזאָגט צו זיך — אָפּגעקומען מיט שרעק. נאָך גוט וואָס איך האָב מיט קיינעם, אַחוץ דעם רב, נישט גערעדט וועגן דעם". זי האָט באַשלאָסן אַז עס וועט טאַקע בלייבן אַ סוד.

ווען זי איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין איז זי גאָרנישט זאָגנדיק

צוגעלאָפן צו די חתן־כלה, אַרויפגעפאַלן אויף זיי און לאַנג און האַרציק געקושט זיי ביידן. די קינדער האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט, און זי אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערטע אויגן.

— איצטער וועט שוין אַלץ זיין גוט מיט גאָטס הילף — האָט שיינע־שרה אַ זאָג געטאָן — איצטער וועלן מיר ערשט פּראַווען אַ חתונה כדת וכדין. איך האָב שוין געדונגען באַ ר׳ ביינישן דעם מאַגאַזין, ס׳וועלן קומען די קרעמעניצער קלעזמער, און זאָל די גאַנצע שטאָט זען מיין גדולה!

***

שיינע־שרה האָט געפאָלגט וואָס דער אַלטער רב האָט איר אָנגעזאָגט. אויסער דעם געלט וואָס שלמהלע האָט איר געגעבן אויף די הוצאות פון דער חתונה, האָט זי זיך נאָך פאַרשולדיקט און אָנגעבאָרגט געלט באַ פאַרשיידענע קרובים און גוטע פריינט, און געטיילט צדקה מיט דער ברייטער האַנט, זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום זאַך, עס איז גאָרנישט געווען פאַר איר צו טייער, אַבי די חתונה זאָל זיין כיד המלך. צו דער חתונה איז פאַרגרייט געוואָרן פון כל־טוב, און נאָך אַ לאַנגע צייט האָט שיינע־שרהס חתונה געשמט נישט נאָר אין מאַקאַראָווקע, נאָר אין דער גאַנצער געגנט.

אונטער דער חופה האָט דער חזן געמוזט מאַכן פריער אַן „אל מלא רחמים" און ערשט שפּעטער האָט מען מסדר געווען חופה וקידושין. צו דער חופה איז אויך געקומען דער אַלטער רב ר׳ שמואל שמעלקעס, ווען מען האָט, צוליב זיין שוואַכקייט, געמוזט פירן אונטער די אָרעמס. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך געשעעניש, ווייל מען האָט געוווסט אין שטעטל אַז דער רב גייט נישט צו אַבי וועמען.

33. — דער וועג קיין רומעניע

פונקט אזוי ווי אלע ימים־טובים גייען אוועק און אלע שמחות ענ־דיקן זיך, אזוי איז אויך געקומען אן ענדע צו דער רווישיקער און ברייט־געפראוועטער חתונה, און ווילנדיק, נישט ווילנדיק, האט דער יום־טוב אנגעהויבן אריבערגיין אין א גרויען א שטענדיקן אינדערוואכן.

צוערשט זענען אוועקגעפארן די מחותנים. ר׳ לייזער האט זיך האר־ציק געזעגנט מיט אלעמען און צום סוף מיט זיין איינציקער טאכטער, וועלכער ער האט אנגעווינטשעוועט א גוט און א גליקלעך לעבן צוזאמען מיט איר מאן, מיט וועלכן זי וועט פון היינט אן זיין שטענדיק צוזאמען — דארטן וווּ ער, דארט דארף זיין אויך זי. די מומע צירל האט ווי איר טבע איז, פארשנורעוועט אירע פרום־דינע ליפעלעך און מכלומרשט פאר־גאסן א טרער באם געזעגענען זיך. אפגעווײנט, געזעגנט זיך, און זיי זע־נען ביידע אוועקגעפארן.

שלמהלע מיט סאניען זענען אפגעוועזן בא שיינע־שרהן אין שטוב גאנצע צוויי וואכן און שפעטער האבן אויך זיי גענומען רעדן וועגן אוועק־פארן, און כאטש אלע האבן געוווּסט אז עס מוז קומען צו אט־דעם מא־מענט, דאך איז אן אומעט באפאלן שיינע־שרהס שטוב. אחוץ דעם וואס עס איז איצטער אלעמען שווער געווען צו בלייבן אן שלמהלען, האבן זיי זיך אלע אזוי פארליבט אין סאניטשקען, אז זיי האבן זיך פון איר נישט געקאנט שיידן.

שלמהלע האט באשלאסן קודם־כל ארויספארן צוזאמען מיט סא־ניטשקען קיין רומעניע אויף גאסטראלן. געווען א סיבה דערצו — דער רוסישער באדן האט אים צופיל געברייט אונטער די פיס — ווי ער אליין פלעגט דאס זאגן, ווייל ער פלעגט איבערלעבן צו פיל שרעק, און אלץ צוליב דעם וואס ער איז געבליבן א בעל־חוב ניקאלאי דעם צווייטן — ער האט זיך נישט צוגעשטעלט אין דער געהעריקער צייט צום פריזיוו.

אגב איז שלמהלע אין דער אמתן נישט געווען שולדיק אין אט־דעם ענין. ווען ער איז אלט געווארן איין־און־צוואנציק יאר, האט ער דעמאלט געבעטן פישזאנען אז ער זאל אים באפרייען פונעם קאנטראקט, בכדי ער זאל קאנען דערפילן זיין פליכט און צושטעלן זיך. פישזאן איז אבער געקר־

מען מיט אַ פּראַקטישער עצה, ווי אַזוי ער זאָל אויסמיידן דעם פּריזיוו און ווייטער קענען רואיק שפּילן טעאַטער. אין אַלטן רוסלאַנד האָט מען פּאַרן צאַרסקע רעזשים געקאָנט אַלץ „מאַכן". מען האָט „געמאַכט" פון טויט לעבעדיק און פון טריף כשר. אין די ענינים איז פישזאָן געווען אַ גאַנצער מומחה, ווער שמועסט נאָך זיין שותף ספּיוואַקאָווסקי — יענער האָט געקאָנט באַווייזן ניסים צוליב דעם וואָס ער האָט געהאַט אַ צוטריט צו די העכערע ספערן פון „נאַטשאַלסטוואָ".

אַזוי אַרום איז געשען אַז פון שלמהלעס מעטריקע איז געוואָרן אַ פּאַספּאָרט אין וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער, שלמהלע, איז שוין אָפּגעקומען זיינע „וואָינסקע פּאָווינאָסטי"*). אגב האָט פישזאָן ליב געהאַט צו טאָן אַזעלכענע טובות אַקטיאָרן, בכדי זיי שפּעטער קאָנען צוהאַלטן מיט צוואַנג באַ זיך אין טרופּע. דאָס איז געווען זיין סיסטעם פון זיכער זיין מיט אַקטיאָרן וועלכע זענען נישט אינגאַנצן כשר מיט זייערע פּאַפּירן. האָט טאַקע שלמהלע געלעבט אין אַ שטענדי־קער מורא פאַר אַ מסירה.

אפילו ווען ער האָט שוין געביטן פישזאָנס טרופּע אויף קאַזלאָוון, האָט ער דאָן ווייטער געלעבט אין שרעק, ווייל אַ סוד איז פּאַרט אומעג־לעך אויסצובאַהאַלטן און אויב איינער איז נישט געווען כשר מיט זיינע פּאַפּירן, איז עס געגאַנגען פון מויל צו מויל, און אַלע האָבן געוווּסט דער־פון, און ס'איז גאַרנישט אַזוי שווער געווען אַז עס זאָל זיך ערגעצווו גע־פינען אַ יידישער מסור.

צוליב אָט־די אַלע סיבות, האָט איצטער שלמהלע באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו פאַרלאָזן רוסלאַנד, און אויף להבא אַרומשפּאַנען אויף אַ מער זיכערן באָדן. פון געוויסע קוועלן, ווי אויך דורך די צייטונ־גען, האָט ער זיך דערוווּסט אַז אין דער רומענישער שטאָט יאַסי געפינט זיך אַ באַרימטער אַקטיאָר און מוזיקער, איציקל גאָלדבערג. שלמהלע האָט אַהין אָוועקגעשיקט זיין אָנבאָט און ער האָט באַקומען אַ גינסטיקן ענטפער.

שלמהלע האָט אַלזאָ איינגעפּאַקט זיין אַקטיאָרסקע פאַרמעגן און גע־זעגנט זיך מיט זיין משפחה, טראַכטנדיק דערביי: „ווער ווייס אויף ווי לאַנג איך געזעגן זיך מיט זיי, אפשר אויף אייביק". וועגן צוריקומען קיין רוסלאַנד האָט ער לגמרי נישט געטראַכט.

אַרויסגעפאָרן זענען זיי ביידע ביינאַכט און נאָך אין דער זעלבער נאַכט טאַקע געדאַרפט איבערשטייגן אין אַ צווייטן צוג, וועלכער האָט

*) „וואָינסקע פּאָווינאָסטי" — מיליטערישע פליכט.

געפירט צו דער רומענישער גרעניץ. זיצנדיק אין באן האט דאס יונגע פארפאלק געהאט גענוג צייט צו שמועסן וועגן זייער אונטערגענומענער וואנדערונג. שלמהלע איז געווען אין זייער א גוטער שטימונג און ער האט זיך אנגעהויבן צו וויצלען אויף סאניעס חשבון.

— הער זיך איין סאניע, דו וואלסט אייגנטלעך באדארפט מאכן א שהחינו איבער דיין ניי לעבן, הייגט הויבסטו אן דיין ערשטע וואנדערונג — האט שלמהלע לאכנדיק געזאגט.

סאניע האט אבער גענומען זיין וויץ ערנסט.

— דו ווייסט דאך שלמהלע, אז איך האב א נייגונג צו דער בינע — האט זי געזאגט קוקנדיק מיט פארערונג און ליבשאפט אויף איר שיינעם מאן — און ווער עס האט א נייגונג צו דער בינע, דער דארף אויך ליב האבן דאס וואנדערן — זי איז א ווילע שטיל געווארן און שפעטער ווי־דער גענומען רעדן מיט הארץ — איך וויל נישט מיטפארן סתם ווי א מיט־עסערן. מיר זענען דאך איצטער מאן און ווייב. אזוי שיין איז צו זאגן צו דיר אז מיר זענען מאן און ווייב, אבער איך וויל דיר זיין נאך עפעס, איך וויל זיין דיין חבר, טיילן מיט דיר דאס גוטע און דאס שלעכטע.

זי האט גענומען זיך טוליען און לאשטשען צו אים ווי א קעצל וואס בעט עפעס און ער האט איר געמוזט צוזאגן אז בא דער ערשטער גע־לעגנהייט וועט ער זי צוגרייטן אין א קליינער ראל, בכדי אויסצופרווון אירע פעאיקייטן.

אזוי האבן זיי געשמועסט און געפלאנעוועט די איינצלהייטן פון זייער נייעם לעבן א גאנצע נאכט און זייערע רייד האבן זיך אויסגעמישט מיטן גערויש פון די ריטמיש־קלאפנדיקע רעדער, ביז זיי זענען צוגעקומען צו דער רומענישער גרענעץ. די פארמאליטעטן האבן פארנומען זייער ווייניק צייט, אזוי אז נאך א קורצער ווילע זענען זיי איבערגעשטיגן אין א צווייטן צוג וועלכער האט זיי שוין געפירט דירעקט קיין יאסי.

עס האט זיך געשטעלט א זוניקער פרעכטיקער טאג און זיי האבן געקאנט באוואונדערן איצט די שיינקייט פון רומענישן פייזאזש. די גרינע טעפיכער פון די ברייט־צעשפרייטע פעלדער האבן זיך אהינטערגעדרייט ווי אין א קאראהאד פאר זייערע אויגן. הערלעכע וויינגערטנער האבן דא און דארט זיך באוויזן און פארשוואונדן. שטילע דערפער און קליינטשינקע שטעטלעך, זענען פארבייגעלאפן, און אינעם בלויען הימל האט געשיינט די אויפקומענדיקע גאלדיק־צעשטראלטע זון, וועלכע האט ארומגענומען מיט איר ווארעמקייט און ליכטיקייט דעם גאנצן ארום.

שלמהלע און סאניע זענען א גאנצע נאכט נישט געשלאפן, און איצ־טער האט דער וואונדערלעכער רומענישער פייזאזש אזוי צוגעשמידט זייער

אויפמערקזאַמקייט, אַז עס האָט זיך פון זיי איינגעאָנצן אָפּגעטאָן דער שלאָף. זיי זענען ביידע געזעסן און נישט געקאָנט צונעמען דעם בליק פון אָט דער שיינער וועלט, וואָס זיי האָבן געזען דורכן וואַגאָן-פענצטער, און די אויגן זייערע האָבן געלויכטן מיט אַ מאָדנער פרישקייט אין וועל־כער עס האָבן זיך געשפּיגלט דער פרימאָרגנדיקער טוי און די אויפגייענ־דיקע זון.

34. — אין יאַם

אויפֿן יאַסער וואָקזאַל האָבן אָפּגעוואַרט דעם באַרימטן אַרטיסט סאַלאָמאָן טאָמאַשאָוו און זיין יונג ווייבעלע כמעט די גאַנצע דאָרטיקע יידישע טרופּע מיט איציקל גאָלדבערג-סעגאַלעסקו און זיין פרוי בראַש. די צוויי יונגע געסט האָבן געמאַכט אויף די יאַסער אַקטיאָרן אַן אויסערגעוויינלעך גוטן איינדרוק. אַנטקעגן דער אָרעמקייט וואָס האָט געהערשט דעמאָלט אין רומענישן יידישן טעאַטער האָבן שלמהלע און סאָניע אויסגעזען ווי מענטשן וואָס קומען פון אַן אַנדערער, אַ רייכערער וועלט. די יאַסער אַקטיאָרן האָבן באַוואונדערט זייער באַגאַזש, זייער האַלטונג און זייער קליידונג, אָבער נאָך מער האָבן די געסט אויסגענומען אין יאַס מיט זייער האַרציקן אופן פון באַנעמען זיך, מיט זייער יוגנטלעכן ענטוזיאַזם און מיט זייערע צעשטראַלטע פּנימער.

שלמהלע האָט נאָך אין רוסלאַנד זיך פיל אָנגעהערט וועגן דער גרויסער אָרעמקייט אין וועלכער עס האָבן געלעבט די יידישע אַקטיאָרן אין רומעניע, און איצטער ווען ער האָט קוקנדיק אויף זיי פון דער נאָענט דערזען עס מיט אייגענע אויגן האָט ער באַנומען אַז אין רוסלאַנד האָט קיינער נישט מגזם געווען. אי דער אָנפירער און אי אַלע אַקטיאָרן האָבן געהאַט זייער אַ נעבעכדיקן אויסזען, שפּעטער האָט ער זיך אַליין איבערציייגט אַז דאָס רוסישע יידישע טעאַטער איז געשטאַנען הימל-הויך אין פאַרגלייך מיטן רומענישן, ווייל דער יידישער טעאַטער אין רומעניע איז געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקער מדרגה סיי מאַטעריעל און סיי קינסטלעריש.

שלמהלע האָט עס נאָך מער דערזען באַם קבלת-פּנים וואָס די טרופּע האָט איינגעאָרדנט לכבוד אים און זיין פרוי. ער האָט זיך דעריבער דערפילט מער חשוב באַ זיך אַליין, און דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט און זיכערקייט אין דער קינסטלערישער אַרבעט וואָס ער האָט אונטערגענומען אין יאַס.

35. — שלמהלע טרעט אויף אין „בת-ירושלים"

די ערשטע פאַרשטעלונג וואָס די טרופּע האָט געמומען צוגרייטן איז געווען די פּיעסע „בת-ירושלים". דאָס איז אַ היסטאָרישע אָפּערעטע אָן שום פּרעטענזיעס, מיט זייער אַ פיינער מוזיק פון וואָלפסטאַלן. שלמהלע האָט געשפּילט דאָרט די ראָל פון אַ פאַסטוכל. ווען ער איז ארויסגעקומען אויף דער בינע אָן אַנגעטוענער אין אַ טריקאָט, וואָס האָט בולט געמאַכט זיין שיינע מענערשע געשטאַלט, מיט סאַנדאַלן אויף די פיס און מיט אַ שעפּסענעם פעלכל וואָס איז געווען פאַרוואָרפן בלויז אויף דער פאָדערש-טער טייל פון זיין קערפּער, האָט ער פּשוט פאַרכישופט דעם עולם מיט דעם חן זיינעם, ווי אויך מיט זיין האַרציקן געזאַנג, מיט די לירישע טע-נער וועלכע ער האָט אַרויסגעבראַכט מייסטערהאַפט מיט זיין טענאָר שטימע. אַלע אָן אויסנאַם, מענער סיי פרויען, האָבן זיך פאַרליבט אין אים. דאָס טעאַטער „זשיגניצע" האָט גאָר אויפגעלעבט און די אָפּערעטע איז נישט אַראָפּ פון דער בינע אַ לענגערע צייט.

סאָניטשקע האָט אויך מיטגעשפּילט אין אַ קליינער ראָל — דער פּרינצעסנס דינערן. נעמענדיק אין באַטראַכט אַז זי טרעט אויף דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן, האָט מען געקאָנט רואיק זאָגן, אַז זי פאַר-מאָגט סצענישע פעאיקייטן. שפּעטער צו, נאָך דעם ווי די פאַרשטעלונג איז שוין געשפּילט געוואָרן עטלעכע מאָל, האָט זי זיך דערפילט זיכע-רער אויף דער בינע, זי האָט באַקומען מער פרייהייט אין אירע באַווע-גונגען און מער זיך נישט געשראָקן פאַר דער פּראָזע. פאַרשטייט זיך אַז עס האָט איר נאָך געפעלט די דערפאַרונג וועלכע עס פאַרמאָגן די פּראָ-פעסיאָנעלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, אָבער מיט יעדן טאָג האָט זי זיך מער צוגעוווינט צו איר נייעם אָרט לעבן. אַלע אין דער טרופּע האָבן זי ליב באַקומען פאַר איר שיינקייט און חנעוודיקייט און מען האָט זי דאָרט געפּיעשטשעט ווי אַ קליין קינד.

שלמהלע און סאָניטשקע האָבן זיך ביידע געפילט אין יאַם ווי אין אַ גן-עדן. זיי האָבן זיך דערוואָרבן פיל פריינט און זיך איינגעוואָרצלט אין דאָרטיקן לעבן. זיי האָבן אָנטיילגענומען אין די „היימישע פאַרוויילונגען"

וואָס פלעגן איינגעאָרדנט ווערן פאַר די אַקטיאָרן דורך די פריינט פון יידישן טעאַטער. אויף אַט די טעאַטער־פריינט לוינט זיך באַזונדערס אָפּ־צושטעלן. דאָס זענען געווען מערסטנטייל אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס אין פולן זין פון וואָרט. בכלל איז די יידישע אַרבעטער־מאַסע אין רומעניע געווען אַ ברייטהאַרציקע און אָפּפערוויליקע. זיי זענען גרייט געווען צו גיין אין פייער נישט נאָר פאַר די יידישע אַקטיאָרן, נאָר פאַר יעדער יידי־שער זאַך. אויב עס האָט זיך געמאַכט אַמאָל אַז עס האָט געדראָט יידן עפּעס אַ געפאַר זענען זיי געווען די ערשטע צו פאַרטיידיקן און אָפּשלאָגן דעם אָנגריף. געווען צווישן זיי גיבורים וואָס האָבן זיך פאַר קיין שום זאַך נישט געשראָקן. אַזאַ איז עס געווען דער עלעמענט אויף וועלכן דער יידישער טעאַטער האָט זיך געשטיצט און אַ דאַנק וועמען ער האָט בכלל עקזיסטירט. אין אַ קריטישער צייט זענען זיי שטענדיק געווען די ערשטע אונטערצוקומען מיט הילף. זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז דאָרטן ווו עס געבן זייער שטיצע די מאַזאָליעדיקע הענט פון דאָרטן דערווייטערן זיך די זייַ־דענע הענטשקעס, איז דעריבער דער יידישער טעאַטער געווען אַרומגע־רינגלט מיט דער ליבשאַפט פון די האַרעפּאַשניקעס און די יידישע הויכע פענצטער האָבן זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס.

נאָך עטלעכע וואָכן שפּילן מיט דעם יונגן גאַסט סאַלאָמאָן טאָמאַ־סאָוו האָבן די אָרטיקע צייטונגען זיך צעזונגען וועגן דעם נייעם יידישן קינסטלער, און אין טעאַטער האָט אָנגעהויבן קומען אַן עולם וואָס מען האָט אים דאָרט ביז איצט נישט געזען. די טעאַטער־אָנפירער האָבן זיך גלייך אָפּגעגעבן חשבון אַז מען דאַרף דעם טעאַטער פלעגן, מען דאַרף דערלאַנגען דעם עולם שענערן און בעסערן טעאַטער. דער פאַרלאָזטער טעאַטער־זאַל איז צוביסלעך אויסגעפּוצט און אויפגעריכט געוואָרן און די אָרעמע בינע איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ שענערער און בעסערער אויסשטאַטונג. די רעזולטאַטן האָבן לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך, און דאָס טעאַטער האָט אָנגעהויבן מאַכן גלענצנדע געשעפטן. שלמה־לע איז אויפגעטראָטן אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע אָפּערעטן צוזאַמען מיט סאָניטשקען וועלכע איז איצטער שוין געווען פיל בעסער צוגעגרייט, און דאָס יאַסער טעאַטער האָט זיך קינסטלעריש אַרויסגעהויבן צו זייער אַ פיינער מדרגה. עס האָבן אָנגעהויבן טיילמאָל צו פאַרבלאָנדזשען אויך קריסטלעכע קינסטלער בכדי צו כאַפּן אַ בליק אויף דער יידישער טעאַ־טער קונסט און זיי האָבן מיט אַנטציקונג באַוואונדערט די דערגרייכונגען פון די יידישע אַקטיאָרן.

שלמהלע האָט זיך אָבער נישט געוואָלט באַגנוגענען מיט אָט־דעם אַלעם. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זיין צו ווייניק דער דערפאָלג וואָס

ער האָט דערגרייכט בלויז אויף איין אָרט. זיין חלום איז געווען — די גאַנצע וועלט.

זייער אָפט פלעגט ער רעדן מיט סאַניטשקען וועגן די ווייטערדיקע וואַנדערונגען וואָס ער האָט פלאַנירט. סאַניע האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס ער קלערט וועגן פאָרן.

— וואָס איז דען דאָ שלעכט? — פלעגט זי נאַיוו פרעגן בא אים — געלט פאַרדינסטו גענוג, כבוד האָסטו אויך, וואָסזשע נאָך פאַרלאַנגסטו?

שלמהלע האָט געקוקט אויף איר מיט אַ ליבלעכן שמייכל, פּונקט ווי מען קוקט אויף אַ קליין קינד, ועמען מען דאַרף ערשט געבן עפּעס צו פאַרשטיין.

— אַן אַרטיסט דאַס איז נישט בלויז כבוד און געלט — פלעגט ער זאָגן. מיין טרוים איז: צו באַווייזן זיך פאַר דער גאַנצער וועלט. ס'איז נישט גענוג פאַר מיר — אַז מען זאָל מיך קענען בלויז אין רומעניע; איך וויל אויך זיין אין עסטרייך, ענגלאַנד, פראַנקרייך, נאָרד־אַמעריקע, אַרגענטינע, אומעטום דאָרטן ווו ס'געפינט זיך נאָר אַ יידישער ישוב.

***

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך געיאַוועט אין יאַסער טעאַטער־וועלטל אַ גאַסט, אַ נאָרד־אַמעריקאַנער יידישער אַקטיאָר מיטן נאָמען גינזבורג. ער איז געקומען אומגערופן. שלמהלע האָט אים אָפט געזען אַרומגיין און איינטענהן מיט די אָנפירערס פון טעאַטער. פון די ידיעות וואָס האָבן צו אים דערגרייכט דורך זייטיקע וועגן האָט שלמהלע פאַרשטאַנען אַז זיי, די אָנפירערס, געפינען זיך פאַר אַ שווערלעכן פּראָבלעם. עס איז זיי אַזוי, ווי עס זאָגט דאָס רוסישע פאָלקסווערטל: „ביטער אויפצועסן און אַ שאָד אַוועקצוואַרפן". מיט טאַמאַסאָוון מאַכן זיי גוטע געשעפטן און ווי אַזוי דער ענין וועט אויסזען מיט גינזבורגן ווייסט מען נאָך נישט.

שלמהלע איז געווען גלייכגילטיק צו דעם אַלעם. טיף אין האַרצן איז ער אַפילו געווען צופרידן צו ביסלעך, ווייל אויב מען וועט דערלויבן גינזבורגן אויפצוטרעטן וועט ער, שלמהלע, האָבן אַ מאָטיוו אַוועקצופאָרן, ס'וועט זיין ווי מען זאָגט: „אַ כשרער טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל".

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער גאַנצער סוד איז קאַפּויער־געקומען: גינזבורג איז געקומען נישט סתם אַזוי זיך, ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ „שלאַגער" — דעם „ישיבה־בחור".

וועגן זאַלאַטאַרעווסקים „ישיבה־בחור" האָבן די אָנפירער פונעם

טעאַטער „זשיגניצע״ נאָך פריער געהאַט גרויסן פון אַמעריקע. מען האָט גערעדט וועגן דעם אַז עס איז, ווי מען זאָגט דאָס אין טעאַטער־וועלטל, אַ „פרנסה־פיעסע״. עס איז זיי אָבער אַ שאָד געווען איבערצולאָזן די גוטע געשעפטן וואָס זיי מאַכן מיט שלמהלען. האָבן זיי דעריבער אים פאָרגע־לייגט אַז ער, שלמהלע, זאָל בלייבן אַרבעטן צוזאַמען מיטן נאָרד־אַמערי־קאַנער גאַסט.

שלמהלע האָט זיך אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט דערפון. ער איז בלויז איינגעגאַנגען דערויף אַז ער זאָל נאָך דערשפּילן עטלעכע פאָרשטע־לונגען ביז וואַנען דער נייער גאַסט וועט אָנהויבן דעבוטירן. דאָס האָט אים אויך געגעבן אַ מעגלעכקייט איינצושטעלן אַ ברייוולעכע פאַרבינדונג מיטן לעמבערגער יידישן טעאַטער.

די גרויסן וועגן דעם גרויסן דערפאָלג וואָס שלמהלע האָט געהאַט מיט זיינע אויפטריטן אין רומעניע זענען דערוויל דערגאַנגען ביז לעמ־בערג, און שלמהלען איז אָנגעקומען אַן ענטפער מיט זייער גוטע באַ־דינגונגען.

נאָך איידער סאַלאָמאָן טאָמאַסאָוו האָט געענדיקט זיין קאָנטראַקט אין יאַס, זענען שוין לעבן דעם יידישן טעאַטער אין לעמבערג, אויף דער יאַגעלאָנסקע גאַס, געהאָנגען גרויסע פּלאַקאַטן וועלכע האָבן געמאָלדן דעם אָנקום פון די נייע געסט: סאָניע און סאַלאָמאָן טאָמאַסאָוו.

סאָניטשקע האָט דערוויל געלערנט זייער פלייסיק. אין דער צייט וואָס זיי זענען אויפגעטראָטן אין יאַס האָט זי באַוויזן צו ווערן היימיש מיט דער בינע ווי באַ זיך אין דער היים. שלמהלע איז דעריבער גלייך צוגעטראָטן צום איינאיבן מיט איר די נייע ראָל אירע און ער האָט זי נאָך אין יאַס צוגעגרייט צו דער טיטל־ראָל פון דער אָפּערעטע „בת־ירושלים״.

36. — גימפּלס טעאַטער אויף יאַגעלאָנסקע גאַ

דאָס לעמבערגער יידישע טעאַטער האָט, סיי אויסערלעך און סיי פון אינעווייניק, געהאַט זייער אַן אָרעמען אויסזען. עס וואָלט אפשר זיך געקאָנט אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון אַ קליין פּראָווינץ־שטעטל, אָבער פאַר אַזאַ שטאָט ווי לעמבערג איז עס געווען נישט גענוגנדיק אין קיין שום הינזיכט נישט.

אָבער נישט געקוקט דערויף האָט דאָס אָרעמע גימפּל־טעאַטער פאַרמאָגט אַ גלענצנדע פאַרגאַנגענהייט. לעמבערג איז געווען דאָס וויגעלע פון יידישן טעאַטער. אין לעמבערג האָט מען אָנגעהויבן שפּילן נאָך דעמאָלס ווען דאָס יידישע טעאַטער איז נאָך געווען אין די וויקעלעך. אברהם גאָלדפאַדן האָט דאָרט אויפגעפירט זיינע ערשטע שאַפונגען.

דאָס לעמבערגער יידנטום האָט אויך אַרויסגעגעבן גרויסע טאַלאַנטן אויפן געביט פון יידישן טעאַטער, צו וועלכע מען קאָן פאַררעכענען די קינסטלער בערטאַ קאַליש, רעגינאַ צוקערבערג, אַדאָלף מעלצער, סעם שילינג; פון לעמבערג האָט אויך געשטאַמט לודוויג זאַץ, און אַ לעמבערגער איז אויך געווען גראַף, וועלכער האָט פאַרנומען אַ סך יאָרן אַן אָנגעזעענעם אָרט אין ניו־יאָרק. צו די אַלע קינסטלער קומט נאָך צו דער גרויסער געלערנטער זעליק שאָר. אַחוץ דעם פלעגן פון צייט צו צייט אַראָפּקומען קיין לעמבערג אויף גאַסטראָלן אויסלענדישע קינסטלער, ווי זיגמונד פיימאַן, מאָרים מאָשקאָוויטש א. אַנד.

נאָכן אַלטן גימפּלס טויט האָט די אָנפירונג פונעם טעאַטער איבערגענומען זיין זון עמיל גימפּל און דער צווייטער זון דאַלי גימפּל, אַ גענינאַלער מוזיקער, האָט פאַרנומען דאָס אָרט פונעם דירעזשאָר. דאָס טעאַטער האָט זיך געפירט באַשיידן אָבער באַלעבאַטיש. דאָס טעאַטער האָט פאַרמאָגט אייגענע קאָסטיומען, אייגענע רעקוויזיטן, און אויך אייגענע באַשיידענע דעקאָראַציעס. די אַקטיאָרן האָט מען געצאָלט אויפן חודש. דער געהאַלט איז געווען זייער אַ קליינער, אָבער די דאָזיקע אָרעמע גאַזשע איז שטענדיק געוואָרן אויסגעצאָלט פּינקטלעך צו דער מינוט.

צו אָט דעם נישט־רייכן טעאַטער האָבן זיך געריסן אַקטיאָרן פון ארבע־פינות־העולם. יעדער איינער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ כבוד אויפ־

צוטרעטן אין אַט דעם טעאַטער, וועלכער האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ געוויסע טראַדיציע.

אין דער טרופּע, ווי אין אַלע טרופּעס, האָבן אויך נישט געפעלט קיין אינטריגאַנטן, וועלכע פלעגן דורך פאַרשיידענע מיאוסע וועגן און רכילות-טרייבעריי פּרווון דערגרייכן זייערע קליינלעכע צילן און זייער אָפט פלעגט זיך דאָס זיי איינגעבן צוליב דעם שוואַכן ווילן פונעם טעאַ-טער-דירעקטאָר.

***

אין אַט דעם „גימפּל-טעאַטער" זענען אָנגעקומען סאַלאָמאָן און סאָ-ניע טאָמאַסאָוו אַלס גאַסטראָליסטן. דאָס פּאַרפאָלק האָט באַקומען אַ האַר-ציקן קבלת-פּנים, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן דירעקטאָר עמיל גימפּל און צו וועלכן עס איז געקומען די גאַנצע טרופּע.

די צוויי יונגע שוישפּילער, שלמהלע און סאָניע, האָבן מיט זיך מיט-געבראַכט קיין לעמבערג זייער גאַנצן יוגנטלעכן ברען און ליבשאַפט צו שיינעם טעאַטער. קוקנדיק אויף זיי האָט זיך אויסגעדוכט אַז זיי קומען פון אַנדערע, דערהויבענע וועלטן. זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין טעאַטער שיינקייט און ענטוזיאַזם און אָנגעפילט די אַטמאָספערע מיט געזאַנג.

די „בייזע גייסטער" פון דער גימפּל-טרופּע, די שטענדיקע אינטרי-גאַנטן און נישט-פאַרגינערס, האָבן דערפילט אַז זייער כוח איז דאָ צו קליין. אַט די דאָזיקע קליינע מענטשעלעך, וועלכע מען קאָן געפינען אומעטום, און וועלכע האָבן זיך געפּליאָנטערט אויך צווישן די לעמבערגער אַקטיאָרן, האָבן איצטער דערפילט אַז זייער צעשטערערישער כוח וועט אויף די צוויי יונגע געסט קיין שליטה נישט האָבן.

לעמבערגער יידן זענען פון אייביק אָן געווען גרויסע „נאַשערס" אויף טעאַטער, — זיי האָבן עס נויטיק געהאַט פּונקט ווי ברויט. אָבער שפּילן טעאַטער אין לעמבערג האָט פאַרט נישט געהערט צו די לייכטע זאַכן. אָן אַקטיאָר וואָס איז געקומען אויפטרעטן אין לעמבערג, האָט זיך גע-מוזט גוט אונטערגאַרטלען, און אויב ער איז חלילה נישט געפעלן געוואָרן, האָט ער באַצייטנס געמוזט איינפּאַקן זיין אַקטיאָרסקע באַגאַזש.

אָבער שלמהלע מיט סאָניען האָבן איינגענומען דעם לעמבערגער עולם גלייך מיט דער ערשטער פאָרשטעלונג זייערער. דער דעבוט פון סאַלאָמאָן און סאָניע טאָמאַסאָוו איז געווען אַ גרויסער טריאומף. דאָס פּובליקום האָט מיט באַגייסטערונג אויפגענומען זייער שפּילן, און זיי האָבן זיך שנעל פאַרשאַפט אָנערקענונג און רעספּעקט באַ די שוישפּילער פון דער טרופּע, ווי אויך באַ דער דירעקציע.

שלמהלע פלעגט זיך איצטער מאַכן פאַרוווּרפן אַז ער האָט ביז איצט נישט דערשאַצט ווי געהעריק סאָניעס פעיקייטן. ער פלעגט טיילמאָל שטיין הינטער די קוליסן און נחתדיק אַרויסקוקן צו דער בינע ווו סאָניע האָט געשפּילט. ווען ער פלעגט צוזען ווי גוט זי שפּילט און פּאַסט אויף אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל ווי „בת-ציון" האָט ער זיך ערשט אויפסניי אָנגעהויבן צו פאַרליבן אין זיין אייגן ווייבל. ער האָט באַוווּנדערט איר נשמהדיק שפּילן, געווען פאַרגאַפט פון איר שטראַלנדיקער שיינקייט, ער איז פול געווען מיט ליבע און באַוווּנדערונג.

ער פלעגט טיילמאָל, נאָך דער פאָרשטעלונג, ווען זיי זענען שוין געבליבן אַליין, צוגיין צו איר און שפּיגלען זיך אין איר יוגנטלעכער שיינ-קייט. זיינע ליפּן האָבן שטיל געשעפּטשעט:

— מיין פרינצעסן...

סאָניע פלעגט זיך צעלאַכן מיט איר קינדיש-זאַרגלאָזן געלעכטערל און ענטפערן:

— פּאַסטעכל מיינער...

איינמאָל אין אַן אָוונט האָט ער זיך אָוועקגעזעצט מיט איר און דער-ציילט וועגן דעם שמועס וואָס ער האָט געהאַט מיט די דירעקטאָרן פונעם טעאַטער. דער דיריזשאָר דאָלי גימפּל האָט געזאָגט:

— מיר ווילן אייך שוין פונדאַנען נישט אָוועקלאָזן. איר בלייבט שוין מיט אונדז.

— און וואָסזשע האָסטו זיי געענטפערט? — האָט סאָניע געפרעגט.

— איך האָב געענטפערט — האָט געזאָגט שלמהלע ציענדיק די ווערטער געלאַסן — אַז זיי מאַכן דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס.

— דאָס הייסט?

— דאָס הייסט אַז איך האָב מיר מיין אייגענעם פּאַרטיקן פּלאַן: פונדאַנען פאָרן מיר קיין ווין. נישט קוקנדיק דערויף וואָס מען רעדט מיך דערפון זייער שטאַרק אָפּ, דאָך וויל איך פאָרן. זיי, די גימפּלס, דערציילן מיר, אַז אין דער באַרימטער שטאָט ווין שטייט דאָס יידישע טעאַטער אויף אַ קלעגלעכער מדרגה. פאַראַן דאָרט אַ טרופּע וואָס רופט זיך „די ווינער תושבים" — געוועזענע וואַריעטע-שוישפּילער: ביידע ברידער וויינבערג מיט זייערע פרויען, פאַדזאַמטשע, רייזמאַן. דעם לעצטן אַגב פאַרעכנט מען צו די בעסטע אַקטיאָרן. אָט די דאָזיקע טרופּע שפּילט אין אַ לאָקאַל ווו מען זיצט בײַ די טישלעך און מען עסט, און דאָס פייפן פון די סאָדע-וואַסער-סיפאָנעס גרילצט אין סאַמע מיטן פונעם שפּילן. די באַ-זוכער רויכערן און ריידן אין מיטן דער פאָרשטעלונג ווי אין אַ שענק.

סאָניטשקע האָט זיך איינגעהערט אין שלמהלעס רייד און נישט גע־קאָנט באַנעמען אָט דאָס אַלץ וואָס ער האָט איר דערציילט.

— וואָס? — האָט זי געפרעגט אַ פאַרוואונדעטע — ווי אַזוי קאָן דאָס אַלץ מעגלעך זיין? ווי אַזוי איז דאָס געמאָלט, אַז אין דער באַרימטער שטאָט ווין, וווּ עס קעניגט דער ליבעראַלסטער מענטש, דער קעניג פראַנץ יאָזעף, זאָל מען נישט טאָרן שפּילן קיין יידיש טעאַטער? — אין סאָניעס אויגן האָבן געברענט צאָרנדיקע פייערלעך.

שלמהלע האָט נישט געפונען קיין ענטפער אויף אָט דער פראַגע. די לעגענדע וועגן דער גוטסקייט און טאָלעראַנץ פונעם קעניג פראַנץ־יאָזעף איז געווען זייער שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די גאַליציאַנער יידן, האָט עס דעריבער אויסגעזען צו זיין אומגלויבלעך, אַז מען דערלויבט נישט אין ווין צו שפּילן קיין יידיש טעאַטער, און יידישע אַקטיאָרן מוזן אויפ־טרעטן אין אַ צווייטראַנגיקן רעסטאָראַן. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט דאָס אים, שלמהלען, דערציילט גימפּל אַליין, און גימפּלען איז שווער געווען נישט צו גלויבן.

— זאַכן, אין וועלכע איך בין נישט גענוג באַהאַוונט — האָט שלמה־לע געזאָגט — האָב איך פיינט צו באַרירן. איך קאָן גאָרנישט זאָגן וועגן אָט דעם ענין ביז וואַנען איך וועל נישט קענען די גרונטלעכע סיבות פון אָט־דעם אַלעם. לויט די באַריכטן וואָס איך האָב דערהאַלטן, איז דער מצב אַזעלכער ווי איך האָב דיר אָקערשט דערציילט. די טרופּע מאַכט דאָרט זייער אָן אָרעם לעבן, נאָר זיי ליגן ווי דער וואָרעם אין כריין: זיי האָבן מסתמא נישט קיין העכערע אַספּיראַציעס.

ער איז שטיל געבליבן, אָבער נאָך אַ ווײַלע האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַנטשלאָסנקייט:

— דאָך וועלן מיר פאָרן. ס'איז מיר שווער שלום צו מאַכן מיטן גע־דאַנק אַז איך מוז אויסמיידן ווין.

⁂

דער לעצטער אויפטריט פון שלמהלען מיט סאָניען איז געווען אָנאָנ־סירט אַלס אַ „געזעגענונגס־פאָרשטעלונג פון סאַלאָמאָן און סאָניע טאָמאַ־סאָוו". אַ גרויסער עולם פּאַרערער האָט אָנגעפּולט דעם זאַל, און נאָך דער פאָרשטעלונג זענען אַרויף אויף דער בינע די גאַנצע טרופּע מיט די גימפּלס בראש, צו באַערן די געסט. דאָס פּובליקום האָט זיך אויפגעשטעלט פון זייערע פּלעצער און הילכיק אַפּלאָדירט די אַוועקפאָרנדיקע קינסטלער און איינער פון די אַקטיאָרן האָט זיך אַרויסגערוקט צום פּאָדערגרונט און גע־נומען אַ וואָרט. אין נאָמען פון דער דירעקציע און פון דער טרופּע האָט ער

באַדאַנקט די געסט, אונטערגעשטראָכן די גרויסע מענטשלעכע און קינסט־לערישע מעלות זייערע, גערעדט וועגן זייער יוגנט, וועגן זייער שפּרודל־דיקן טאַלאַנט, וואָס זאָגט אַזוי פיל צו, און ער האָט דערביי פאַרזיכערט דעם ענטוזיאַסטישן עולם אַז ער האָפט, אַז די יונגע קינסטלער וועלן נאָך קומען קיין לעמבערג.

דער זאַל האָט הילכיק אַפּלאָדירט און עס האָבן זיך געלאָזט הערן געשרייען, וועלכע האָבן אויפגעפאָדערט שלמהלען ער זאָל אויך נעמען אַ וואָרט.

שלמהלע האָט זיך נישט געפילט בכוח צו ריידן, אָבער ער האָט גע־מוזט זיך אונטערוואַרפן דעם פאַרלאַנג פונעם פובליקום. ער האָט האַרציק גערעדט צום עולם, געדאַנקט פאַרן גרויסן כבוד וואָס מען האָט אים אָנ־געטאָן און באַשטעטיקט זיין פאַרלאַנג נאָכאַמאָל צו קומען שפּילן טעאַ־טער אין לעמבערג אין אַ געוויסער צייט אַרום. ער האָט געדאַנקט דער דירעקציע, די חברים אַקטיאָרן און פאַרן פובליקום אין די אויגן זיך האַר־ציק געזעגנט מיט אַלעמען.

37. — אין ווין

שלמהלע האָט דערגרייכט זיין טרוים. אַט געפינט ער זיך שוין צו־זאַמען מיט זיין סאָניטשקען אין דער באַרימטער געמיטלעכער שטאָט ווין. זיי זענען ביידע איינגעשטאַנען אין אַן ערשטקלאַסיקן האָטעל און ביידע זענען געווען אַנטציקט פון דער העפלעכקייט און די באַקוועמלעכ־קייטן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך דאָ אָנגעטראָפן. ווי צוויי קליינע קינדער האָבן זיי אָנגעהויבן אַרומצושפּאַצירן איבער דער שטאָט, זייענדיק באַ־הערשט פון אַ גוואַלדיקער נייגעריקייט אַנצוקוקן מיט די אייגענע אויגן אַלע מערקווירדיקייטן פון אָט דער גרויסער שטאָט. זיי זענען געווען אי־בעראַשט פון די שיינע גערטנער און בולוואַרן, פון די פּרעכטיקע פּאַלאַצן, פון די שוי־פענצטער פון די גרויסע געשעפטן, פון אַלץ וואָס זיי האָבן געזען. אין אַ. ג. „ערשטן באַצירק" זענען זיי צוגעקומען צו אַ גאַס, ווו דער אויסגעגלאַנצטער אַספאַלט האָט אויף זיי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אָפּגעפּאָלירטן פּאָל אין אַ ריזיקן זאַל. קליינע ייִנגלעך, שיכפּוצער, זע־נען אַרומגעפאָרן, מיט זייערע מכשירים אין די הענט, אויף רעדעלעך צוגעטשעפּעטע צו זייערע פיס. סאָניטשקע האָט מיט אַ קינדערשער הנאה זיך איינגעקוקט אין דעם גלאַנציקן אַספאַלט, און אָנווייזנדיק אויף די שיכפּוצער אויסגעשריגן מיט כלומרשטן שרעק:

— שלמהלע! די ייִנגלעך מאַכן דאָך אַ תל פון עם פּאָל...

ביידע האָבן האַרציק געלאַכט פון אָט־דעם איינפאַל אירן.

אויף דער צווייטער נאַכט נאָך זייער אויסרוען זיך זענען זיי אַוועק אין ווינער „קונסט־טעמפּל" — אין בורג־טעאַטער, אין דעם זעלבן טעאַ־טער ווו עס האָבן אַמאָל געקעניגט אַדאָלף זאָנענטאַש און קאַיענס און אַנדערע געקרוינטע קינסטלער, וועלכע זענען שוין איצט געווען אין דער אייביקייט. זייער אָרט האָבן שוין פאַרנומען אַנדערע, אָבער דער גייסט פון די גרויסע קינסטלער האָט נאָך געשוועבט איבער דעם היכל פון קונסט.

די צוויי יונגע שוישפּילער האָבן גראָד אָנגעטראָפן אויף אַ פאָר־שטעלונג, וואָס איז געשטאַנען אויף זייער אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ, אויף „שיין וועזן". די ראָלן זענען געווען באַזעצט דורך לויטער קינסטלער פון גרויסן מאַסשטאַב. שלמהלע מיט סאָניטשקען האָבן דאַן דערפילט אַז

דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן זעען זיי אמתדיק טעאַטער. די פאַר-שטעלונג וואָס איז געווען אויפגעפירט מיט פאַרנעם האָט געמאַכט אויף זיי אַ גוואַלדיקן איינדרוק. זיי האָבן ערשט דאָ באַנומען וויפל עס פעלט נאָך זיי צו זיין אמתדיקע אַקטיאָרן.

זיי זענען אַהיימגעפאָרן אין אַ פיאַקער און ביידע זענען געווען פאַר-זונקען אין זייערע געדאַנקען. עס האָט זיי אַרומגענומען אַ גוואַלדיקע בענקשאַפט צו אמתער קונסט, צו דערגרייכן העכערע שטאַפּלען אין זייער קינסטלערישן וועג, און וואָס מער זיי האָבן געטראַכט דערוועגן, אַלץ מער האָבן זיי געזען, וויפל עס פעלט זיי נאָך דערצו.

ווען דער פיאַקער איז פאַרבייגעפאָרן פאַר אַ העל-באַלויכטענעם סאַ-לאָן, איז שלמהלע איינגעפאַלן אַ פרעג צו טאָן באַם קוטשער וואָס אייגנטלעך קומט דאָרט פאָר. דער קוטשער האָט אין זיין צעצויגענעם „וויאַנער" דיאַלעקט דערקלערט, אַז דאָס איז „שטעפּאַניע", דאָס ווינער יידישע טעאַטער.

— פאַרוואָס איז נאָך אַזוי ליכטיק און רוישיק? — האָט שלמהלע געפרעגט.

— אָט דאָס טעאַטער — האָט זיי דער קוטשער געגעבן צו פאַר-שטיין — ענדיקט שפּילן אַ סך שפּעטער ווי דאָס בורג-טעאַטער.

שלמהלע האָט באַפוילן דעם קוטשער זיך אָפּשטעלן.

— ווייסטו וואָס — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו סאָניטשקען — קום לאָמיר זיך באַקענען מיט די יידישע אַקטיאָרן. — און ער האָט צוגע-געבן אין אַ טאָן פון פאַרביטערונג — אין ווין, ווי דו זעסט, הויבט דאָס יידישע טעאַטער אָן צו שפּילן ערשט דעמאָלס, ווען דאָס בורג-טעאַטער ענדיקט די פאָרשטעלונג.

זיי האָבן באַשלאָסן אַריינצוגיין אין טעאַטער און בייוווינען דעם ספּעקטאַקל אַלס געסט. זיי האָבן געקויפט צוויי איינטריטס-קאַרטן און ווען זיי זענען אַריין אין זאַל האָט זיי באַגעגנט אַ געדיכטער נעפּל פון ציגאַרעטן-רויך, אַ געקלימפּערײ פון טעלער און מעסער-לעפל-גאָפּל, אַ פּייפערײ פון סיפאָנעס. אין דער אַרומיקער דושנער פינצטערקייט האָבן זיי באַמערקט אַן עולם מענטשן, וועלכע זענען געזעסן ביי די טישלעך, געשמאַק געגעסן און געלאָזט זיך ווילגיין, און אין דער זעלבער צייט איז אויף דער האַלב-פינצטערער בינע מיט קוטיקע דעקאָראַציעס, געשטאַ-נען אַ קאָרפּולענטע פרוי אין די מיטעלע יאָרן און געזונגען מיט אַ קווי-טשיקער שטימע עפּעס אַ פריילעכן קופּלעט.

שלמהלע האָט זיך איבערגעקוקט מיט סאָניען. זיינע אויגן זענען פול געווען מיט באַדויער.

— אַט דאָס הייסט אַראָפּגעפאַלן פון די הימלען ביזן אָפּגרונט... — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ טרויעריקער שטימע — מיר ווילן זיך בלויז אַ תל מאַכן פונעם גענוס וואָס מיר האָבן מיטגענומען פון בורג-טעאַטער...

נישט שטענדיק איז סאָניען אָנגעקומען לייכט צו פאַרשטיין שלמה-לען, צו באַנעמען זיינע געדאַנקען און געפילן. זי האָט אים שטענדיק פאַרשטאַנען מער מיט איר אינטואיציע ווי מיט איר שכל. אויך איצטער האָט זי פון אַט די קורצע ווערטער זיינע אַרויסגעפילט דעם גרויסן יידישן וויטיק, וואָס נעמט אַרום אַ יידישן קינסטלער, באַם אָנבליק פון דער אייגענער יידישער אָרעמקייט. אָבער זי האָט דאָך געוואָלט פאַר אים פאַרענטפערן אַט דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן געזען און זי האָט שטיל אַ מורמל געטאָן:

— זיי זענען דאָך אָרעמע מענטשן, די יידישע אַקטיאָרן, און זיי דאַרפן מאַכן אַ לעבן. מיר דאַרפן דאָך דאָס פאַרשטיין, מיר זענען דאָך אַליין אי אַקטיאָרן און אי יידן.

— יאָ, ביסט גערעכט — האָט שלמהלע געענטפערט מיט אַ טיפן זיפץ — דאָס דערמאָנט אונדז טאַקע אַז מיר זענען יידן. אָבער דאָך, וואָס פאַר אַ פּאַראַדאָקס?... אין אַט-דעם לאַנד פון גלייכהייט, ווו עס זענען פאַראַן אפילו יידישע גענעראַלן, ליגט דאָס יידישע טעאַטער און וואַלגערט זיך אין שטויב און אין רויך, צוזאַמען מיט די יידישע אַק-טיאָרן, וועלכע שוין מידע פון זייער אַרומוואַגלען, האָבן זיי זיך דאָ, ווי ציגיינער, אויפגעשטעלט זייערע אָרעמע געצעלטן, אַבי וויטער צו אַר-בעטן אין זייער באַרוף.

סאָניטשקע האָט נישט פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט פון אַט די ווער-טער, און שטענדיק ווען עס געשעט אַזוי קאָרטשעט זי זיך איין און ווערט קליין ווי אַ קינד, וואָס פאַרשטייט נישט געווי וואָס עס קומט פאָר, אָבער עס פאַרשטייט, אַז עס קומט פאָר עפּעס אומעטיקס און טרויעריקס. זי זעט בלויז ווי שלמהלעס געדאַנקען זענען פאַרטראָגן ערגעץ ווייט, זיינע אויגן פאַרזשמורען זיך און זיין שטים ווערט מע-לאַנכאָליש און שטיל. זי באַדויערט אין אַזעלכע פאַלן, פאַרוואָס זי לייענט נישט קיין ביכער, ווי שלמהלע, און זי קאָן אים דעריבער נישט פאַרשטיין. ווען שלמהלע הויבט אָן רעדן אַזויאַרום אין האָטעל-צימער, אין די אָפּגעשלאָסענע פיר ווענט, דעמאָלט טוליעט זי זיך איין אין אים, ווי זי וואָלט געוואָלט אַריין אין זיין נשמה אַריין און באַרואיקן מיט איר צערטלעכקייט זיין אויפגעבראַוזט געמיט, אָבער איצטער זיצן זיי אין אַן עפנטלעכן לאָקאַל און סאָניטשקע קאָן דאָס נישט טאָן. זיצט זי בלויז אַנטקעגן אים, שלינגט זיינע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער ווען קונסט,

וועגן יידישן טעאַטער, וועגן גורל פון יידישן אַקטיאָר, און זי פּילט בלויז ווי עס טוט איר ווי דער אומעט אין זיין מעלאַנכאָלישער שטים.

דער קעלנער האָט זיי צוגעברענגט דעם מאַלצייט, וואָס זיי האָבן באַשטעלט. דאָס האָט זיי אַרויסגעריסן פון דער אומהיימלעכער שטי־מונג זייערער און דערמאָנט אַז זיי זענען הונגעריק.

ווען דער לעצטער פּאַרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט האָט שלמה־לע אַ זאָג געטאָן:

— קום, סאַניטשקע, וועלן מיר אַריינגיין און באַקענען זיך מיט חברים.

שלמהלע האָט צוגערופן דעם „אָבער־קעלנער", באַצאָלט אים פאַרן מאַלצייט און געבעטן ער זאָל אים אָנווייזן, ווי אַזוי מען קאָן אַריינבאַ־קומען זיך צו די אַרטיסטן.

באַלד באַם עפענען די טיר פון דער גאַרדעראָבע האָט זיי געטראָפן אַן אָנגענעמע אַנטוישונג: אַנשטאָט צו טרעפן דערשלאָגענע „וואָגלער", האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט אַ שטראָם פון פרייליכן באַהעמישן געלעכ־טער וואָס האָט אָפּגעהילכט אין אַלע ווינקעלעך. דאָס האָט דער אַלטער אַרטיסט רייזמאַן, וועלכער איז געווען באַוווּסט אַלס אַ לץ, אָפּגעטאָן עפּעס אַ שפּיצל דער דיקער אַקטריסע, וואָס איז אויפגעטראָטן די לעצ־טע, און אַליין האָט ער זיך באַהאַלטן. די געטראָפענע פּונעם שטיפערס „חכמה" לויפט אַרום און זוכט אים, און חברה אַקטיאָרן לאַכן מיט גרויס הנאה.

משה זיגלער, דער אָנפירער פונעם טעאַטער, אַ שיינער, הויכער הדרת־פּנימדיקער מאַן, האָט דער ערשטער באַמערקט די פרעמדע מענ־טשן. ער איז צוגעקומען און געפרעגט מיט וואָס ער קאָן זיי דינען.

—מיר זענען אַריינגעקומען באַקענען זיך מיט אייך — האָט שלמה־לע געזאָגט מיט פשטות — מיר זענען אויך אַרטיסטן. מיין נאָמען איז טאָמאַסאָוו — האָט שלמהלע זיך פאַרגעשטעלט.

— טאָמאַסאָוו? — האָט זיגלער איבערגעפרעגט — דער זעלבער וואָס האָט לעצטנס געשפּילט אין לעמבערג? איאָ? מיר האָבן געהערט פון אייך. געהאַט פיינע גרוסן. היי! אַקטיאָרטשיקעס! קומט אַהער באַ־קענען זיך מיט אַ גאַסט.

שלמהלע מיט סאָניען זענען באַלד אַרומגערינגלט געוואָרן פון דער חברה. אַלע האָבן געשטרעקט הענט, און יעדער האָט אויף זיין אופן גע־זאָגט עפּעס אַ שמייכלענדיק וואָרט, געוויצלט זיך און געחכמהט באַם באַקענען זיך מיט די נייע חברים. דער גאַרדעראָב איז פאַרפלייצט גע־וואָרן פון געלעכטערס און פון הפקרדיקן הומאָר.

דער אַלטער רייזמאַן האָט אין זיין באַהעלטעניש דערהערט אַז עס זענען געקומען חשובע געסט אין טעאַטער. אַ זיכערער, אַז בײַ דער „קאַמישער סטאַרוכע” איז שוין אָפּגעקילט געוואָרן דער כעס, איז ער אויך צוגעקומען אָפּגעבן שלום טאָמאַסאָוון.

— דאָס איז אונדזער אַלטער לץ — האָט אים זיגלער פאָרגעשטעלט — איינער פון אונדזערע בעסטע אַקטיאָרן.

— מיר האָבן געהערט פון אייך — האָט שלמהלע געזאָגט — אָט דאָס איז מיין פרוי — האָט ער פאָרגעשטעלט סאָניען פאַר רייזמאַנען.

— אַ ליכטיק פּאָרעלע — האָט רייזמאַן אַ זאָג געטאָן — אויב איר קאָנט נאָר אַזוי שיין שפּילן טעאַטער ווי שיין איר זעט ביידע אויס, וואָלט איך אייך נאָך מער מקנא געווען...

אַלע אַרומיקע האָבן ווידער הילכיק גענומען לאַכן.

— פון אָט דעם אַלטן לץ זאָלט איר זיך נישט באַליידיקן — האָט זיגלער געזאָגט — בײַ אונדז עקזיסטירט שוין פון לאַנג אַ באַשלוס נישט צו נעמען אים בכלל אין אַכט.

דער אַלגעמיינער געלעכטער און טומל זענען געוואַקסן און סאָניטשקעס קינדיש געלעכטערל האָט זיך אויסגעמישט מיטן אַרומיקן געפּילדער. שלמהלע האָט געקוקט אויף איר און פאַרגעסנדיק וועגן זיין פריערדיקן אומעט, האָט ער זיך אויך הילכיק און האַרציק צעלאַכט.

38. — משה זיגלער וויל אנגאזשירן שלמהלען

ווען דער טומל האָט זיך אַ ביסעלע איינגעשטילט, האָט משה זיגלער, וועלכער האָט געמאַכט אויפן פּאַרפּאָלק אַן איינדרוק פון אַן ערנסטן און קלוגן מענטש, זיי ביידן אַוועקגערופן אַן אַ זייט:

— אפשר קאָנט איר מיר פאַרשאַפן דאָס פאַרגעניגן און מיט מיר צוגיין אַנטקעגן אין קאַפע-הויז? — האָט ער זיי איינגעלאַדן.

זיי זענען אַלע דריי אַרויס פונעם רויכיקן סאַלאָן אויף דער גאַס. עס איז שוין געווען צוויי אַזייגער באַנאַכט, נאָר אינעם „געמיטלעכן ווין" האָט ערשט דאַן זיך אָנגעהויבן דאָס לעבן. די „פּראַטער-שטראַסע" האָט אויסגעזען ווי אין מיטן העלן טאָג. סאָניע האָט זיך איינגעקוקט אין אָט-דער „באַטאַגיקער נאַכט" און געגאַפט פון דער גלעטנדיקער רואיקייט פונעם ווינער נאַכט-לעבן.

זיגלער האָט געשטעלט קאַפע פאַר אַלע דריי און איז גלייך צוגעטראָטן צום ענין.

— איך וויל אייך פאַרלייגן אויפצוטרעטן אין אונדזער טעאַטער — האָט ער אַ זאָג געטאָן אָן שום הקדמות.

שלמהלע האָט געמאַכט אַ מאָדנע אומצופרידענע מינע, אָבער איידער ער האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט אים זיגלער גלייך איבערגעשלאָגן די רייד.

— איך ווייס וועגן וואָס איר ווילט ריידן, אָבער איידער איר וועט מיר מאַכן אַ באַמערקונג וועגן דעם שפּילן באַ טישן, צי וועגן אַנדערע שלעכטע באַדינגונגען אין וועלכע מיר אַרבעטן, וויל איך אייך עפּעס אויפקלערן. איך מיין אַז עס איז נישטאָ פאַראַן אַזאַ אַקטיאָר, וואָס זאָל נישט וועלן שפּילן שיין טעאַטער, אָבער דערווייל איז דאָס דער איינציקער פּלאַץ אין ווין, וווּ יידישע אַקטיאָרן קאָנען מאַכן אַ לעבן. אגב, וויל איך אייך זאָגן, אַז מאַטעריעל קאָנען מיר זיך נישט באַקלאָגן. און וואָס טוט דען נישט אַ ייד צוליב פּרנסה? נו, האָבן מיר געמוזט שלום מאַכן מיט אונדזער גורל.

שלמהלע איז געזעסן און איינגעהערט זיך אין אָט די ווערטער מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן. ווען זיגלער האָט געענדיקט רעדן, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— אויב איר זענט דאָ מאַטעריעל באַפרידיקט, טאָ צו וואָס דאַרפט איר אונדזערע אויפטריטן? עס איז טאַקע אמת, אַז מיר ווילט זיך אויפטרעטן אין ווין. אין מיין פּראָגראַם וואָס איך האָב זיך פאָרגענומען, אומפאָרן די וועלט און שפּילן אומעטום טעאַטער, איז פאַראַן אויך די שטאָט ווין, אָבער פאַרשטייט, הער זיגלער, מיר ווילן אייך נישט ווי טאָן, מיר זענען יונגע מענטשן, מיר הויבן ערשט אָן צו קלעטערן אַרויף... טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר גיין בארג אַראָפּ?... זעט איר, ווען עס זאָל זיך האַנדלען וועגן אַרויסהעלפן חברים, וואָלט איך עס געטאָן, אָבער איר אַליין זאָגט דאָך, אַז מאַטעריעל זענט איר באַפרידיקט, איז — דערלויבט אונדז בעסער בלויז אָנצוקוקן די שיינע שטאָט ווין, און באַפרייט אונדז פון אויפטרעטן...

אָבער משה זיגלער איז געווען אַן אַלטער „פּאַכמאַן”, און ער האָט גוט געקאָנט די שוואַכקייטן פון אַקטיאָרן. ער האָט געוואוסט אַז אַן אַקטיאָר וויל יאָ שפּילן, בפרט ווען ער ווייסט אַז ער וועט באַגעגענען אַ פרישע אוידיטאָריע. נאָך גרעסער ווערט דער דראַנגביים אַקטיאָר צום שפּילן, ווען ער ווייסט אַז ער וועט זיך באַווייזן פאַר נייע חברים-אַקטיאָרן, און דאָס איז אפשר נאָך וויכטיקער פאַר אים ווי דאָס פּובליקום. „ער וועט שוין בעסער ווערן” — האָט זיגלער דעריבער אַ טראַכט געטאָן קוקנדיק מיט אַ שמייכל אויף שלמהלען, און ער האָט ווידעראַמאָל אָנגעהויבן רעדן:

— דאָס אַלץ וואָס איר זאָגט איז פאַר מיר קיין נייעס נישט. איך פאַרשטיי — איר זענט יונגע אינטעליגענטע אַקטיאָרן מיט אידעאַלן. איר ווילט בעסער טעאַטער, איר ווילט פליען אין די הימלען... דאָס אַלץ איז זייער פיין ווען מ'קאָן עס באַווייזן... אָבער ניט שטענדיק קאָן מען זיך בריהן. איר זענט נאָך יונג, נאָך ניט געפּאַקט און ניט געמאָזלט... אָבער מיר, וועלכע האָבן שוין געוואַנדערט צופוס און געטאַנצט אויף אַ טיש, מיר באַנעמען די זאַכן אַנדערש... מיר זענען שטאַלץ מיט אונדזער דורכגעמאַכטן וועג, אפילו אויב ס'איז אונדז אויסגעקומען צו שפּילן אין די ערגסטע באַדינגונגען... אונדז איז שוין גאָרנישט „סטראַשנע”, אונדז וועט שוין גאָרנישט אָפּשרעקן... וואָס פאַר אַ זינד וואָלט איר דאָס באַגאַנגען, ווען איר וועט יאָ באַ אונדז אויפטרעטן? פאַרקערט, איר וועט נאָך האָבן מיט וואָס זיך צו באַרימען...

ער איז שטיל געוואָרן אַ ווײַלע און באַלד ווידער אָנגעהויבן רעדן:

— אפשר וועלן נאָך קומען אַמאָל בעסערע צייטן אויך, אָבער דערווייל ליידט דאָס גאַנצע יידישע טעאַטער אין גלות, צוזאַמען מיטן גאַנצן יידישן פאָלק... מיר מוזן שלום-מאַכן דערווייל מיט אונדזער לאַנגן

וואַנדער־וועג, און זיך צופּאַסן צו די אומשטענדן. וואָס זאָגט איר, מאַ־דאַם טאַמאַסאָוו?

סאַניטשקע איז די גאַנצע צייט געזעסן און געקוקט זיגלערן אין מויל אַריין, זי איז געווען צוזאַמענגעקאַרטשעט געניי אַזוי ווי זי טוט דאָס שטענדיק, ווען שלמהלע הויבט אָן צו שיטן מיט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. אין אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן מאָדנע גלענצלעך.

— וואָס קאָן איך זאָגן, הער זיגלער — האָט זי זיך שטיל אָנגערופן — איך פון מיין זייט וואָלט געווען צופרידן צו שפּילן מיט אייך, איך מיין, אַז דאָס וואָלט אונדז חלילה גאָרנישט געשאַדט.

— בראַוואָ! — האָט זיגלער אויסגעשריגן — אָט דאָס הייסט אַר־טיסטיש בלוט. וואָס הייסט אָוועקפאָרן פון אַ שטאָט ווין און נישט האָבן אויפגעטראָטן קיין איין מאָל אפילו?

שלמהלע האָט זיך שטאַרק צעלאַכט פון זיין נאַיווער סאַניטשקע און אויף אים קוקנדיק האָבן שוין זיגלער און סאָניע אויך זיך צעלאַכט.

— וואָסזשע זאָגט איר, הער טאַמאַסאָוו — האָט זיגלער געפרעגט נאָך אַ ווײַלע.

— איך זאָג שוין גאָרנישט — האָט שלמהלע, נאָך אַלץ לאַכנדיק געענטפערט — איך פאַרלאָז זיך שוין אויף מיין פאַרטנערשע.

באַם אַרויסגיין פון קאַפע־הויז, האָט שלמהלע אַ פרעג געטאָן בײַ זיגלערן:

— קאָן מען נישט עפּעס טאָן דערצו, אַז די בינע זאָל נישט אויס־זען אַזוי אָרעם? מיר ווילט זיך, צום בײַשפּיל, אויפפירן דאָ אונדזער אָפּע־רעטע „בת־ירושלים“. וואָלט מען נישט געקאָנט בכלל לייגן מער גע־וויכט אויף דער אויסשטאַטונג?

— איך וועל טאָן דאָס בעסטע וואָס איך וועל נאָר קענען — האָט זיגלער געענטפערט אין אַן אַנטשלאָסענעם טאָן — אָבער איך וויל אויך אַז איר זאָלט פאַרשטיין פאַרוואָס מיר מוזן שפּילן אַזאַ טעאַטער ווי מיר שפּילן. איר פאַרשטייט, דער סאַלאָן באַקומט אַ דערלויבעניש צו שפּילן בלויז וואַריעטע־טעאַטער, און דעריבער מוזן מיר פאַרן אָנהויבן די פּיע־סע אַרויפשיקן איינעם זינגען אַ קופּלעט. דערפאַר אָויך זענען מיר אַזוי שטאַרק באַשרענקט מיט אויסשטאַטונגען.

ערשט איצטער האָט שלמהלע צעקייט דעם ענין. ער האָט פאַר־שטאַנען אַז די הויפּט־שולדיקע אין אָט דעם אַלעם זענען געווען די עסט־רײַכישע יידן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט אין „זייער“ הויפּטשטאָט ווין קיין יידיש טעאַטער.

39. — שלמהלע מאַכט שלום מיטן וואַריעטע־טעאַטער

שלמהלע האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט אימפעט אין דער אַרבעט. ער האָט אָנגעהויבן צוגרייטן זיין ערשטן דעבוט אין ווין — די אָפערעטע „בת־ירושלים”. ער האָט געבעטן זיגלערן, אַז ער זאָל אים אַרויסהעלפן אין דער רעזשי. ער האָט עס געטאָן פשוט דערפאַר ווייל איינזעענדיק אַז די טרופע באַשטייט, קיין עין־הרע, פון בלויז עלטערע מענטשן, האָט ער נישט געוואָלט אַז ער, שלמהלע, דער יונגסטער פון זיי אַלעמען, זאָל גאָר ווערן זייער רבי. זיגלער האָט אים אויך געמוזט צוזאָגן אַז ער וועט פאַרשאַפן כאָטש איין שיינע דעקאָראַציע — אַ גאָרטן, אָבער בייטן די דאָזיקע דעקאָראַציע וועט מען נישט קאָנען, ווייל די פאָרשריפטן פאַרן סאַלאָן, וואָס איז באַשטימט בלויז פאַר וואַריעטע, דערלויבן דאָס נישט.

די מיטגלידער פון דער טרופע, נישט קוקנדיק אויף זייער עלטער, האָבן זיך אונטערגעוואָרפן דער דיסציפלין פון די פראָבן וואָס שלמהלע האָט איינגעפירט. זיי האָבן אָנגענומען זיינע אָנווייזונגען און געהאָרכזאַם און מיט דרך־ארץ אויסגעפאָלגט אַלץ וואָס ער האָט פון זיי געפאָדערט. זיי האָבן דערפילט שלמהלעס ערנסטע באַציאונג צו טעאַטער און אויפריכטיק געוואָלט אים צופרידנשטעלן אויף וויפל עס וועט נאָר זיין אין זייערע מעגלעכקייטן.

אַ גאַנצן טאָג פלעגט שלמהלע אַרבעטן מיט זיינע חברים באַם צוגרייטן די פרעמיערע, און אין אָוונט פלעגט ער אַוועקגיין אַלעמאָל אין אַן אַנדער דייטשן טעאַטער צוזאַמען מיט סאָניען. ער פלעגט צוריקומען פון די דייטשע פאָרשטעלונגען אין דער „שטעפאַניע” און טיילן זיך מיט די חברים מיט זיינע איינדרוקן. ער איז געגאַנגען זען דאָס דייטשע „פאָלקס־טעאַטער” ווו עס האָבן געשפילט די בעסטע קינסטלער פון יענער צייט, ער איז געווען אין דער „האָף־אָפעראַ” און געהערט די באַרימטסטע זינגער. עס איז נישט געווען קיין איין בעסער טעאַטער אין ווין, וועלכעס ער זאָל נישט האָבן באַזוכט. אָבער נאָך יעדן קינסטלערישן ספעקטאַקל פלעגט ער עפענען די טיר פון דער „שטעפאַניע” און דער רויך מיטן געפילדער פלעגן אים אַ שלאָג טאָן גלייך אין פנים און אויף דער אָרעמער בינע זענען געשטאַנען איינער אָדער צוויי שוישפי־

לער און זינגען עפּעס. דער פאַרגלייך פון אַט דעם פאַרוויכערטן סאַלאָן מיט די פּרעכטיקע זאַלן פון די דייטשע טעאַטערס פלעגט אים אַריינ־ברענגען אין אַ דערדריקנדיקער שטימונג. ער פלעגט דאַן שטיין בלייבן באַם אַריינגאַנג און קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, שטיל שעפּטשען צו סאָניען:

— זעסטו, טייערע, ווי באַלד באַם אַריינקומען אַהער, אין דער „שטעפּאַניע", פּטרן מיר גלייך דעם געשמאַק פון דעם, וואָס מיר האָבן אַקאָרשט געזען...

מיט אייליקע טריט פלעגט ער דאַן דורכשפּאַנען דעם טומלדיקן זאַל און אַריין גלייך אין גאַרדעראָב צו די חברים אַקטיאָרן און אויסוויקלען פאַר זיי די בילדער און איינדרוקן פון דייטשן טעאַטער. זיי אַליין, די אַקטיאָרן פון דער „שטעפּאַניע", האָבן קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט צו גיין אַהינצו, ווייל דאָס דייטשישע טעאַטער הויבט אָן שפּילן פריער, האָבן זיי דעריבער אויסגעהערט מיט גרוים אינטערעס וואָס די יונגע געסט האָבן זיי דערציילט.

חברה אַקטיאָרן האָבן שטאַרק ליב באַקומען דאָס יונגע פּאָרל פון ערשטן טאָג אָן. מען האָט זיי געפּיעשטשעט און געצערטלט ווי קינדער און צוגעהערט זיך מיט ליבשאַפט צו זייערע רייד. די פרויען פלעגן אַרומרינגלען סאָניען און ממש זי אַרומטראָגן אויף די הענט.

די פּרעמיערע פון דער פּיעסע „בת־ירושלים" איז באַשטימט געוואָרן, ווי געוויינלעך אין אַזאַ פאַל אויף שבת. אויף דער פּיעסע האָבן אַלע אָן אויסנאַם געוואַרט מיט אומגעדולדיקייט. דער עולם פון דער „שטעפּאַניע", די אַקטיאָרן, אָבער אַמערסטן אומגעדולדיק איז געווען שלמהלע אַליין. ער האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער דערזען ווי אַזוי עס וועט אויסזען זיין באַליבטע אויפפירונג אין אַט די אָרעמע באַדינגונגען.

40. — דער דעבוט אין ווין

צו דער פייערלעכער פרעמיערע, וואָס איז פאָרגעקומען שבת אין אוונט, האָט זיך די טרופּע צוגעגרייט מיט זייער גרויס פלייסיקייט. אַ גאַנצע וואָך זענען געגאַנגען אַנאָנסן אין די דייטשיש-יידישע צייטונגען, ווי אויך אין די עטלעכע יידישע וואָכנבלעטער, וועלכע האָבן צו יענער צייט עקזיסטירט אין ווין. די פּראָפּאַגאַנדע האָט געגעבן דעם געהעריקן רעזולטאַט — דער עולם האָט געשטראָמט צו דער „שטעפּאַניע" מער ווי תמיד.

די שטימונג אין זאַל איז אויך געווען אַ מער יום-טובדיקע ווי געווינלעך. מען האָט מיט אומגעדולדיקייט געוואַרט אויף דער פּיעסע. דאָך האָט די דירעקציע זיך געמוזט רעכענען מיט די פאַרשריפטן, און אַלס ערשטער נומער האָט געזאָלט גיין אַ סאָלאָ-געזאַנג. אין אָט דעם נומער איז אויפגעטרעטן דער אַקטיאָר אברהם וויינגאָלד, אַ שוואַרץ-חנעוודיקער יונגערמאַן, אַ גר. ביז צו זיין מגייר-זיין זיך איז ער געווען אַ רומענער. אָבער זיין אויסערלעכקייט האָט מיט גאָרנישט פאַראַטן זיין נישט-יידישן אָפּשטאַם. ער האָט געזונגען אַ „חזנישס" — קוואַרטינס — „השכיבנו" — וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט פון אַ גראַמאָפאָן-פּלאַסטינקע. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז וויינגאָלד, דער האַלב-ציינער און האַלב-רומענער, האָט געקאָנט יידיש בעסער ווי געוויסע יידישע אַקטיאָרן. זיין אויפטריט האָט אַריינגעבראַכט נאָך מער יום-טובדיקייט אין דער אַטמאָספערע פון דערוואַרטונג וואָס האָט געהערשט אין זאַל. זיין חנעוודיקע געשטאַלט, די ליכטיקע בינע, די נייע דעקאָראַציעס, דער „השכיבנו", וואָס ער האָט דערלאַנגט מיט זיין לירישער טענאָר-שטימע — דאָס אַלץ האָט זייער גינסטיק געווירקט אויף די צושויער, וועלכע האָבן זיך היינט געגרייט צו דערזען עפּעס אַנדערש ווי שטענדיק.

בשעת וויינגאָלד האָט נאָך געהאַלטן אין זינגען, זענען שוין געשטאַנען הינטער די קוליסן, גרייט צום אויפטריט די גאַנצע טרופּע מיט שלמהלען און סאָניען בראש. אַלעמענס הערצער האָבן געקלאַפּט מיט דעם זעלבן פאַרלאַנג: צו ווייזן דעם ווינער פּובליקום אַז ביי דער מיטאָר-

בעט פון אַלעמען וואָס ווילן דאָס, קאָן מען אויך אין דער „שטעפּאַניע״ דערלאַנגען אמתע קונסט.

דער דאַזיקער ציל איז דערגרייכט געוואָרן. די ווינער יאהודים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אגב געפונען פופּציק פּראָצענט גאַליציאַנער, האָבן שפּעטער מודה געווען, אַז זיי האָבן אין ווינער יידישן טעאַטער ביז איצט אַזאַ ציכטיקע און גאַנצע פאָרשטעלונג נישט געזען. די דאָזיקע באַציאונג האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן במשך דער פאָרשטעלונג גופא. דער עולם איז געזעסן מיט מער דרך־ארץ, כמעט ווי אין אַן „אמתדיקן טעאַטער״. זיי האָבן אַפילו נישט געפייפט אַזויפיל מיט די סיפּאָנעס ווי זיי פלעגן דאָס געוויינלעך טאָן. זיי האָבן זיך אַפילו טיילווייז אויך אָפּ־געהאַלטן פון רויכערן. איינער האָט אַכטונג געגעבן אויפן צווייטן — אויב עמעצער האָט געגעבן אַ שטאַרקערן דרוק אויפן סיפּאָן־צינגעלע, האָט אים באַלד זיין שכן אויפמערקזאַם געמאַכט, ער זאָל דאָס נישט טאָן.

שלמהלע מיט סאָניען האָבן גאָר שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. יעדעס מאָל ביי זייער אַרויסקומען איז אויפן זאַל געוואָרן שטיל ווי אין אַן אויער. די צושויער האָבן מיט דעם ספּעציעלן חוש פון אַן אוידיטאָ־ריע, וועלכע ווייסט ווי אונטערצושיידן קונסט פון שונד, גלייך דערפילט אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ קינסטלער־פּאָרל וואָס איז געקומען צו דער יידישער בינע מיט אמתדיקן ענטוזיאַזם. די באַציאונג צו זיי איז דעריבער אויך געווען אַ גאַנץ אַנדערע ווי צו דער שטענדיקער טרופּע פון דער „שטעפּאַניע״. מען האָט באַוווּנדערט זייער נאַטירלעכן און קינסט־לערישן צוגאַנג ביים אינטערפּרעטירן די ראָלן. מען איז געווען אַנטציקט פון זייער געזאַנג, און זייערע יוגנטלעך־בויגעוודיקע געשטאַלטן האָבן מיט זייער חנעוודיקייט צוגעשמידט אַלעמענס אויגן. ווען די פאָרשטע־לונג האָט זיך געענדיקט האָט דער זאַל נאָך לאַנג גערוישט פון די היל־כיקע אַפּלאָדיסמענטן, מיט וועלכע דער עולם פון דער „שטעפּאַניע״ האָט באַדאַנקט די קינסטלער־געסט פאַר דעם גרויסן נחת־רוח, וואָס מען האָט אים פאַרשאַפט.

צום שלום איז אַרויסגעקומען פאַרן פאָרהאַנג זיגלער. ער האָט גע־האַלטן אַ קורצע אימפּראָוויזירט־רעדע, אין וועלכער ער האָט גאָר שטאַרק געלויבט די „וווּנדער־קינדער״ ווי אַלע אין דער טרופּע האָבן גערופן שלמהלען מיט סאָניען. דעם נאָמען האָט מען זיי געגעבן צוליב דעם, וואָס די ווינער טרופּע איז מערסטנטייל באַשטאַנען פון עלטערע אַקטיאָרן, אַנטקעגן וועלכע די געסט האָבן טאַקע אויסגעזען ווי קינדער.

— ס׳איז מיר זייער שווער אָנגעקומען צו פאַרהאַלטן אונדזערע קינסטלער־געסט אויף גאַסטראָלן. זיי האָבן נישט געוואָלט אויפטרעטן

אין א סאלאן ווו מען רויכערט און מען עסט. מיר האבן פון אונדזער זייט געטאן אלץ בכדי זיי צו באוועגן אז זיי זאלן דא בלייבן א שטיקל צייט. איצטער ווענדעט עס זיך אן אייך, ליבע פריינט, אז איר זאלט אונדז העלפן אין אונדזער אויפגאבע פון דערהויבן אין ווין דעם מצב פון יידישן טעאטער בכלל, און נישט נאר פון אונדזער טרופע. חשובער עולם, מירווארפן דעם געדאנק, אז אין ווין מוז ווערן אויסגעבויט פארן יידישן טעאטער אן אייגענע געביידע...

א גרויסער אפלאוז האט איבערגעריסן זיגלערס רייד. מען האט גע־פאטשט בראווא, און געמאכט ענטוזיאסטישע אויסגעשרייען לכבוד דעם יידישן טעאטער, לכבוד דער „שטעפאניע״־טרופע, וואס מאטערט זיך אין אזעלכע באדינגונגען, און לכבוד די געהויבענע געסט. עס האט זיך געקאנט אויסדוכטן, אז באלאדן מיט אזא ענטוזיאזם, שטעלט מען זיך שוין מארגן, בויען אן אייגענעם טעאטער־בנין.

שפעטער זענען אלע מיטגלידער פון דער טרופע געקומען באגריסן דאס פארפאלק און מיט זיי זיך הארציק געקושט, און זיגלער האט גע־מאלדן די געסט און דער גאנצער טרופע אז לכבוד דעם היינטיקן דעבוט האט ער באשטעלט א טיש, טאקע אין דער זעלביקער „שטעפאניע״, און מען וועט פראווען א היימיש שמחהלע.

חברה אקטיארן האבן זיך ארומגעזעצט אין א יום־טובדיקער שטי־מונג, געטרונקען לחיים, געהאלטן רעדעס, און געלאזט זיך ווילגיין. דער אלטער רייזמאן האט געשיט מיט וויצן ווי פון ארבל ארויס. ער איז צו־געקומען צו שלמהלען און אים פארגעלייגט זיין חברישע מיטארבעט.

— אויב ס'וועט דיר שווער זיין צו שפילן יעדן טאג דעם פאסטוכל — האט ער אים געמאלדן אין אן ערנסטן טאן — בין איך מוכן ומזומן ארויסצווייזן א חברלעכן זשעסט און דיך פארטרעטן.

חברה האבן אויפגענומען אט דעם נייעם „נומער״ רייזמאנס מיט א הילכיקן געלעכטער, פון וועלכן עס האבן אזש געציטערט די ווענט פון דער „שטעפאניע״.

שלמהלע מיט סאניען זענען געווען אין זיבעטן הימל. עס האט זיך זיי גארנישט געגלוסט אוועקצוגיין פונדאנען, און די חברלעכע מסיבה האט זיך פארצויגן ביז פארטאג.

41. — די געזעגענונג מיט ווין

א גאנצן חודש האָט שלמהלע מיט סאָניען געשפּילט אין ווין. פון א וויץ וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף דער פּרעמיערע, האָט זיך שפּעטער געשאַפן א טיטול, וועלכן מען האָט אויסגענוצט פאַר רעקלאַמע — מען האָט זיי איצטער אין אַלע אַנאָנסן און רעצענזיעס גערופן נישט אַנדערש ווי די „וווּנדער-קינדער". די אַקטיאָרן פון דער „שטעפּאַניע" האָבן געגרינדעט א קאָאָפּעראַטיוו, און געטיילט זיך ערלעך מיט די פאַרדינסטן פון די אויפטריטן, וועלכע זענען געווען איצטער גאַנץ נישקשהדיקע.

אָבער שלמהלע האָט געטראַכט וועגן זיין גרויסן פּלאַן פון א טור איבער דער וועלט. זיין פּראָגראַם איז געווען: פּאַריז - לאָנדאָן און שפּעטער ניו-יאָרק. ער האָט אָנגעהויבן גרייטן זיך צו דער וויטערדיקער רייזע.

די לעצטע פאָרשטעלונג אין דער „שטעפּאַניע" האָט זיך דערנענטערט מיט שנעלע טריט. דער ספּעקטאַקל, וועלכער איז געווען געווידמעט די אַוועקפאָרנדיקע קינסטלער האָט געטראָגן אַן אויסערסט געהויבענעם און פייערלעכן כאַראַקטער, און איז באַשטאַנען פון א געמישטן פּראָגראַם, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט אַמבעסטן צו דער סביבה פון דער „שטעפּאַניע". אַלע אויפטרעטנדיקע אַקטיאָרן האָבן זיך אָנגעטאָן דאָס בעסטע וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. די מענער אין פראַק, און די דאַמען אין אָוונט-קליידער. דער גאַנצער זאַל האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אמתן יום-טוב.

נאָכן אויפטריט איז פאַרגעקומען א פייערלעכער געזעגענונגס-באַנקעט בלויז פאַר די שוישפּילער, און די ווינער טרופּע האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט זייערע געסט און געוווּנטשן זיי דערפאָלג אין זייער ווייַטערדיקן קינסטלערישן וועג. די אַלטע ווינער אַקטיאָרן האָבן מיט ליבשאַפט און פאַרערונג געקוקט אויפן קינסטלער-פּאָרל, אויף די „וווּנדערקינדער" וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט קיין ווין, אויף די טייערע סאַלאָמאָן און סאָניע טאָמאַסאָוו.

42. — פאריז

די אַנטוישונג וואָס שלמהלע האָט איבערגעלעבט אין ווין, צוזעענ־דיק ווי מען שפּילט יידיש טעאַטער אין אַ זאַל וווּ מען עסט און מען רוי־כערט, איז געוועזן גאָר קליין אין פאַרגלייך צו דעם וואָס ער האָט דער־פאַרן אין פאַריז, ווען ער האָט דערזען אין וואָס פאַר אַ מצב עס געפינט זיך דאָרט זיין באַרוף. עס האָט זיך אים גאָרנישט געוואָלט גלויבן אַז דאָס אַלץ איז אמת, הגם ער האָט עס צוגעזען מיט זיינע אייגענע אויגן. ער האָט עס נישט געקאָנט באַנעמען אַז אין פאַריז, אין אָט דער קולטור־רעלסטער שטאָט פון דער וועלט, וועלכע צייכנט זיך אויס אויף יעדן געביט פון קונסט, וועלכע איז באַרימט מיט דעם הויכן ניוואָ פון איר טעאַטער־וועזן, אין אָט דער שטאָט וווּ עס געפינט זיך די „פאַריזער קאַ־מעדיע" וואָס איז די איינציקע פון דעם מין אין דער וועלט, אין אָט דער זעלבער שטאָט האָט דאָס יידישע טעאַטער זיך געוואַלגערט אין מיסט, אין אַזאַ צושטאַנד, אַז אים, שלמהלען, איז ממש געווען שווער צו געפי־נען די ווערטער אויף צו באַצייכענען דאָס אַלעס.

באַלד דעם ערשטן אָוונט נאָך זיין אָנקומען האָט שלמהלע גענומען מיט זיך סאָניען און ער האָט געדונגען אַ געשפּאַן און געהייסן זיך פירן אין יידישן טעאַטער. דער פורמאַן האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדער־טע אויגן — דאָס ערשטע מאָל ווי ער, דער פורמאַן, הערט אַז אַזאַ זאַך עקזיסטירט אין פאַריז. אַ גליק וואָס שלמהלע האָט מיטגענומען מיט זיך פון ווין דעם אַדרעס, און ער האָט געקאָנט אָנווייזן דעם פורמאַן דעם וועג.

ס'איז געווען אַ האַרבסטיקער אויפדערנאַכט מיט אַן אויסגעלאָשע־נעם טריבן הימל. פון ערגעצוווּ האָט געבלאָזן אַ בייסיק ווינטל, וואָס האָט דורכגענומען די ביינער מיט אַ מאָדנער קילקייט. זיי זענען געפאָרן אי־בער עלעגאַנטע גאַסן און בולוואַרן. שרייענדיקע קאָליריקע רעקלאַמעס האָבן געבלענדט די אויגן. מאַסן מענטשן האָבן געשטראָמט אַהין און צוריק. דער פורמאַן האָט זיך ווי פאַרלוירן אינעם געדראַנג פון די אוי־טאָמאָבילן און אָמניבוסן, וועלכע האָבן נישט געהאַט גענוג רוים אויף צו באַוועגן זיך אין אָט דעם גהינום פון גרויסשטאָטישן פאַרקער.

ענדלעך איז דעם פורמאַן געלונגען צו פאַרקירעווען אין אַ זייטיק געסל, ווו ס'איז זיך שוין געפאָרן אַביסל באַקוועמער, ביז ער האָט זיך אין איינעם פון אַט די זייטיקע קרומע געסלעך אָפּגעשטעלט פאַר אַ בנין, וואָס האָט בשום אופן נישט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ טעאַטער־געבײַדע. דאָך איז עס טאַקע געווען דאָ. אין אַ זאַל, וואָס האָט פריער געדינט פאַר חתונות אָדער פאַרזאַמלונגען, האָט זיך איצטער געפונען דאָס יידישע טעאַטער אין פּאַריז. ס'איז דאָרט פאַראַן געווען אַ קליין בינעלע, וואָס האָט פאַרמאָגט אין הינטערגרונט אַן איין און איינציקע דעקאָראַציע וועלכע איז געווען אויסגעמאָלט אויף אַ בלעך. דער אָנפירער פונעם טעאַטער איז געווען משהלע בורשטין, וועלכער האָט איינגעפירט אַן אָריגינעלן סיסטעם פון פאַרשפּרייטן בילעטן — מען איז געגאַנגען מיט די בילעטן אין די יידישע הייזער.

אין אַט דעם טעאַטער הייסט עס איז געקומען שלמהלע און נאָכגעפרעגט זיך אויפן דירעקטאָר, אויף דעם זעלבן משהלע בורשטין טאַקע. מען האָט אים גלייך אַרויסגערופן און שלמהלע האָט דערזען פאַר זיך אַ דאַרן, שוואַרצלעכן מענטשן מיט אַ פּנים וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אויסגענוצטן צעקנייטשטן געלן פאַרמעט. גערעדט האָט ער זייער גיך און יעדעס וואָרט האָט ער איבערגעחזרט צו עטלעכע מאָל. קוקנדיק אויף אים האָט זיך אויסגעדוכט אַז אַט דער מענטש האָט קיינמאָל קיין צייט נישט — ער איז שטענדיק „על רגל אחת"...

דאָס מאָדנע מענטשל האָט אַ שפּיז געטאָן שלמהלען מיט די אויגן און שנעל, שנעל אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ווילט איר? וואָס ווילט איר? וואָס?...

— איך בין אַן אַקטיאָר — האָט שלמהלע געענטפערט — מיין נאָמען איז טאָמאַסאָוו און אַט דאָס איז מיין פרוי.

— אַן אַקטיאָר? אַן אַקטיאָר? — האָט משהלע בורשטין נאָך מער פאַרקנייטשט דאָס פּנים — קיינמאָל נישט געהערט פון אייך... קיינמאָל נישט... — און ער האָט שוין געהאַלטן אַ פוס גרייט צום אַוועקגיין, אָבער שלמהלע האָט אים אָפּגעשטעלט מיט אַ פראַגע:

— נו, און צוויי בילעטן צו קויפן, צו דער פאָרשטעלונג אייערער, קענען מיר באַקומען?

— פאַרוואָס נישט? פאַרוואָס נישט? אַט גיב איך אייך שוין צוויי בילעטן, אַט גלייך גיב איך אייך...

שלמהלע מיט סאָניען האָבן זיך ביידע איבערגעוואָרפן מיט די בליקן און זיך האַרציק צעלאַכט.

— ווי געפעלט דיר דער טיפּ? — האָט שלמהלע אַ פרעג געטאָן באַ סאָניען נאָך בורשטינס אַוועקגיין — דאָס איז עס דער דירעקטאָר פון יידישן טעאַטער...

געשפּילט האָט מען דעם אָוונט זאָלאָטאַרעווסקיס „דער ישיבה־בחור", אָדער „דער יידישער האַמלעט". די טיטל־ראָל האָט געשפּילט דער דירעקטאָר אַליין. אין דער אויפפירונג האָט זיך אויך באַטייליקט זיינע אַ טאָכטער, און נאָך עטלעכע אַקטיאָרן.

דער טונקל־גרויער סאַלאָן האָט מיט זיין בלויזן אויסזען גלייך אָריינ־געוואָרפן די צושויער אין אַ מרה־שחורהדיקער שטימונג. וואָס אמת איז אמת: צו אַט דער פאָרשטעלונג איז די בינע געווען זייער און זייער צו־געפּאַסט — זי איז געווען כמעט שטאָק־פינצטער, און די אַקטיאָרן וואָס האָבן זיך הילפלאָז אַרומגעדרייט אויף די בינע־ברעטער האָבן אויסגעזען ווי רעדנדיקע שאָטנס. משהלע בורשטין האָט געמאָלן די פּראָזע פונעם הויפּט־העלד, געווני אויפן זעלבן אופן ווי ער האָט גערעדט מיט אַ האַל־בער שעה פריער מיט שלמהלען — יעדעם וואָרט האָט ער איבערגעחזרט צו עטלעכע מאָל. אַ גליק נאָך, וואָס ער האָט גערעדט גיך, אַז נישט וואָלט די פאָרשטעלונג געווען געדויערט ביז טאָג. די פיגור זיינע, וואָס איז דווקא יאָ געווען אַ חסידישע, האָט זיך אָבער נישט צוגעפּאַסט צו דער ראָל פון „יידישן האַמלעט", זי האָט גיכער געפּאַסט פאַר דער ראָל פון אַ שמש.

שלמהלען איז נמאס געוואָרן דאָס קוקן אויף דער בינע און ער האָט אָנגעהויבן זיך אומקוקן אויפן פּובליקום. דער עולם אין טעאַטער האָט נישט אויסגעזען צו זיין קיין רייכער. די פאַרזאַמלטע יידן האָבן געמאָכט דעם איינדרוק פון גרינע, וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן אויסצוגרינען; אויף אַזויפיל, אַז זיי זאָלן שוין קאָנען גיין אין פּראָנצוויזישן טעאַטער. דער אופן ווי אַזוי זיי האָבן אויפגענומען די פאָרשטעלונג האָט געוויזן דערויף אַז זיי בענקען נאָך דערוויל צו אַ יידיש וואָרט, אַז זיי האָבן נאָך נישט אָראָפּגעוואָרפן פון זיך זייער היימישע אַלטע יידישלעכקייט, און דעריבער איז אויך דאָס דאָזיקע אומגליקלעכע „טעאַטער" מישטיינס־געזאָגט, אויך אַ דערקוויקעניש פאַר זייערטוועגן.

נאָכן ערשטן אַקט האָט שלמהלע געפּועלט באַ סאָניען אַז זיי זאָלן גלייך פאַרלאָזן דעם טעאַטער־זאַל.

זיי זענען אַהיימגעפאָרן און ביידע געשוויגן די גאַנצע צייט און ערשט אין האָטעל־צימער האָט שלמהלע איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— דו מיינסט אַז עס האָט מיך פאַרדראָסן, וואָס דאָס פאַרשווינדל האָט מיר געגעבן אַזאַ מין אויפנאַמע? — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו סאָ־

ניען און דערביי פאַרזשמורעט זיינע פאַרטראַכטע אויגן ווי ער פלעגט דאָס שטענדיק טאָן ווען ער האָט זיך געפילט געטראָפן פון עפּעס — וואָס קאָן מען דען דערוואַרטן בעסערס פון אַזאַ מין נעבעכדיקן נפשל. איך בין כמעט זיכער, אַז ער אַליין האָט עס אפילו נישט געפילט אַז ער האָט מיך באַליידיקט.. זעסטו, וואָס עס טוט מיר וויי, איז אַן אַנדערע זאַך: עס טוט מיר זייער שטאַרק ווי וואָס שוין צום צווייטן מאָל טרעפן מיר אין אונ־דזער וועג אַזאַ מין טעאַטער. אָבער אין ווין האָבן מיר כאָטש אָנגע־טראָפן אויף מענטשן מיט וועלכע מען קאָן לכל־הפחות רעדן, פון וועלכע מען קאָן עפּעס פאָדערן, יענע זענען דאָך האַרציקע באַהעמען, ליבלעכע ציגיינערלעך, וועלכע מען קאָן ליב באַקומען פון ערשטן אָנבליק אָן... — ער איז שטיל געבליבן און פלוצלינג אויפגעהויבן די אויגן אָנקוקנדיק סאָ־ניען ווי ער וואָלט ביי איר טאַקע געפרעגט צי ער איז גערעכט אין זיין אורטיילן.

—איז וואָס זשע זאָגסטו סאָניטשקע? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט אים אָנטקעגנגעטראָגן די ליפּן, ווי זי וואָלט וועלן דערמיט שטילן זיין פאַרדרוס אויפן הייטיקן אָוונט, און אים אַ קוש געטאָן.

— איך בין צופרידן וואָס מיר וועלן דאָ נישט אויפטרעטן — האָט זי אַ זאָג געטאָן — מיין מאַמע פלעגט שטענדיק זאָגן: „אַז מען לייגט עפּעס צווישן די קלייען — קאָנען עס אַוועקשלעפּן די חזירים”. מיין שלמהלע דאַרף אויפטרעטן אין גרויסע, ליכטיקע און שיינע טעאַטער־זאַלן, און... און איך מיט דיר צוזאַמען. אמת, שלמהלע? — האָט זי קינדיש געפרעגט.

— יאָ, מיין טייערע, שטענדיק צוזאַמען — האָט ער געענטפערט — און איצטער וועלן מיר פאָרן קיין לאָנדאָן. דו ווייסט דאָך מסתמא, שע־פעלע מיינס, אַז לאָנדאָן איז די הויפּטשטאָט פון ענגלאַנד? נו גוט. וועלן מיר פאָרן טאַקע אַהינצו. איך האָב געהערט אַז דאָרטן געפינען זיך גוטע יידישע אַקטיאָרן און אַז עס עקזיסטירט שוין דאָרט זינט לאַנגע יאָרן אַ גוט יידיש טעאַטער, וואָס רופט זיך „דאָס פּאַוועלאָן־טעאַטער”. איך האָב אויך געהערט אַז איצטער גאַסטראָלירט דאָרט דער גרויסער יידישער קינסטלער פון נאָרד־אַמעריקע — יעקב אדלער. דאָ אין פּאַריז וועלן מיר נאָך בלייבן געציילטע טעג, כדי צו קענען באַזוכן עטלעכע פון די גרעס־טע פראַנצויזישע טעאַטערס. פאַרשטייסט, סאָניטשקע, מיר מוזן נאָך לערנען און לערנען, מיר דאַרפן זען אַ סך טעאַטער, און גוט טעאַטער. מיר זענען נאָך יונג און אונדז אינטערעסירט אמתדיקע טעאַטער־קונסט, גרוי־

סע קינסטלער, נייע שטרעמונגען אין דער קונסט... ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס מיר פאַרשטייען נישט קיין פראַנצויזיש.

די גאַנצע צייט, וואָס שלמהלע האָט גערעדט, האָט סאָניטשקע גע־קוקט אויף אים מיט אירע פאַרליבטע, קינדיש־נאַיווע אויגן. זי האָט אפילו נישט באַנומען געננוי אַלעס וואָס ער האָט געזאָגט, אָבער אין אָט די אויגן אירע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט געטריישאַפט און ליבע אָן אַ גרענעץ.

—באַ מיר האָסטו גאַרנישט וואָס צו פרעגן — האָט זי געזאָגט צו אים — דו ביסט דאָך מיין וועגווייזער, מיין פאָטער און מיין מוטער. וווּ־הין דו וועסט גיין, גיי איך מיט דיר, אָן מורא און אָן שרעק, ווייל איך בין זיכער מיט דיר, ווייל איך האָב דיך ליב.

43. — דער וועג קיין לאָנדאָן

שלמהלע מיט סאָניען זענען פאַרבליבן אין פּאַריז אויף גאַנצע אַכט טעג. זיי האָבן באַשלאָסן צו באַזוכן אַלץ וואָס עס לוינט צו זען אין אָט דער וועלט-מעטראָפּאָליע, און בכדי נישט צו פאַרלירן צופיל צייט זענען זיי יעדן טאָג געווען אין אַן אַנדערן מוזעאום, קונסט-אויסשטעלונג, היסטאָרישן פּאַלאַץ — און אין די אָוונטן געגאַנגען אין טעאַטער, און כאָטש זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען די פראַנצויזישע שפּראַך, איז זיי דאָך פאַרבליבן גענוג גייסטיקער געניוס. אַלס באַהאַוונטע טעאַטער-מענטשן איז זיי אָנגעקומען נישט איבעריק שווער זיך פונאַנדערקלייבן אין די פאַרשיידענע זשאַנערס און אופנים פון שפּילן און אינטערפּרעטירן ראָלן, און זיי האָבן גלייך געקאָנט אָפּשאַצן געהעריק אי דעם פאַרנעם פון די אויפטרעטנדיקע קינסטלער און אי דעם ווערט פון ספּעקטאַקל אַלס גאַנצן. זיי האָבן באַזוכט טעאַטער פון אַלע מעגלעכע זשאַנערס — אָפּערע, אָפּערעטע, קלאַסישע און רעאַליסטישע פאַרשטעלונג, קאָמעדיעס און וואָדעווילן; אפילו, און וואָס מער זיי האָבן געזען, אַלץ מער האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן דין-וחשבון פון דער שפּלדיקייט און אָרעמקייט אין וועלכע עס געפינט זיך דאָס יידישע טעאַטער.

אפילו סאָניטשקע האָט איצטער מער אָנגעהויבן צו באַנעמען וואָס אמתער גוטער טעאַטער שטעלט מיט זיך פאָר, און זי פלעגט פרעגן ביי שלמהלען:

— וועלן מיר נאָך זוכה זיין צו שפּילן יידיש טעאַטער אין דעם זעלבן פאַרנעם?

שלמהלע האָט קיינמאָל נישט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז אַזוי וועט עס זיין טאַקע. ער האָט זיך געבייזערט אויף דעם איצטיקן צושטאַנד פון יידישן טעאַטער אָבער די צוקונפט האָט ער שטענדיק געזען אין פרייליכע, ראָזעווע פאַרבן. זיין יוגנטלעכער ענטוזיאַזם האָט קיינמאָל נישט דערלאָזט דעם געדאַנק אַז יידיש טעאַטער וועט שטענדיק בלייבן אויף דעם זעלבן נידעריקן שטאַפּל. אָט דעם אָפּטימיזם זיינעם, אָט די יוגנטלעכע טרוימען און זיכערקייט אין אַ בעסערער צוקונפט פלעגט ער זיך שטענדיק באַמיען איינצופלאַנצן אין דער נשמה פון זיין יונג ווייבל:

— די לאַגע איז גאָר נישט אַזוי טראַגיש ווי דו מיינסט, סאָניטשקע — פלעגט ער זאָגן — איך האָב געהערט זאָגן, אַז אין ניו־יאָרק זענען פֿאַראַן גוטע יידישע טעאַטערס און גרויסע יידישע קינסטלער. עס זענען שוין פֿאַראַן עטלעכע יידישע טעאַטערס וועלכע גייען אויפֿן וועג פֿון פּראָגרעס. איינעם פֿון אָט די גרויסע יידישע קינסטלער וועלן מיר האָבן אַ געלעגנהייט צו זען גאָר אינגיכן. מיר וועלן אינקורצן האָבן די מעגלעכקייט צו קענען דעם גרויסן יעקב אַדלער, וועלכער שפּילט איצטער אין לאָנדאָן.

אַזוי האָבן זיך די צוויי יונגע מענטשן קענגזייטיק געטרייסט און אָנגענומען זיך מיט נייער ענערגיע און מיט פֿרישע האָפֿענונגען. זיי האָבן געזען גענוג שטרויכלונגען און שטערונגען אויף זייער וועג. זיי האָבן נישט פֿאַרמאַכט די אויגן אויף דער טרויעריקערווירקלעכקייט, אָבער דווקא אָט די שטערונגען האָבן זיי צוגעגעבן מוט און עקשנות צו דערגרייכן זייער ציל — אַ שיין און גרויס יידיש טעאַטער, וואָס זאָל זיין אַ טעמפּל פֿון אמתער קונסט.

— די „שטעפּאַניע" איז געווען גוט און ליבלעך — פֿלעגט שלמהלע זאָגן — אָבער לאָמיר זי פֿאַרגעסן. משהלע בורשטינען האָבן מיר נישט געזען, דאַנקען גאָט דערפֿאַר. ס'איז געווען נישט מער ווי אַ חלום... פֿאַר אונדז, סאָניטשקע, עקזיסטירט בלויז איין וועג, דער וועג צו גוט יידיש טעאַטער.

⁂

אויסגערוטע און פֿולע מיט איינדרוקן פֿון די פּאַריזער טעג, אָנגעלאָדענע מיט מוט און פֿולע מיט האָפֿענונגען און דערוואַרטונגען, האָבן זיך שלמהלע מיט סאָניען אַריינגעזעצט אין דער שיף, וואָס האָט זיי געפֿירט קיין לאָנדאָן, ביידן האָבן פֿאַרפֿאָלגט איין געדאַנק, און ביידע האָבן געזען פֿאַר זיך איין ציל — אויספֿאָרן אַ וועלט, זען וואָס מער, אַריינזאַפּן אין זיך דעם וואונדערלעכן טעם פֿון נייע איבערלעבונגען און נייע דערוואַרטונגען, און שפּילן גוט יידיש טעאַטער. עס איז זיי אפֿילו נישט איינגעפֿאַלן קיינמאָל צו טראַכטן וועגן אַן אָפּשטעל, כאָטש ביידע האָבן געוואוסט אַז ערגעץ ווייט, זייער ווייט ליגט אויפֿן האָריזאָנט פֿון זייער וועג דער סוף פֿון דער וואַנדערונג.

דאָס לאָנדאָנער „פּאַוועליאָן טעאַטער" איז צו יענער צייט געווען אָנגעפֿירט פֿון בלומענטאַלן — אַ פּוילישער ייד, וואָס האָט מקריב געווען זיין גאַנץ לעבן פֿאַרן יידישן טעאַטער. זיין פֿרוי איז געווען אַן אַקטריסע

און פון איר טאַקע האָט ער געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות. שוין א פרוי אין די מיטעלע יאָרן, האָט זי זיך געקליבן צו בלייבן אויף שטענדיק יונג און אייביק שפּילן ראָלן פון יונגע מיידלעך. ער האָט איר געמוזט נאָכגעבן אין אַלעס, ווייל אָלס באַלעבאָס פונעם טעאַטער האָט ער גאָר קיינמאָל נישט געקאָנט געפינען קיין תירוץ כדי איר אָפּצוזאָגן צו שפּילן עפּעס א ראָל. דערביי איז ער פון דער נאַטור געווען א „דזשענטלמען" צו אַלע אַקטיאָרן זיינע, הייינט ווי האָט ער געקאָנט זיך אַנדערש באַציען צו זיין אייגענער פרוי...

יעקב אדלער, וועלכער האָט גראָד דעמאָלס גאַסטראָלירט אין לאָנדאָן, איז שוין נישט געווען קיין פנים חדשות אין לאָנדאָנער יידישן טעאַטער. ער איז שוין צום ווייטן מאָל אַראָפּגעקומען אַהינצו אויף גאַסטראָלן. ער איז שוין דעמאָלס געווען כמעט ווי אויף דער עלטער, און ער פלעגט אויפטרעטן אין זיין שטענדיקן רעפּערטואַר — אין די פּיעסן פון יעקב גאָרדין. ספּעציעל האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין „יידישן קעניג ליר" און אין דעם „ווילדן מענטש". דער לאָנדאָנער טעאַטער-עולם האָט אַדלערן פּשוט פאַרגעטערט. בלומענטאַל האָט געמאַכט גאָלדענע געשעפטן יעדעס מאָל ווען אַדלער פלעגט קומען, און אין לאָנדאָן האָט מען צוגעטיילט גרויס כבוד אַדלערן, אי בלומענטאַל אליין, אי דער ברייטער טעאַטער-עולם און אי די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן זיך באַצויגן צו אַדלערן מיט גרויס רעספּעקט.

***

ווען שלמהלע מיט סאָניען זענען אָנגעקומען קיין לאָנדאָן האָט אַדלער גראָד געהאַלטן באַם פאַרענדיקן זיינע גאַסטראָלן און עס זענען שוין געווען אָנאָנסירט די לעצטע פאָרשטעלונגען. זיי האָבן דעם ערשטן אָוונט נאָך זייער אָנקומען, זיך געהייסן פירן אין „פּאַוועליאָן-טעאַטער".

ווענן דעם לאָנדאָנער שטענדיק פאַרנעפּלטן הימל האָט שלמהלע געהערט שוין פון לאַנג, ער האָט אָבער אויך געהערט וועגן דעם, אַז לאָנדאָן איז די גרעסטע שטאָט פון דער וועלט. איצטער האָט ער געהאַט א מעגלעכקייט דאָס אַלעס אָנצוקוקן מיט זיינע אייגענע אויגן. דער פורמאַן האָט זיי געפירט איבער די לאָנדאָנער פאַרנעפּלטע גאַסן, און שלמהלע האָט באַוואונדערט די שרייענדיקע רעקלאַמעס, די רייכע באַלייכטונג פון די גרויסע געשעפטן, די רוישיקע גאַסן, און דאָס אַלץ איז געווען ווי דורכגענומען מיט א פייכטן און צעשוואומענעם נעפּל וועלכער האָט אַריינגעדרונגען ממש אין די ביינער. ער האָט באַשלאָסן בא זיך צו באַ-

זוכן אַלע מערקווירדיקייטן פון אַט דער נייער פּאַר אים און גרויסער שטאָט, אָבער דאָס ערשטע האָט ער געאײלט צום יידישן טעאַטער.

אין טעאַטער האָט ער באַשלאָסן אַריינצוקומען „אינקאָגניטאָ”. ער האָט געקויפט פאַר זיך און פאַר סאָניען צוויי בילעטן און צוגלייך מיט אַלע באַזוכער אַריין אין זאַל. שוין ביים אַריינגאַנג האָט ער דערפילט אַז דאָס טעאַטער האָט אַ באַלעבאָס איבער זיך, אַז עס ווערט געפירט מיט אַ פעסטער האַנט. דער עולם איז געווען יומטובדיק אָנגעטאָן און זיך געפונען אין אַ פייערלעכער שטימונג, אַלע האָבן געאײלט אַריינצוקומען אין טעאַטער־זאַל צו דער אָנגעוויזענער צייט בכדי חלילה נישט צו פאַר־שפּעטיקן. די העפלעכע באַציאונג מצד די טעאַטער־אָנגעשטעלטע, די ערנסטקייט פונעם עולם, דער אָרדענונג אין זאַל — דאָס אַלץ האָט גע־מאַכט אויף שלמהלען דעם בעסטן איינדרוק.

די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן ביי אַ פול־געפּאַקטן, אויס־פאַרקויפטן זאַל. ווען דער פאָרהאַנג איז אַרויף האָט שלמהלע גלייך דערזען, אַז אויך אויף דער בינע הערשט אַ הונדערט פּראָצענטיקע אָר־דענונג. מען האָט געגעבן גאָרדינס פּיעסע „דער ווילדער מענטש”. די אויסשטאַטונג פון דער בינע איז געווען אַ פּערפעקטע, און האָט פול־שטענדיק האַרמאָניזירט מיטן אינהאַלט פון דער פּיעסע. אויף דער בינע האָבן זיך נישט אַרומגעבלאָנקעט קיין שאָטנס, נייערט לעבעדיקע מענ־טשן. אויך די קאָסטיומען זענען געווען אין פולן איינקלאַנג מיט דעם גייסט און כאַראַקטער פון דער פּיעסע. אפילו די ליכט־עפעקטן — די פּיעסע איז געווען פאַרגאָסן פון אַ ים ליכט וואָס האָט אויסגעזען ווי טאָג־ליכט — זענען געווען ערשטקלאַסיק.

שלמהלע און סאָניע, וועלכע זענען אַהערגעקומען מיט דער ביטע־רער דערפאַרונג פון דער „שטעפּאַניע” און פון משהלע בורשטינס טעאַ־טער, וואָס האָט זיי נאָך עד־היום געדריקט אויף דער נשמה, האָבן ערשט איצט לייכט אָפּגעאָטעמט. זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט ברייט אויף זייערע ערטער, גרייטע צו זען אַ גוטע און באמת קינסטלערישע פאָרשטעלונג. מער פון אַלץ האָבן זיי געוואַרט מיט אומגעדולדיקייט אויפן אויפטריט פונעם גרויסן קינסטלער, זיי האָבן שוין וואָס גיכער געוואָלט זען שפּילן יעקב אַדלערן אַליין, כאָטש דער צוזאַמענשטעל פון דער טרופּע אַלס גאַנצע איז אגב געווען זייער אַ גוטער און עס האָבן זיך דאָרט געפונען זייער פיינע אַרטיסטן וועמען עס האָט געלוינט צו זען. יעדער אַקטיאָר איז געווען אויף זיין ריכטיקן פּלאַץ און אין אַל־

געמיין האָט זיך געלאָזט פילן דאָס אויג און די האַנט פון אַ געניטן רע־זשיסאָר.

ענדלעך האָט זיך אויף דער בינע באַוויזן יעקב אַדלער. ער האָט געשפּילט „למך׳ן — דאָס קראַנקע יינגל״. דער עולם האָט אים אויפגע־נומען מיט אַן אמתדיקן שטורעם פון אַפּלאַדיסמענטן, אָבער שלמהלע איז געווען אַביסל אַנטוישט. ער האָט זיך נישט געריכט דערויף, אַז יעקב אַדלער, שוין אַן עלטערער מענטש, וועט שפּילן די ראָל פון כמעט אַ קינד... ער, שלמהלע, האָט וועגן גוטן און ערלעך־געשפּילטן טעאַטער געהאַט גאָר אַן אַנדערן באַגריף. ער האָט געהאַלטן אַז די פאַרטיילונג פון די ראָלן דאַרף גאַרנישט האָבן צו טאָן מיט דעם אַזוי גערופענעם „סטאַריזם״. שלמהלע איז געווען גרייט מוחל צו זיין אַדלערן דעם דאָ־זיקן אומרעכט צוליב דעם הויך־קינסטלערישן ניוואָ פון זיין שפּילן, ער האָט אָבער אים נישט געקאָנט מוחל זיין דעם אומרעכט וואָס ער איז באַגאַנגען לגבי גאָרדינס „למך׳ן, דעם קראַנקן יינגל״.

שלמהלע האָט זיך אומגעקוקט אויף סאָניטשקען. ער האָט געוואָלט דערגיין, וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס וועט מאַכן אויף איר, און ער האָט באַמערקט טרערן אין אירע אויגן. זי איז געווען גערירט פון די סענטי־מענטאַלע, האַלב־פילאָזאָפישע רייד, מיט וועלכע גאָרדינס קראַנקער העלד ווענדעט זיך צו זיין ברודער.

איז ער שטיל געבליבן שלמהלע טאַקע, און די באַמערקונגען מיט וועלכע ער האָט זיך געוואָלט טיילן מיט סאָניען, האָט ער שוין נישט אַרויסגעזאָגט. ער האָט איר נישט געוואָלט שטערן אין איר איבערלע־בונג און ער האָט גלייכצייטיק פאַרשטאַנען אַז אַזאַ אַקטיאָר ווי יעקב אַדלער דאַרף מען אַלץ מוחל זיין.

אין דער פּויזע, וואָס נאָכן ערשטן אַקט, האָט שלמהלע מיט סאָניען אַרומגעשפּאַצירט אין „פאָיע״, ווו דער עולם האָט מיט צעשטראַלטע פּנימער דיסקוטירט מיט באַגייסטערונג די פאָרשטעלונג. יעדער איי־נער האָט געהאַט עפּעס אַנדערש וואָס צו זאָגן וועגן דעם שפּילן פון גרויסן קינסטלער. סאָניטשקע איז געשטאַנען הארט לעבן שלמהלען, און געהאַלטן איר האַנט אונטער זיין אָרעם. אַ צופרידענער, באַגייסטערטער שמייכל האָט געשפּילט אַרום אירע געטאָקטע ליפּן.

— עס געפעלט דיר די פאָרשטעלונג? — האָט שלמהלע געפרעגט.

— יאָ — האָט סאָניטשקע געענטפערט און נאָך שטאַרקער זיך צוגעטוליעט צו אים — די פאָרשטעלונג געפעלט מיר זייער, און פון אַדלערס שפּילן בין איך פשוט אַנטציקט.

שלמהלע האָט מער נישט געפרעגט. ער האָט באַשלאָסן ביי זיך נישט אַרויסצוזאָגן פאַר איר זיין אייגענע מיינונג. ער האָט נישט געוואָלט צע־שטערן איר באַגייסטערונג, נישט געוואָלט אומוואַרפן די הויכע מיינונג וועלכע האָט זיך געשאַפן אין איר נאַאיוון קינדערישן באַגריף וועגן אַד־לערן.

***

גלייך נאָך דער פאָרשטעלונג האָט שלמהלע זיך געהייסן מעלדן צום דירעקטאָר פון טעאַטער, צו בלומענטאַלן. מען האָט זיי גלייך אַריינגע־פירט צו אים, און בלומענטאַל האָט זיי ביידן באַגריסט זייער העפלעך. „זיי קומען אין דער ריכטיקער צייט — איז בלומענטאַלן דורכגעלאָפן אַ געדאַנק בליץ־שנעל איבערן מוח — אַדלער ענדיקט אין גיכן זיינע גאַסט־שפּילן".

ער איז אָבער געווען גאָר שטאַרק פאַרנומען, בלומענטאַל טאַקע, און נישט געהאַט קיין צייט מיט זיי געניוער זיך דורכצורעדן. ער האָט דערי־בער זיך געמוזט אַנטשולדיקן פאַר די צוויי יונגע מענטשן און באַשטימט מיט זיי אַ שעה אויף צו מאָרגנס, בכדי זיך מיט זיי צו טרעפן און ברייטער דורכשמועסן דעם גאַנצן ענין. שלמהלען מיט סאָניען האָט זיך אָבער נישט געוואָלט אַוועקגיין, זיי האָבן ביידע געהאַט שטאַרק חשק זיך צו באַקענען מיט אַדלערן.

— איין טובה וואָלט איך אייך נאָך געבעטן, הער דירעקטאָר — האָט שלמהלע זיך געווענדעט צו בלומענטאַלן — אפשר וואָלט דאָס נישט געווען שווער פאַר אייך אונדז פאָרצושטעלן פאַרן קינסטלער יעקב אַדלער.

— מיטן שענסטן פאַרגעניגן — האָט בלומענטאַל געענטפערט. ער האָט גלייך אָנגעקלאַפּט צו אַדלערן אין גאַרדעראָב און אַריינגעשריגן אויפן הויכן קול:

— אַנטשולדיקט הער אַדלער, דאָ זענען פאַראַן צוויי יונגע אַקטיאָרן וועלכע ווילן זיך מיט אייך באַקענען.

באַלד האָט זיך דערהערט אַדלערס שטים:

— אַריין!

שלמהלע איז אַריין אין גאַרדעראָב און זיך פאָרגעשטעלט פאַרן גרויסן קינסטלער מיט גרויס דרך־ארץ. ער האָט אָבער גלייך דערפילט, אַז עס וועט אים ווידער אויסקומען איבערצולעבן אַן אַנטוישונג. ער האָט זיך שטענדיק פאָרגעשטעלט אַז אַ גרויסער קינסטלער דאַרף אויך זיין אַ

גרויסער דזשענטלמען אין זיין האַלטונג, אין זיין באַנעמונג, אין זיין באַציאונג צו יונגערע קאָלעגן. ער האָט אָבער געהאַט אַ ביטערן טעות. אַדלערס טאָן איז געווען אויסגעשפּראָכן אומפריינטלעך. די געציילטע עטלעכע ווערטער וואָס ער האָט גערעדט, די עטלעכע פראַגן וואָס ער האָט געשטעלט, זענען פול געווען מיט גרינגשעצונג און ציניזם.

שלמהלע מיט סאָניען האָבן אָפּגעאָטעמט פריי ווען זיי האָבן פאַרלאָזט דעם גאַרדעראָב פון גרויסן קינסטלער. דערפאַר האָט דער אַקטיאָרן-אַנסאַמבל זיך באַנומען מיט זיי שוין פיל פריינטלעכער און איידעלער.

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט ווען דאָס פּאָרפאָלק איז געפאָרן צו זיך אין האָטעל, אין זייער צייטווייליקער היים. דער אָוונט האָט זיי געגעבן זייער פיל צו טראַכטן, און ביז שפּעט אין דער נאַכט זענען זיי געלעגן פאַרטועגע אין געדאַנקען וועגן דעם אַלעם וואָס זיי האָבן געזען אין זייער ערשטן אָוונט אין לאָנדאָן.

44. — דער שמועס מיט בלומענטאַלן

ווען שלמהלע איז צו דער באַשטימטער שעה געקומען אויפן אָנגע־וויזענעם אָרט האָט ער שוין דאָרטן געטראָפן וואַרטן בלומענטאַלן. דער טעאַטער־דירעקטאָר האָט אָבער געהאַט אַ פּנים פון אַ מענטשן וואָס האָט חרטה אויפן גאַנצן עסק, און ווירקלעך איז אַזוי געווען. בלומענטאַל איז אַריינגעפאַלן אין אַ צווייפל, צי האָט ער בכלל גוט געטאָן, וואָס ער הויבט אָן צו פאַרהאַנדלען מיט צוויי יונגע, אומבאַקאַנטע אַקטיאָרן. ווער ווייס? אפשר זענען זיי נישט מער ווי צוויי טאַלאַנטלאָזיקייטן, וואָס האָבן זיך בלויז איינגעבילדעט אַז זיי קאָנען שפּילן טעאַטער. אַ סך מאָל האָט שוין אַזוי געטראָפן, און עס איז געקומען צו אַ מיאוסן דורכפאַל, און ווער האָט דערביי אַמשטאַרקסטן געליטן? — ער, בלומענטאַל.

אָבער בלומענטאַל איז אַחוץ וואָס ער איז געווען אַ דירעקטאָר פון אַ יידיש טעאַטער, אויך געווען אַ דזשענטלמאַן, און אַ גוטהאַרציקער מענטש. ער האָט נישט געקאָנט ביי זיך פועלן אַז עמעצער זאָל זיך פילן שלעכט אין זיין געזעלשאַפט. ער האָט דעריבער העפלעך אַ פרעג געטאָן ביי שלמהלען:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווו זענט איר אַלץ אויפגעטראָטן ביז איצטער? כ׳מיין, אין וועלכע שטעט? אין וועלכע טעאַטערס?

שלמהלע האָט גלייך פאַרשטאַנען בלומענטאַלס מיסטרויען. ער האָט דעריבער נישט געענטפערט קיין איין וואָרט, נאָר גלייך אַרויסגענומען פון טאַש די אויסשניטן פון די צייטונגען, וועלכע ער האָט צום גליק גע־האַט ביי זיך און זיי דערלאַנגט בלומענטאַלן.

— ביטע, לייענט — האָט ער אַ זאָג געטאָן שטיל — אָט דאָס זענען רעצענזיעס וועגן מיינע אויפטריטן. אויב איר ווילט זיך באַמיען און זיי איבערלייענען וועט איר אַלץ אַליין געוואָר ווערן, און נישט פון מיין מויל. דאָ קאָנט איר הערן די אָפּרופן פון די צייטונגען פון יאַסי אין רומעניע, פון לעמבערג, פון ווין. מיר זענען נאָך ביידע יונגע מענטשן און מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן צו דערוווערבן זיך גענוג פּאָפּולאַריטעט, אָבער איך גלויב אַז איר וועט נישט חרטה האָבן, אויב איר וועט אונדז אַנגאַזשירן.

בלומענטאַל האָט צוגעהערט איבערגעלייענט די רעצענזיעס פון די דייטשישע צייטונגען פון ווין, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אַז פון די צוויי יונגע מענטשן קאָן מען דערוואַרטן זייער אַ סך. דערנאָך האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי שלמהלען:

—נו, און רעפּערטואַר האָט איר?

— קיין סך רעפּערטואַר האָב איך נישט, אָבער צום אויפטריט האָב איך דאָך צוויי פּיעסן פון פאַרשיידענע זשאַנערס. אַן אָפּערעטע און גאָרדינס אַ דראַמע.

— גאָרדינס אַ דראַמע? גיט אַכטונג, אַז איר זאָלט זיך נישט אָנשטויסן אויף אַ פּיעסע וואָס אַדלער האָט דאָ געשפּילט.

— אויב זי איז אַ געשפּילטע, וועלן מיר זי אויסמיידן. די ערשטע פּיעסע מיינע איז אַ היסטאָרישע אָפּערעטע „בת ירושלים", און גאָרדינס דראַמע, וועלכע איך האָב בדעה אויפצופירן, איז דער „מטורף". די דאָזיקע פּיעסע שטודיר איך שוין פון לאַנג און איצטער ווילט זיך מיר פאַרווירקלעכן מיין חלום. מיר ביידע, איך און מיין פרוי, זענען גוט צוגעגרייט דערצו.

— דאָס איז פיין — האָט בלומענטאַל געזאָגט. ער האָט געטראַכט אַ ווײַלע און לסוף זיך אָנגערופן: — מיסטער טאָמאַסאָוו, דאָס געשעפט איז געמאַכט. מיט אַלע איבעריקע אָנגעלעגנהייטן פאַרלאָזט זיך אויף מיר. איר מעגט מיר גלויבן, אַז איך וועל אייך נישט באַוואָלהן. איך מוז אייך אייך זאָגן אַז איר האָט געמאַכט אויף מיר זייער אַ גוטן איינדרוק.

— איך דאַנק אייך, הער דירעקטאָר — האָט שלמהלע געענטפערט — איך פאַרלאָז זיך פולשטענדיק אויף אייך, ווי אויף אַן אייגענעם פאָטער, און דאָס איז צוליב דעם, ווייל איר האָט אויף מיר אויך געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק, וואָס עס קאָן נאָר זיין.

— אַלזאָ, פיין — האָט בלומענטאַל פאַרענדיקט דעם שמועס — איצטער בלייבט אונדז צו טאָן נאָר איין זאַך. מיר וועלן באַשטימען די דאַטע פון אייער דעבוט און מיר וועלן זיך נעמען צו דער אַרבעט. איך זאָג אייך צו צו טאָן אַלץ וואָס איך קאָן, און איך דערמאָן אייך אַז אין אייער אינטערעס גופא ליגט צו באַמיען זיך אַז אייער דעבוט זאָל אייך עפענען אַ טיר אין דער ברייטער וועלט.

אַ פולער מיט נייע האָפענונגען איז שלמהלע אַוועק פון דער באַגעגעניש מיט בלומענטאַלן. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער זיך זען מיט סאָניען און איר מיטטיילן די פריידיקע נייעס.

45. — לאָנדאָן

דאָס אָנקומען פון שלמהלען מיט סאָניען קיין לאָנדאָן איז אויסגע־פאַלן אין אַ צייט פון אַ שטאַרקן פאַנאַנדערבלי פון דעם יידישן לעבן און יידישער קולטור אין ענגלאַנד. דער דאָרטיקער יידישער ישוב האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן צוליב דעם כסדרדיקן צופלוס פון נייע מאַסן אימי־גראַנטן, וועלכע זענען אָנגעקומען פון צאַרישן רוסלאַנד און פון אַנדערע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. די רדיפות און פאַרפאָלגונגען מצד דער צאַרישער מאַכט האָבן אָנגענומען אַ וואָסאַמאָל מער גרויזאַמען כאַראַק־טער, אַזוי אַז די ערד האָט ממש געברענט אונטער די פיס. מען האָט אַרויסגעשטויסן פון די דערפער יידישע משפחות וועלכע זענען געווען דאָרטן איינגעוואָרצלט שוין זייט דורות. אין די שטעט און שטעטלעך האָט געבושעוועט אַ שרעקלעכע פּאָגראָם־כוואַליע, וועלכע האָט פאַר־פלייצט גאַנץ רוסלאַנד. דער באַרימטער ביילים־פּראָצעס און אַ גאַנצע ריי אַנדערע בלוט־בילבולים און שקרים וואָס די שוואַרץ־מאַהניקעס פונעם צאַר האָבן געלאָזט אין גאַנג, האָבן געמאַכט שטייגן אַלץ העכער די כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם און פאַרפאָלגונגען, און יידן האָבן נישט גע־קאָנט רואיק איבערשלאָפן אַ נאַכט. עס האָט זיך דעריבער אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג פון אַנטלויפן אין די וויטע לענדער וואָס מעבר־לים. מען איז געפאָרן קיין נאָרד־אַמעריקע, דרום־אַפריקע, אַרגענטינע און ווו נישט. מען האָט צעבראָכן היימען, געמאַכט אַ תל פון האָב־און־גוטס, און געלאָפן ווו די אויגן האָבן געטראָגן. דער דאָזיקער ריזיקער עמיגראַציע־שטראָם איז געפלאָסן מערסטנטייל דורך לאָנדאָן, ווייל פון די ענגלישע פּאָרטן זענען אָפּגעגאַנגען די שיפן אין די וויטע לענדער, און אַזוי אַרום איז געקומען דערצו אַז אַ גרויסער טייל פון די עמיגראַנטן פלעגט פאַר־בלייבן אין לאָנדאָן ציימווייליק, און פון די דאָזיקע „צייטווייליקע" זענען גאָר אַ סך פאַרבליבן אין ענגלאַנד שוין אויף שטענדיק. פיל מאָל איז עס געשען צוליב דעם, ווייל יידן האָבן איינגעזען אַז מען קאָן פאַרדינען רו־איק דאָס שטיקל ברויט אין לאָנדאָן, טאָ צו וואָס פאָרן ווייטער? אָבער אין זייער פיל פאַלן איז עס געשען פשוט דערפאַר, ווייל אַ סך עמיגראַנטן האָבן פשוט נישט געהאַט קיין געלט אויף די ווייטערדיקע הוצאות.

דאָס פאַרנעפּלטע לאָנדאָן מיט דער ריזיקער באַפעלקערונג, האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך אָט די אַלע צופעליקע און נישט־צופעליקע נייע איינוווינער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זוכן זייער חיונה ביי וואָס איינער האָט נאָר געקאָנט. ווער עס איז אַוועק צום האַמער און ווער צום שוס־טערשן וואַרשטאַט, ווער צו סטאָלעריי און ווער צו שער־און־אייזן, און אַ גרויסער חלק האָט זיך גענומען אויך צום האַנדל. אַ היפּשער טייל פון די אָנגעקומענע יידן האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אין די גרויסע פאַבריקן. יע־דער האָט אויף זיין אופן, נישט ווויסנדיק אַליין דערפון, מיטגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פונעם גרויסן לאַנד, און יעדער איינער האָט מיט יידי־שער עקשנות און אַרבעטזאַמקייט אָנגעהויבן אויפשטעלן אַ נייע היים, אַן אייגענעם משפחה־נעסט. האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרפעסטיקן זיך, איינצוואָרצלען זיך אין נייעם באָדן. מען האָט חתונה געמאַכט קינדער, די משפחות האָבן זיך אָנגעהויבן פונאַנדערוואַקסן און פאַרצווייגן. מען האָט געגרינדעט „סאָסייעטיס", געקליבן פּרעזידענטן, געבויט שולן און בתי־מדרשים, געגרינדעט אַרבעטער־פאַריינען. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט זיך אַנטוויקלט וואָס אַמאָל מער, אָבער עס האָט זיך שטאַרק געבענקט נאָך אַביסל יידישקייט פון דער אַלטער היים, מען האָט גע־לעכצט נאָך אַ יידיש וואָרט, נאָך אַ יידישן וויץ, נאָך יעדער זאַך וואָס האָט דערמאָנט די אַמאָליקע פאַרלאָזטע היימען אין פּוילן, ליטע און אין רוסלאַנד.

דאָס יידישע טעאַטער אין לאָנדאָן האָט דעריבער געקאָנט זיך שטיצן אויף אַ שטענדיקן באַזוכער־עולם. יידן האָבן גוט פאַרדינט, האָט עס נישט געשפּילט קיין ראָל אויסצוגעבן אויף אַ בילעט אין טעאַטער. יעדער איי־נער איז געקומען אַ יום־טובדיק אויסגעפּוצטער צוזאַמען מיט ווייב און מיט די עלטערע קינדער און מען האָט דערמיט געשאָסן צוויי האָזן אויפ־אַמאָל: אי מען איז געקומען אין טעאַטער און געקאָנט הערן אַ יידיש וואָרט, און אי מען האָט זיך געקאָנט ווייזן פאַר באַקאַנטע מיט די נייע מלבושים און מיט דעם צירונג, צו וועלכן מען האָט זיך שוין אַרויפגעאַר־בעט.

האָבנדיק אַזאַ פעסטע באַזע, האָט דאָס יידישע טעאַטער אין לאָנ־דאָן זיך געקאָנט דערלויבן אַראָפּצוברענגען די בעסטע קינסטלערישע כו־חות אויף גאַסטראָלן. קיין לאָנדאָן פלעגן דעמאָלט קומען פון צייט צו צייט יעקב אַדלער, דוד קעסלער, מאָרים מאָשקאָוויטש. דער לעצטער איז שפּע־טער אַריבער אויף דער ענגלישער בינע און איז געוואָרן אַזוי באַרימט אַז די ענגלישע קעניגלעכע פאַמיליע פלעגט קומען זען זיינע אויפטריטן.

די לאָנדאָנער יידן האָבן אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט טעאַטער־קונסט, געוואָרן מבינים אויף אַקטיאָרן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן גרופּעס פון „חסידים" פון געוויסע אַקטיאָרן, אַזוי אַז יעדער באַדייטנדיקער אַקטיאָר האָט געהאַט זיין קרייז פון פאַרערער. שפּילן טעאַטער אין לאָנדאָן איז געוואָרן אַ לויגבאַרע פּראָפעסיע, פּונקט ווי אין נאָרדאַמעריקע און יידישע אַקטיאָרן האָבן געקאָנט „מאַכן אַ לעבן".

שלמהלעס און סאָניעס דעבוט אין לאָנדאָן איז געוואָרן צוגעגרייט ווי געהעריק. בלומענטאַל האָט נישט געשפּאָרט קיין געלט אויף פּראָפּאַגאַנדע און גרויסע רעקלאַמע־אַפּישן האָבן גערופן דעם יידישן עולם צו קומען אין „פּאַוועליאָן־טעאַטער" צו זען די פּריש־אָראָפּגעקומענע קינסטלער. שלמהלע האָט געקאָנט זען ווי דער פאַרהעלטנישמעסיק גרויסער טעאַטער־זאַל פּילט זיך אָן שנעל מיט אַן עולם יידן פון פאַרשיידענע שיכטן, — רייכע, מיטעלע, אַרבעטער, און אַלע מיט זייערע משפחות. דער פולער זאַל האָט אים צוגעגעבן נאָך מער מוט, און באַזונדערס האָט ער זייער פליסיק געאַרבעט דעריבער אַז די פאָרשטעלונג זאָל זיין גוט צוגעגרייט. די פאָרשטעלונג איז דעריבער געווען אַ גרויסער דערפאָלג. דער עולם האָט אויפגענומען די צוויי יונגע קינסטלער מיט ליבשאַפט און פאַרערונג. מען האָט גוט אָפּגעשאַצט זייער אַרבעט, זייער ערנסטן צוגאַנג, זייער צוגרייטונג. די צוויי יונגע קינסטלער האָבן אויך אויסגענומען גאָר שטאַרק צוליב זייער אויסזען, זייערע שטימען, זייער האַרציקן געזאַנג. זיי האָבן זיך דערוואָרבן אָנערקענונג נישט נאָר צווישן באַזוכער־עולם, נאָר אויך צווישן די אַקטיאָרן פון דער טרופּע. דער דירעקטאָר בלומענטאַל האָט באַשטעלט פאַר זיי אַ גרויסן קראַנץ בלומען, און אַליין עס צוגעטראָגן נאָך דער פאָרשטעלונג צו סאַלאָמאָן און סאָניע טאָמאַשאָוו. דער זאַל האָט אַזש געדונערט פון די לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. שפּעטער איז בלומענטאַל צוזאַמען מיט זיין פרוי אַריינגעקומען צום יונגן קינסטלער־פּאָרל און זיך מיט זיי געקושט ווי עלטערן מיט קינדער. אויך אַנדערע אַקטיאָרן זענען געקומען זיי באַגריסן.

די אָפּערעטע „בת־ירושלים" מיט וועלכער שלמהלע און סאָניע האָבן דעבוטירט אין לאָנדאָן, האָט אגב געמאַכט אַ גרעסערן רושם אין לאָנדאָן ווי אין די אַנדערע שטעט. לאָנדאָנער טעאַטער־גייער האָבן שטאַרק גערעדט צווישן זיך וועגן דער פּיעסע, אָבער נאָך מער האָט מען גערעדט וועגן די צוויי יונגע קינסטלער, וואָס האָבן אין זייער שפּילן עפּעס אַזאַ מין קינדיש־נאַיווע האַרציקייט, וואָס קריכט אין דער נשמה און ווערט איינגעבאַקן אין האַרצן ביי יעדן איינעם.

***

נאָך אין זיינע יינגלשע יאָרן, אין זיין קליינעם היים-שטעטעלע, האָט שלמהלע געהאַט אַ שוואַכקייט צו לייענען ביכער. די מעגלעכקייטן זענען אָבער דאָרט געווען גאָר קליינע, עס זענען נישט געווען דאָרט קיין יידי-שע ביבליאָטעקן און ער האָט זיך געמוזט באַגנוגענען דערמיט וואָס ער פלעגט ביי אַ יידן אַ פאַקנטרעגער, וואָס פלעגט פאַרבלאָנדזשען אין שטעטל קויפן מעשה-ביכלעך אָדער אַ ראָמאַן פון שמ"רן, אָדער גאָר אויסבאָרגן אַ ביכל פון עמעצן וועלכער האָט עס געבראַנגט פון דער גרוי-סער שטאָט.

שפּעטער ווען שלמהלע איז שוין געווען אַן אַקטיאָר און אַרומגעפאָרן מיט דער טרופּע האָט ער נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן זיין אַמאָליקע שוואַכ-קייט און זוכן ביבליאָטעקן אָדער „לייען-האַלעס", אָדער אַ בוכהאַנדלונג וו מען גיט ביכער אויף „פּריקאַט". זיין לייענערישער געשמאַק האָט זיך אויסגעפיינערט. ער האָט זיך נענטער באַקענט מיט די ווערק פון מענדע-לען, פון שלום-עליכם, פון י. ל. פּרץ. ער איז געוואָרן אַ לײדנשאַפטלעכער לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור און זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען נישטערן אין אַ ביבליאָטעק און זוכן נייע ביכער צום לייענען.

זייענדיק מיט קאַזלאָווס טרופּע אין קיעוו איז ער געוואָר געוואָרן פון דער ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון שלום-עליכם, און דאָרטן האָט ער גע-פונען אַן אמתן אוצר: אַלע דראַמען פון יעקב גאָרדין. אייניקע פון אָט-די פּיעסן האָט ער שוין געקאָנט, אָבער עטלעכע האָט ער געפונען אַזעל-כע, וואָס זענען געווען ניי פאַר אים. יעקב גאָרדין איז דעמאָלט אָנגעגאַנ-גען פאַרן בעסטן יידישן דראַמאַטורג און זיינע פּיעסן האָבן געהויבן דאָס יידישע טעאַטער צו אַ העכערער מדרגה. זייער אַ סך יידישע קינסטלער זענען אויסגעוואַקסן אַ דאַנק די גאָרדין-פּיעסן.

צווישן די דראַמעס וואָס שלמהלע האָט געפונען אין דער שלום-עליכם ביבליאָטעק אין קיעוו איז אים צום שטאַרקסטן געפעלן געוואָרן „דער מטורף". ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו אָט דער פּיעסע און איבערגעלייענט דאָס קליינע ביכעלע מיט די האַרטע טעוולעך עטלעכע מאָל. ער האָט זיך פאַרליבט אינעם העלד פון דער דראַמע. ער האָט דערזען אין אים דעם זוכער פון אמת און גערעכטיקייט און פון דעמאָלט אָן האָט ער טיף אין האַרצן געטראָגן דעם חלום פון אויפירן די דאָזיקע פּיעסע מיט זיך אַליין אין דער הויפּט-ראָל. ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ ביסעלע פרייע צייט האָט ער שטודירט די דאָזיקע ראָל און געפּלאַנעוועט די גאַנצע אויפירונג.

איצטער, אין לאָנדאָן, האָט ער דערזען אַ מעגלעכקייט פון פאַר-

ווירקלעכן זיין חלום. ער האָט געוואָרט אויפן טאָג, ווען ער וועט שוין קענען אָנהויבן אַרבעטן איבער דער נייער פּיעסע. ער פלעגט ליגן באַנאַכט אויף זיין געלעגער און אין געדאַנק שטודירן פאַרשיידענע מאָמענטן פון זיין ראָל. עס פלעגט זיך מאַכן, אַז ער האָט זיך פאַרגעסן און אַריין אין עקסטאַז און גענומען שפּילן די ראָל אויפן הויכן קול. סאַניטשקע פלעגט זיך דעמאָלט אויפכאַפּן נישט טויט און נישט לעבעדיק און שרייען אַ פאַרוווּנדערטע:

— שלמהלע, וואָס איז געשען?

ער פלעגט זיך דאַן אַליין צעלאַכן פון זיינע איינפאַלן, און בארואיקן סאַניטשקען:

— גאַרנישט, גאַרנישט, דאָס האָב איך שטודירט מיין נייע ראָל...

***

אין איינעם אַן אָוונט איז צו שלמהלען אין גאַרדעראָב אַריינגעקומען נאָך דער פאָרשטעלונג בלומענטאַל.

— איך וואָלט געוווּן דערפאַר — האָט ער געזאָגט — אַז מיר זאָלן שוין אָנהויבן צוגרייטן די צווייטע פּיעסע. די קאַסע גיט שוין אָנצוהערן אַז מען מוז דערלאַנגען פרישע „סחורה"...

ביי שלמהלען האָט אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ וואָס אַמאָל שטאַרקער. אָט דערנענטערט זיך די פאַרווירקלעכונג פון זיין טרוים. פאַר גרויס איבעראַשונג האָט ער נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון זיך קיין וואָרט. בלומענטאַל האָט גענומען רעדן ווייטער:

— איך האָב אָבער אַ באַדינג צום אויפירן פון אייער צווייטער פּיעסע: ווי איר ווייסט איז מיין פרוי אַן אַקטריסע, און איז באַרעכטיקט צו שפּילן. איר וואָלט איר געדאַרפט צוטיילן די ראָל פון אייער פאַרטנערן...

— איר קאָנט די פּיעסע, הער דירעקטאָר? — האָט שלמהלע געפרעגט.

— ניין, איך האָב בלויז געהערט פון איר.

שלמהלע איז געווען צו פּשוט און נאַיוו און זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעלערנט די זייטיקע גענג און שמד־שטיק פון הינטערקוליסן לעבן. האָט ער דעריבער געענטפערט מיט דער גאַנצער ערנסטקייט.

— אויב אַזוי, וועט מען פריער איבערלייענען די פּיעסע און דערנאָך וועט איר אַליין אויסקלויבן אַ ראָל פאַר אייער פרוי. זענט איר דערמיט צופרידן?

בלומענטאַל האָט זיך אַביסל פאַרלוירן. ער האָט זיך דערפילט שטאַרק אומבאַקוועם, וואָס צוליב זיין פרוים קאַפּריזן ווערט ער אריינגעצויגן אין נישט קיין ערלעכן שפּיל. אויך האָט אים געוווּנדערט שלמהלעס גלייכגילטיקייט צום ענין. ער האָט גוט געקאַנט די אַקטיאָרישע אַמביציעס און אינטריגעלעך, און ער האָט געפרעגט ביי שלמהלען:

—נו, און וואָס וועט זאָגן דערצו אייער פרוי?

— מיין פרוי וועט גאָרנישט זאָגן, ווייל זי האָט דאָ גאָרנישט וואָס צו זאָגן. זי איז אַ יונגע אַקטריסע און האָט נישט קיין רעכט צו פּראָטעסטירן. וואָס פאַר אַ ראָל מען וועט איר צוטיילן, דאָס וועט זי שפּילן.

— דאָס איז פיין. און ערשט... כ׳מיין, פון געשעפטלעכן שטאַנדפּונקט ווי האַלט איר אַליין, טאָמאַסאָוו, צי קען עס נישט ווירקן שלעכט? אייער פרוי האָט זיך באַליבט געמאַכט באַם עולם.

— הער בלומענטאַל — האָט שלמהלע געענטפערט — איך מוז אייך זאָגן, אַז אין מיין קורצער אַרטיסטישער קאַריערע האָב איך ביז אייך נאָך נישט באַגעגנט אַ צווייטן מענטשן מיט אַזויפיל אָפנהאַרציקייט. אייער וואָרט האָט ביי מיר אַ גרויסן ווערט. איך האָב זיך ביז איצט פאַרלאָזט אויף אייך, דערלויבט מיר אַז איך וועל אויך אויף ווייטער זיך פאַרלאָזן אויף אייך...

בלומענטאַל האָט פעסט אַ דריק געטאָן שלמהלעס האַנט און זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט דאַנקבאַרקייט און צופרידנקייט.

— מאָרגן פרי וועט פאַרקומען די לייען־פּראָבע — האָט ער געזאָגט.

46. — די לייען־פּראָבע

צען אַזייגער אינדערפרי איז זיך צונויפגעקומען די טרופּע מיט בלו־מענטאַלן און זיין פרוי בראש צו דער לייען־פּראָבע. אויף דער בינע איז שוין געשטאַנען צוגעגרייט אַ גרויסער טיש מיט בענקלעך אַרום און אַרום. שלמהלע מיט סאָניען זענען געקומען שטראַלנדיק פאַר פרייד און זיך הארציק באַגריסט מיט יעדן איינעם. שלמהלע האָט ארויסגענומען דעם עקזעמפּליאַר פון דער פּיעסע און פאַרגעלייגט אַז דער "סופליאָר, אָדער עמעץ אַנדערש פון דער טרופּע זאָל זיך נעמען צום לייענען.

— איך בין נישט מסכים — האָט זיך אָנגערופן בלומענטאַל — איך שלאָג פאָר, מיסטער טאָמאַסאָוו, אַז איר אַליין זאָלט זיין דער פאַרלייע־נער.

שלמהלע האָט זיך דאַן אַוועקגעזעצט צווישן בלומענטאַלן און זיין פרוי. אַלע האָבן געשוויגן און געקוקט אויף אים מיט דערוואַרטונג. עס האָט זיך געשאַפן אַ געשפּאַנטע שטימונג.

דאָס לייענען האָט פאַרכאַפּט אַלע אַנוועזנדיקע. קיינער האָט זיך פריער נישט פאָרגעשטעלט אַז אָט דער „יונגערמאַן" זאָל קאָנען פאַר־לייענען אַ פּיעסע מיט אַזויפיל האַרץ און נשמה, און מיט אַזאַ קינסטלע־רישקייט קענען שילדערן איעדן טיפּ באַזונדער. אָבער שלמהלע איז גע־ווען פריידיק אויפגעברויזט, ווי עס קאָן נאָר זיין אַ מענטש וואָס שטייט אויפן שוועל פון פאַרווירקלעכן זיין חלום. זיינע ווערטער, די אינטאָ־נאַציע, דאָס אויסטייטשן די פּיעסע האָט ווי מיט אַ כישוף געצוואונגען אַלע אַקטיאָרן צו פאַרטיפן זיך אין דער האַנדלונג און אין יעדן טיפּ באַ־זונדער.

פרוי בלומענטאַל האָט געשמייכלט צו אים ליבלעך און מוטערלעך. ווען ער האָט געמאַכט אַ קליינע פּויזע נאָכן ערשטן אַקט און אָפּגעווישט מיט אַ טאַשן־טיכעלע דעם שוויים פון שטערן, האָט זי שמייכלענדיק צו אים אַ זאָג געטאָן:

— רוט זיך אָפּ אַביסעלע, מיסטער טאָמאַסאָוו.

במשך פון גאַנצן לייענען האָבן אַלע געהאַלטן אין איין איבערקוקן

זיך און צושאָקלען מיט די קעפּ, ווי זיי וואָלטן דערמיט וועלן אויסדריקן צושטימונג צו יעדער פראַזע, צו יעדן טאָן, און ווען שלמהלע האָט געענ־דיקט לייענען האָבן אַלע שטאַרק אַפּלאָדירט. בלומענטאַל האָט פעסט אַ דרוק געטאָן שלמהלעס האַנט.

די אַקטיאָרן האָבן זיך אויפגעשטעלט פונעם טיש און אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבער דער בינע. אַלע האָבן גערעדט פון שלמהלעס לייע־נען און דיסקוטירט די פּיעסע גופא. בלומענטאַל מיט זיין פרוי און מיט שלמהלען זענען געבליבן ביים טיש און גענומען רעדן וועגן פאַרטיילן די ראָלן, און דעמאָלט איז געשען אַ זאַך וואָס איז ביז איצטער אין דער בלומענטאַל־טרופּע נאָך נישט פאָרגעקומען. די מאַדאַם בלומענטאַל האָט נאָך אַ לענגערן קאַמף מיט זיך אַליין, זיך מודה געווען:

—מיסטער טאָמאַסאָוו, איך זע אַז פאַר מיר איז אין אָט דער פּיעסע נישט פאַראַן קיין פּאַסיקע ראָל, אַזוי אַז מיך לאָזט אַרויס פונעם חשבון, און שפּילט אייך געזונטערהייט מיט אייער סאָניען.

בלומענטאַל האָט געשמייכלט אַ צופרידענער.

— ווי אַזוי איר ווינטשט, פרוי דירעקטאָרן... — האָט שלמהלע גע־זאָגט. ער האָט גלייך מיט בלומענטאַלס הילף און הסכמה איינגעטיילט אַלע ראָלן און מען איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

שלמהלע האָט שוין געהאַט פאַרטיק זיין רעזשי־פּלאַן. די באַציאונג פונעם אַנסאַמבל איז געווען זייער אַן ערנסטע, גאָר אַנדערש ווי בײַ אַנ־דערע פּיעסן. שלמהלע האָט זיך געפילט אַביסל אומבאַקוועם אין זיין ראָל פון אַ רעזשיסאָר, און יעדעס מאָל ווען ער האָט געדאַרפט מאַכן עמעצן אַ באַמערקונג האָט ער אים העפלעך איבערגעבעטן, ביז וואַנען די אַק־טיאָרן אַליין האָבן אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן.

— מיר ווייסן אונדזער פליכט, הער טאָמאַסאָוו — האָט זיך אָנגע־רופן אַן עלטערער אַקטיאָר — איר דאַרפט זיך פאַר קיינעם נישט אַנ־טשולדיקן. מיר ווייסן וואָס עס מיינט דיסציפּלין אין טעאַטער און מיר וואַרפן זיך אונטער פולשטענדיק אייערע אָנווייזונגען.

וואָס מער די טרופּע האָט געאַרבעט איבער דער פּיעסע, אַלץ מער זענען זיי געקומען צום טעם און ליב באַקומען די אַרבעט. דער יונגער רע־זשיסאָר האָט זיי באַוויזן אַז ער ווייסט וואָס ער וויל און זיי זענען געטריי נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן זיך איינגעהערט אין יעדער באַטאָנונג, אַריינ־געדרונגען אין יעדן מינדעסטן ניואַנס, און פון איין פּראָבע צו דער צוויי־טער איז געוואַקסן און געשטאַלטיקט זיך די פּיעסע, יעדער טיפּ האָט זיך אויסגעפאָרמירט אין זיינע ספּעציעלע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, און די פאָרשטעלונג האָט אָנגעהויבן צו באַקומען אַ לעבעדיקן אָטעם.

47. — די אויפירונג פון „מטורף"

אין טעאַטער האָט אָנגעהויבן ווערן וואַסאַמאָל שיטערער. די אָפּע־רעטע „בת־ירושלים" איז שוין געגאַנגען אַ לאַנגע צייט און פיל טעאַ־טער־באַזוכער האָבן שוין געהאַט געזען די פאָרשטעלונג צו עטלעכע מאָל אפילו. דער עולם האָט געוואַרט מיט אומגעדולדיקייט אויף אַ נייער פּיעסע. דעריבער, ווען עס האָבן זיך באַוויזן די גרויסע אַפּישן וואָס האָבן צו ווּיסן געגעבן אַז אין קורצן וועט געגעבן ווערן אין פּאַוועליאָן טעאַטער אַ נייע פּיעסע, „דאָס באַרימטע ווערק פון יעקב גאָרדין — דער מטורף — מיט סאַלאָמאָן טאָמאַסאָוו אין דער הויפּט־ראָל" האָט עס אָנגעמאַכט אַ שטיקל רעש אין לאָנדאָנער טעאַטער־וועלטל. די לאָנדאָנער אויסגעריג־טע יידן זענען שטענדיק גרייט געווען צו גיין ערגעץ ווייזן זיך מיט זייע־רע ווייבער, אויסגעפּוצטע מיטן גאַנצן צירונג, און ביי דער געלעגנהייט אויסצולופטערן די שבתדיקע בגדים. אויסערדעם האָבן זיי בכלל געבענקט נאָך אַ שטיקל צונויפקום, וועַר שמועסט נאָך אַז מען קאָן גיין אין טעאַ־טער, פאַרוויילן זיך, אַרויסווייזן מבינות און קריטיקירן די שפּילער. דער זאָל פונעם „פּאַוועליאָן־טעאַטער" איז דעריבער געווען פול געפּאַקט צו דער פּרעמיערע און שלמהלע איז געווען זיכער אַז די פּיעסע וועט ברענ־גען אַ גרויסן דערפאָלג מיט זיך.

די פּיעסע איז געווען צוגעגרייט פּערפעקט. בלומענטאַל האָט אליין געזאָגט אַז ער געדענקט שוין נישט די צייט אַז אַ פּיעסע זאָל זיין אַזוי גוט צוגעגרייט ווי „דער מטורף", ער איז געקומען אין טעאַטער, בלומענ־טאַל טאַקע, מיט זיין פרוי און פאַרנומען אַ לאָזשע בכדי בעסער צו זען דעם איינדרוק וואָס די פאָרשטעלונג וועט מאַכן אויפן עולם. ער און זיין פרוי זענען געווען אָנגעטאָן ווי צו אַ „גאַלאַ"־פאָרשטעלונג, און ער האָט אויך צוגעגרייט בלומען פאַר די געסט. נאָך דער פאָרשטעלונג איז ער געקומען באַריסן די קינסטלער און אויך דעם גאַנצן אַנסאַמבל וואָס האָט פון זיך געגעבן דעם מאַקסימום, בכדי די פאָרשטעלונג זאָל זיין אַ פּער־פעקטע. ער אַליין האָט געהאַט גרויס הנאה פון דער פאָרשטעלונג און די זעלבע זאַך קאָן מען זאָגן וועגן די געציילטע פיינשמעקער פון טעאַ־טער־קונסט וואָס האָבן זיך געפונען אין זאַל.

אָבער די מערהייט פונעם עולם, פון דעם זעלבן עולם, וואָס האָט גע־לעקט די פינגער פון דער אָפּערעטע איז ווייט נישט געווען באַגייסטערט פונעם „מטורף". אין די ווייטערדיקע אַקטן האָט מען געקאָנט באַמערקן אַז אַ טייל פון עולם האָט אַפילו געפּרוווט כאַפּן אַ דרימל... בלומענטאַל האָט דאָס באַמערקט פון זיין לאָזשע אָבער ער האָט נישט געוואָלט שווער מאַכן דאָס הארץ ביי זיינע יונגע געסט און גאַרנישט גערעדט וועגן דעם.

אָבער עס האָט געדויערט אַ קורצע צייט און בלומענטאַלס מורא האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר באַרעכטיקט. דער עולם אין טעאַטער איז גע־וואָרן מיט יעדן טאָג וואָסאַמאָל שיטערער און די הכנסות פון דער קאַסע מיט יעדן טאָג שוואַכער. אין דער צווייטער וואָך איז דער עולם אין זאַל געוואָרן נאָך שיטערער ווי אין די לעצטע טעג פון דער אָפּערעטע „בת־ירושלים", הגם די טרופּע האָט געשפּילט מיטן זעלבן ערנסט, און מיט דער זעלבער איבערגעגעבנקייט וואָס פריער. די שטימונג הינטער די קו־ליסן איז געוואָרן זייער אַ פיינלעכע. שלמהלע מיט סאָניען האָבן עס אָנ־געהויבן צו פילן זייער שטאַרק און זיי זענען געפאַלן ביי זיך.

בלומענטאַל איז דווקא געווען דער וואָס האָט זיי געפּרוווט טרייסטן.

— פאַלט ניט ביי זיך — פלעגט ער זיי דערמונטערן מיט אַ שמייכל, ווען ער פלעגט אַריינקומען הינטער די קוליסן נאָך דער פאָרשטעלונג — שולדיק איז חלילה נישט די פּיעסע, און נישט איר. שולדיק זענען די לאָנ־דאָנער יידן, דער צוריקגעשטאַנענער עלעמענט, וועלכער קאָן נישט פאַר־דייען קיין לייטישע פאָרשטעלונג. זיי זענען נישט געוווינט צו קיין פיינע, סובטעלע מאכלים. מען דאַרף זיי אונטערטראָגן דעם פרעס אין אַ ליימע־נער שיסל. זיי האָבן אַ גאַנץ אַנדערן באַגריף וועגן טעאַטער. פאַר זיי מיינט טעאַטער אַ זינג און אַ שפּרינג, אַ פאַרביקן קאָסטיום און אַ שיינע אויסשטאַטונג פון דער בינע. עס וועט נאָך לאַנג געדויערן און עס וועט נאָך קאָסטן אַ סך מי ביז וואַנען מיר וועלן געווינען דעם עולם פאַר דראַ־מע. אָבער איר דאַרפט אייך גאַרנישט ערגערן, קינדער. די צווייטע וואָך וועלן מיר שפּילן נאָכאַמאָל די אָפּערעטע ביז מיר וועלן אויפירן אַ פריי־שע פאָרשטעלונג.

שלמהלע מיט סאָניען זענען געזעסן און מיט דאַנקבאַרקייט אויסגע־הערט בלומענטאַלס האַרציקע ווערטער, אָבער זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָס רעדט ער בלויז זיי צו טרייסטן און נישט צו לאָזן פאַלן ביי זיך.

— מיר גייט נישט אין געלט — האָט שלמהלע געזאָגט — נאָר עס איז מיר שווער איבערצוטראָגן די אַנטוישונג. אַ יונגער אַקטיאָר וואָס טרוימט וועגן אַ שענערן וועג אין זיין קינסטלערישער קאַריערע, איז אים

זייער שווער ווען זיין ארבעט גיט פונקט א פאַרקערטן רעזולטאַט. דאָס איז זייער פיינלעך... — האָט ער צוגעגעבן און פאַרקוקט זיך ערגעץ ווייט.

—נאָר ניט פאַרלירן זיך — האָט בלומענטאַל גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן שלמהלען אין פּלייצע — מיר וועלן נאָך רעדן דערפון — און איז אַרויס פון גאַרדעראָב.

***

ווען שלמהלע מיט סאָניען זענען אַהיימגעקומען נאָך אַט דעם שמועס האָבן זיי נישט געקאָנט איינשלאָפן. סאָניטשקען האָט נישט ווי געטאָן אויף אַזוי פיל דער דורכפאַל, ווי איר האַרץ האָט געקלעמט צוקוקנדיק ווי שלמהלע נעמט זיך איבער מיט אַט־דעם אַלעם, ווי ער קוקט ערגעץ ווייט מיט פאַרזשמורעטע אויגן ווי אַ קורצזיכטיקער, ווי ער איז פול מיט צער און ווייטיק און זי איז נישט אימשטאַנד אפילו אים צו טרייסטן. זי האָט זיך איינגעקאָרטשעט ווי אַ קליין קינד און צוגעטוליעט זיך צו אים און ער האָט זי ערשט איצט באַמערקט און דערזען אירע פאַרטרערטע אויגן. ער האָט זיך דאַן צעלאַכט מיט אַן אויפגעצוווּנגענעם געלעכטער און פונקט ווי מען נעמט איין אַ קינד האָט ער זי אָנגעהויבן איינצנעמען מיט שטילע ווערטער:

— וויין נישט סאָניטשקע. מיר זענען יונגע מענטשן און מיר טאָרן נישט פאַרלירן דעם מוט. מיר הויבן ערשט אָן און עס שטייט אונדז פאַר אַ ווייטער וועג. איצטער וועלן מיר פאָרן אין דעם גרעסטן יידישן צענטער, מיר פאָרן קיין ניו־יאָרק. און געדענק סאָניטשקע, מיר דאַרפן זיין מוטיק און קרעפטיק, און קיין שום זאַך טאָר אונדז נישט צעברעכן. מיר דאַרפן פאַרגעסן אַט דעם דורכפאַל און ווייטער גיין מיט אונדזער וועג ביז מיר וועלן דערגרייכן דעם ציל צו וועלכן מיר שטרעבן.

48 — געזעגענונג מיטן פּאַוועליאָן-טעאַטער

דער דירעקטאָר בלומענטאַל האָט באמת געוואָלט צוהעלפן שלמה־לען צוריקגעווינען זיין גוטן נאָמען אַלס „סטאַר" אין לאָנדאָן. נאָך דעם דורכפאַל מיטן „מטורף" האָט דאָס „פּאַוועליאָן-טעאַטער" אריינגענומען אין רעפּערטואַר נאָכאַמאָל די אָפּערעטע „בת-ירושלים", אָבער די דאָזיקע פאָרשטעלונג נאָכן שפּילן זי אַזויפיל מאָל, אָראָפּנעמען און באַנייען, האָט שוין פארלוירן איר פריערדיקן גלאַנץ און שוין נישט געקאָנט באַווייזן די וואונדער פון פריער. שלמהלע האָט זיך דעמאָלס ווידעראַמאָל בּאַראַטן מיט בלומענטאַלן און איז צוגעטראָטן צו דער אויפירונג פון לאַטיינערס „כל-נדרי". דערווייל האָט מען אָלץ געגעבן די פּיעסע „בת-ירושלים" און דער זאַל איז יעדן טאָג געווען מער פּוסט. קוים מיט צרות האָט מען דער־צויגן צו דער פּרעמיערע פון „כל נדרי".

אין אָט דער פּיעסע האָט שוין די מאַדאַם בלומענטאַל יאָ גענומען אָן אָנטייל. זי האָט געשפּילט די ראָל פון עלווירע אַלס שלמהלעס פּאַרט־נערן. שלמהלע האָט דאָ ווידער געמוזט גיין אויף אַ קאָמפּראָמיס — ער האָט געמוזט איינגיין אויף זינגען מיט חזנישע קונצן, די פּאָפּולערע תפילה „כל-נדרי"... דאָס איז שוין מער געפעלן געוואָרן דעם עולם, ווייל וועלכער ייד איז דאָס נישט קיין מבין אויף חזנות. געווען אַזעלכענע וואָס האָבן קריטיקירט און געווען אַנדערע וואָס האָבן ממש געלעקט די פינ־גער.

— ער וואָלט געקאָנט זיין דער גרעסטער חזן — פלעגן זאָגן יידן וואָס זענען געקומען אין טעאַטער.

— הלוואי וואָלט ער געוואָרן אוים אַקטיאָר, וואָלטן מיר אים צוגע־נומען פאַר אַ יאָר-חזן — האָט אָפּגעזיפצט אַ גבאי פון אַ שול.

אגב איז שוין די פּיעסע „כל-נדרי" געשפּילט געוואָרן אומצייליקע מאָל אין לאָנדאָן און יידן-מבינים האָבן אים געקאָנט פאַרגלייכן מיט זיינע פאָרגייער, און וויפל מען פלעגט אים נישט קריטיקירן, דאָך זענען אַלע געווען איינשטימיק אַז ער, שלמהלע, איז דער בעסטער פון אַלעמען.

אָבער די דאָזיקע רעהאַבילימאַציע שלמהלעס האָט געדויערט זייער

קורץ און דער טעאַטער־זאַל האָט ווידער אָנגעהויבן פוסטעווען. צי איז עס געווען דערפֿאַר וואָס דער עולם דאַרף האָבן אַלע מאָל אַ פֿריש פּנים אויף דער בינע, צי צוליב אַנדערע סיבות, אָבער אַ פֿאַקט בלייבט אַ פֿאַקט, און שלמהלע האָט פיינט געהאַט צו פֿאַרמאַכן די אויגן אויפֿן אמת. ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו פֿאַרענדיקן זיינע גאַסטראָלן אין לאָנדאָן וואָס שנעלער און ווידעראַמאָל זיך לאָזן אין זיין וואַנדער־וועג.

באַשלאָסן און געטאָן: שלמהלע האָט אויסגעזוכט אַ גינסטיקן מאָמענט און דורכגערעדט זיך גאַנץ אָפֿנהאַרציק מיט בלומענטאַלן.

— איך וויל נישט וואַרטן אויף מיין פֿולשטענדיקער ירידה — האָט ער געזאָגט — איך דאַרף פֿאַרענדיקן דאָ וואָס שנעלער, טאָ דערלויבט מיר הער דירעקטאָר צו פֿאַרענדיקן שוין. לאָמיר דעריבער באַשטימען אַ דאַטום פֿאַר שליסן די גאַסטראָלן מיט אַ געזעגענונגס אָוונט.

בלומענטאַל איז גלייך איינגעגאַנגען. ווייזט אויס, אַז אויסער אַלעם האָט אים געלוינט צו מאַכן אַ סוף צו אָט דער לאַגע, און עס קאָן זיין אַז ער איז שוין געשטאַנען אין פֿאַרבינדונג מיט נייע גאַסטראָליאָרן. מיט דער הסכמה פֿון ביידע צדדים איז אַלזאָ באַשטימט געוואָרן אַ דאַטום פֿאַר אַן אָפּשיידס־פֿאָרשטעלונג.

צו דער פֿאָרשטעלונג האָט מען צוגעגרייט אַ געמישטן רעפּערטואַר. דער דירעקטאָר בלומענטאַל, וועלכער האָט באמת ליב באַקומען די צוויי יונגע מענטשן, האָט געטאָן אַלץ בכדי וואָס מער צו באַשיינען די לעצטע פֿאָרשטעלונג און דער אָוונט איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יום־טוב. זיי געווינטלעך, זענען געווען אַ סך בלומען און פֿאַראָפּשיידס־רעדעס, און נאָך דער פֿאָרשטעלונג איז פֿאָרגעקומען אַ באַנקעט פֿאַרן גאַנצן אַנסאַמבל מיטן אָנטייל פֿון די דירעקטאָרן און איינגעלאַדענע צייטונגס־מענטשן.

שלמהלע און סאָניע זענען אַזוי האַרציק געזעגנט געוואָרן אין לאָנדאָן, אַז דאָס אַליין האָט זיי שוין צוגעגעבן פֿרישן כוח און ענערגיע, און האָט זיי אָנגעפֿילט מיט גלויבן אין דער צוקונפֿט.

ווען זיי זענען אויפֿגעשטיגן אויף דער גרויסער שיף וואָס האָט זיי געפֿירט דירעקט קיין ניו־יאָרק, האָבן זיי לאַנג אַרומגעשפּאַצירט איבערן דעק מיט שטראַלנדיקע פּנימער און געשמועסט. זיי האָבן געהאַט פֿון וואָס צו שמועסן. זיי האָבן איצטער געמאַכט אַ סך־הכל פֿון זייער ביזאיצטיקן וועג, געפּרוווט אַרויסברענגען סיי די פֿעלערן און סיי די דערגרייכונגען, און זיי האָבן פֿיל, זייער פֿיל, גערעדט און געפּלאַנעוועט וועגן דער צוקונפֿט וואָס דערוואַרט זיי אין דער גרויסער, רייכער און פֿרייער אַמעריקע.

49. — אין ניו־יאָרק

שלמהלע מיט סאָניען זענען אַראָפּ פון דער שיף, וואָס האָט זיי געבראַכט קיין ניו־יאָרק אין דער העלפט פונעם חודש פעברואַר 1912. דער אַמעריקאַנער ווינטער, וואָס איז שטאַרק ענלעך צום רוסישן איז געלעגן אויף די ניו־יאָרקער גאַסן, אַ צעשפּרייטער אין דער לענג און אין דער ברייט מיט זיין ווייסער פרישקייט. דער פריש־אַראָפּגעפאַלענער פוכקער שניי האָט דערמאָנט אָן דער אַלטער היים.

זיי זענען געפאָרן מיט זייער באַגאַזש איבער די ניו־יאָרקער גאַסן און באַוואונדערט די וואָלקנקראַצער וועלכע זיי האָבן געזען צום ערשטן מאָל אין לעבן. סאָניושקע האָט פאַרייסנדיק דעם קאָפּ אין דער הויך, אַזוי לאַנג געציילט די שטאָקן פון די הייזער, פאַר וועלכע זיי זענען פאַרבייגעפאָרן, אַז עס האָט איר אַזש אָנגעהויבן ווי טאָן דער נאַקן. עס איז זיי ביידן באַפאַלן אַ מאָדנע, נאָגנדיקע בענקשאַפט. פון די אומגעלומפערט־גרויסע, שטיינערנע הייזער האָט אויף זיי געוויט מיט פרעמדקייט און אומעט. די פרעמדע שפּראַך וואָס האָט גערוישט אַרום זיי, דער טומל פון דער גרויסער שטאָט האָט פאַרשטאַרקט ביי זיי דאָס געפיל פון עלנט און אָפּגעפרעמדקייט. זיי האָבן זיך פלוצלינג דערפילט איינזאַם און אומבאַהאָלפן.

ווען דער קאַטש האָט זיי צוגעפירט צום האָטעל איז נאָך געווען גאַנץ פרי. דער ווינטערדיקער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ פאַרשנייעטער און אומהיימלעכער. זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין דעם דעפּאַרטאַמענט וואָס מען האָט זיי פאַרדונגען אין האָטעל און באַשלאָסן נישט אַרויסצוגיין אין ערגעץ במשך פון גאַנצן טאָג און ערשט אין אָוונט גיין זען אַ יידיש טעאַטער. שלמהלע האָט בלויז געשיקט דעם האָטעל־דינער קויפן אַ „פאָרווערטס" בכדי צו קענען געוואָר ווערן וואָס עס ווערט היינט געשפּילט.

נאָכן ערשטן אַמעריקאַנער מיטיק וואָס זיי האָבן אָפּגעגעסן האָט שלמהלע זיך גענומען דורכקוקן די טעאַטער־אַנאָנסן אין דער יידישער צייטונג. ער האָט דערפילט עפּעס אַ מאָדנעם נאָכגעשמאַק געפינענדיק

אלע אנאנסן אויף איינער און דער זעלבער זייט, פונקט ווי אן אויסלאגע פון פארשיידענע סחורות. די שרייענדיקע סופערלאטיוון פון די אנאנסן זענען אים געווען דערווידער. ער האט געשמייכלט לייענענדיק וועגן דעם „אומפארגלייכלעכן קאמיקער" אדער „דער פרעכטיקער סוברעטע". ער האט גענומען ציילן די טעאטערס און איבערגעציילט אז אין ניו־יארק געפינען זיך גאנצע פערצן יידישע טעאטערס. עס האט זיך אים אנגעהויבן אויסדוכטן אז אלע פערצן טעאטערס שטייען ווי גאסנהענדלער אויף די שפאלטן פון דער צייטונג און יעדער איינער וויל איבערשרייען דעם צווייטן. יעקב אדלער שפילט אין „אוריאל אקאסטא", דוד קעסלער — אין קאברינס א נייער פיעסע „דער דארפס־יונג", טאמאשעווסקי טרעט אויף אין זיינער אן אייגענער אפערעטע „די יידישע נשמה", און נאך טעאטערס, טעאטערלעך און וואדעווילן אן א צאל.

— זעסט סאניטשקע — האט ער אויסגעשריגן מיט פרייד — וויפל יידיש לעבן דא איז פאראן אין ניו־יארק. לאמיר האפן אז מיר וועלן דא נישט פארפאלן ווערן. איז וווהין וועלן מיר היינט גיין, א, סאניטשקע?

סאניע האט א ציטער געטאן און זיך אויפגעכאפט ווי אן איבערגעוועקטע פון א טיפן שלאף. זי איז געווען גראד פארזונקען אין אירע אייגענע מחשבות — געטראכט וועגן איר אלטער היים, וועגן דעם וואס עס טוט זיך אצינד אין יעקאטערינאסלאוו, וואס עס מאכט אצינד איר טאטע, ר' לייזער.

— הא? — האט זי איבערגעפרעגט — וועגן וואס פרעגסטו שלמה־לע?

שלמהלע אליין איז אויך געווען פארטראכט און צעטומלט פון דער גרויסער בענקשאפט וואס איז אים היינט פלוצלינג באפאלן. איצטער האט ער דערזען זיין סאניטשקען א פארזונקענע אין אומעט און ער האט באשלאסן זי אויפצומונטערן.

— הער סאניטשקע — האט ער אויסגערופן מיט אן אויפגעצוווּנגענעם פריילעכן טאן — עס טויג נישט אזוי, וואס ביסטו מיר אזוי פארטראכט? מיר טארן נישט פארלירן אונדזער גלייכגעוויכט... א, מיין ווייבעלע בענקט אהיים, כא־כא־כא, — האט ער זיך הילכיק צעלאכט.

ער האט זי אריינגענומען אין זיינע שטארקע ארעמס, אויפגעהויבן אין דער הויך, פונקט ווי מען הויבט אויף א קליין קינד, און איניקע מאל זיך א דריי געגעבן מיט איר אין א „וואלסער" איבערן צימער. א מידער האט ער זי אוועקגעשטעלט און גענומען קושן. סאניטשקע האט זיך פונאנדערגעלאכט:

— אז דו ביסט מיט מיר, פעלט מיר שוין גארנישט. ביסט טאקע גע־רעכט, מיין שלמהלע — האט זי געזאגט.

— איז פארוואס ענטפערסטו מיר נישט? — האט ער אין א קאפ־ריזנעם טאן ווידעראמאל געפרעגט — אין וועלכן טעאטער גייען מיר היינט? מיר צוםביישפיל וואלט געפעלן געווארן צו גיין זען קאברינס „דארפס־יונג" מיט קעסלערן. ווי מיינסטו?

— אז דיר געפעלט, געפעלט עס שוין מיר אויכעט.

—איז בלייבט עס אזוי, הייסט עס, מיר גייען היינט זען קעסלערן אינעם „דארפס־יונג".

***

זיי זענען איצטער ביידע כמעט יעדן אוונט געגאנגען זען אן אנדערע יידישע פארשטעלונג און צוביסלעך אנגעהויבן אריינדרינגען אינעם הינ־טער־קוליסן לעבן פון יידישן טעאטער אין ניו־יארק און באקאנט זיך מיטן גאנצן געמויזעכץ פונעם אמעריקאנער טעאטער־ביזנעס. זיי זענען שנעל געווואר געווארן אז אקטיארן, פריש־אנגעקומענע פון אנדערע לענ־דער האבן זייער וויניק שאנסן צו באקומען א פלאץ אין א ניו־יארקער טעאטער, ווייל ווען דער טעאטער־סעזאן שטעלט זיך, ווערן דורך דער „אקטיארן־יוניאן" (פראפעסיאנעלער פאריין) צוזאמענגעשטעלט אין הסכם מיט די פאריינס־סטאטוטן, די רשימות און צאל פון די אקטיארן וועלכע מוזן באשעפטיקט ווערן אין די טעאטערס. זיי זענען אויך געווואר געווארן אז עס זענען פאראן אקטיווע פאריינס־מיטגלידער און אויך נישט־אקטיווע, אדער בעסער געזאגט, אינוואלידן, און די טעאטער־אונטערנע־מער מוזן זיך אונטערוואַרפן די באשלוסן פונעם פאריין און צונעמען א געוויסע צאל פון ביידע קאטעגאריעס. זיי האבן זיך אויך דערוווסט אז אפילו „סטארן" דארפן אנגאזשירט ווערן אין אנהויב פונעם סעזאן.

פאר שלמהן איז דאס אלץ געווען א נייס. דאס ערשטע מאל אין זיין אקטיארישער קאריערע ווי ער באגעגנט זיך מיט א קאנטראל פון אן אק־טיארן־פאריין, וועלכער געוועלטיקט איבער גאנצע פערצן טעאטערס אין אזא גרויסער שטאט ווי ניו־יארק. דער פאריין קאנטראלירט סיי די אונ־טערנעמער און סיי די אקטיארן. אן דעם פאריין קאן מען נישט צונעמען קיין אקטיאר, און אן דער הסכמה פון פאריין טאר קיין שום אקטיאר נישט אוועקגיין פון דער טרופע און נישט אנגענומען ווערן, נאך בפרט ווען דער נייער איז נישט קיין פאריינס־מיטגליד.

שלמהלע האט דערפילט אז אין זיין וועג איז ער צוגעקומען ווי צו

אַן אייזערנער וואַנט וועלכע ער וועט נישט קענען דורכברעכן. „אַט אַ דאַ — האָט ער געטראַכט — ענדיקן זיך אַלע מיינע חלומות. דאָ קאָן מען זיצן בלייבן, אַבי געזונט, און וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט וואָס האָט אַ ברירה קיינמאָל נישט צו קומען אפילו.״

נאָך איינער אַ פאַרשטעלונג, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט סאָניען געזען אין טאָמאַשעווסקי-טעאַטער, האָט ער באַשלאָסן זיך צו באַקענען מיט טאָמאַשעווסקין אַליין, אפשר וועט ער אים העלפן צו געפינען אַן אויסגאַנג פון דער לאַגע.

טאָמאַשעווסקי איז געווען דער ערשטער מענטש אין ניו-יאָרק וועל-כער האָט זיי פריינטלעך אויפגענומען. ביז צו דער באַגעגעניש מיט אים, האָבן זיי געפּרוווט אַנקלאַפּן אין די טירן פון פאַרשידענע טעאַטער-פאַר-זענלעכקייטן און אומעטום געהאַט אַ מיאוסן אָפּשניט. מען האָט אויף זיי געקוקט פון אויבן אַראָפּ און אָפן איגנאָרירט.

דער דירעקטאָר באַרים טאָמאַשעווסקי האָט מיט זיין פּאַטערלעכער אויפנאַמע אַריינגעהויכט אין די צוויי יונגע מענטשן פרישן מוט. ער האָט זיי אויפמערקזאַם אויסגעהערט און אַ זאָג געטאָן:

— זייט נישט פאַרצווייפלט, קינדער. איך וועל טאָן פאַר אייך וואָס איך וועל נאָר קענען. דער איצטיקער סעזאָן איז שוין טאַקע פאַר אייך פאַרלוירן, און איר וועט מוזן וואַרטן אויפן קומענדיקן סעזאָן. אָבער איך וועל זיך באַמיען אַז איר זאָלט אויפטרעטן ביי מיר אין טעאַטער.

שלמהלע האָט קלאָר געקאָנט זען פון טאָמאַשעווסקיס באַציאונג אַז ער וויל זיי דערלאַנגען אַ וואַרעמע האַנט. ער איז געזעסן, טאָמאַשעווסקי, ביי זיין שרייבטיש אַנטקעגן זיי ביידן, אַ הדרת-פּנימדיקער און ערנס-טער, און ליבלעך געקוקט מיט זיינע גוטע אויגן אויף די פאַרצווייפלטע יונגע מענטשן, וועלכע זענען צו אים געקומען בעטן הילף.

שלמהלע האָט זיך פּלוצלינג דערפילט שטאַרק געפאַלן ביי זיך, און ער האָט באַשלאָסן אויסצופּרוון נאָך אַ מיטל.

— אַנטשולדיקט, מיסטער טאָמאַשעווסקי — האָט ער הכנעהדיק גע-פרעגט — און צייטווייליק אויפטרעטן ביי אייך, וואָלט דער פאַריין אונדז יאָ דערלויבט?

— דאָס לאָזט שוין איבער צו מיר — האָט טאָמאַשעווסקי געענט-פערט — אויף אַזוי פיל איינפלוס האָב איך נאָך, אַז איך זאָל קאָנען דורכ-פירן אַזאַ קלייניקייט. קומט צו גיין מאָרגן, וועלן מיר גלייך באַשטימען אַ דאַטום פאַר אייער אויפטריט, און אין דער זעלבער צייט וועט איר

האבן א מעגלעכקייט צו באשטימען די פיעסע אין וועלכער איר ווילט אויפטרעטן.

שלמהלע האט דערזען א שטראל פון האפענונג. ער האט אויסגע־הערט טאמאשעווסקין מיט דרך־ארץ, קוקנדיק אויף אים די גאנצע צייט מיט ליבשאפט ווי אויף אן אייגענעם פאטער, און ווען טאמאשעווסקי האט געענדיקט רעדן האט אים שלמהלע א דריק געטאן די האנט און געזאגט:

— א דאנק פארן אינטערעסירן זיך מיט אונדז.

— דערווייל איז נאך נישטא פארוואס צו דאנקען — האט טאמא־שעווסקי געענטפערט — דער עיקר איז, אז איר טארט זיך נישט פאר־לירן. איר זענט נאך יונג, איר האט נאך פאר זיך די גאנצע וועלט און אייער דערפאלג ווארט אויף אייך אין דער צוקונפט און וועט קומען אין דער געהעריקער צייט.

ער האט צו זייביידן א שמייכל געטאן און דערלאנגט די האנט אויך סאניען.

— צום ווידערזען — האט ער געזאגט — קומט צוגיין מארגן — און ער האט זיי העפלעך ארויסבאגלייט פון ביורא.

50. — דער אויפטריט ביי טאָמאַשעווסקין

באָרים טאָמאַשעווסקי איז געווען דער איינציקער טעאַטער־דירעק־טאָר אין ניו־יאָרק, וועלכער האָט מקרב געווען פריש אָנגעקומענע אַק־טיאָרן. ער פלעגט אַלעמען דערלאַנגען אַ וואַרעמע האַנט און אַנטקעגנ־קומען יעדן איינעם מיט ראָט און מיט טאַט. אויף טאָמאַשעווסקים חשבון קאָן מען פאַרצייכענען די ברודערלעכע שטיצע וואָס ער האָט געגעבן גרויסע קינסטלער ווי שילדקרויט, מאָרים מאָריסאָן און פיל אַנדערע דורכ־שניטלעכע אַקיטאָרן, וועלכע ער האָט מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען און זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט אויפצוטרעטן אין זיין טעאַטער.

שלמהלע און סאָניע האָבן געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק אויף טאָ־מאַשעווסקין. זיי האָבן אים באַצויבערט מיט זייער איידלקייט און מיט דעם חן פון זייער יוגנט. ער האָט דערפילט מיטלייד צוזעענדיק זייער עלנט אין דער גרויסער פרעמדער שטאָט ניו־יאָרק, דערזען זייער אומ־באַהאָלפנקייט און איינזאַמקייט. ער האָט געפילט אַן אינערלעכן מענטש־לעכן חוב צו נעמען די צוויי יונגע מענטשן אונטער זיין שוץ.

צו יענער צייט איז בא טאָמאַשעווסקין אין טעאַטער אויפגעטרעטן די באַרימטע יידישע פרימאַדאָנע, רעגינאַ צוקערבערג. זי איז געווען זייער אַ באַגאַבטע אַקטריסע און איז געווען געבענטשט פון דער נאַטור מיט אַלע מעלות. זי איז געווען אַ וווּנדער־שיינהייט, פאַרמאָגט אַ גע־טאָקטע פיגור און זייער אַ רייכע און פאַרביקע שטימע. אויסערדעם איז זי אויך געווען זייער מוזיקאַליש. איז דעריבער נישט קיין וווּנדער וואָס דער עולם האָט אָנגעפילט יעדן אָוונט דעם זאַל, און טאָמאַשעווסקי האָט דאָן געמאַכט גלענצנדיקע געשעפטן.

געווען מענטשן וואָס האָבן באַדויערט, אַז אַזאַ אַקטריסע און זינגערן ווי רעגינאַ צוקערבערג, טרעט נישט אויף אין דער אָפּערע, נאָר זי מאַכט אַ תל פון אירע שטימע אין טאָמאַשעווסקים אָפּערעטן, וועלכע ער אַליין פלעגט שרייבן. אַלע האָבן מודה געווען, אפילו די גרעסטע פאַרערער פון טאָמאַשעווסקין, אַז רעגינאַ צוקערבערג איז ערשט די, וואָס באַשיינט און באַרייכערט דעם רעפּערטואַר פונעם טאָמאַשעווסקי־טעאַטער.

**

שלמהלע מיט סאָניען זענען אוועק פונעם שמועס מיט טאָמאַשעווס־קין דערמונטערטע און באַרואיקטע. די שטראַל פון האָפענונג וואָס טאָ־מאַשעווסקי האָט אַנטפּלעקט פאַר זיי, האָט זיי ווידער געמאַכט צוריקגע־ווינען זייער פאַרלוירענע גלייכגעוויכט, און ווען זיי האָבן זיך שוין ווי־דער געפונען אין זייער האָטעל־צימער, האָבן זיי אָנגעהויבן צוצוגעבן מוט איינער דעם אַנדערן.

— זעסטו, סאָניטשקע, — האָט שלמהלע געזאָגט — אַז נאָך נישט אַלץ איז פאַרלוירן. עס זענען נאָך פאַראַן גוטע מענטשן אויף דער וועלט, אַפילו דאָ, אין אָט דעם קאָכעדיקן קעסל וואָס הייסט ניו־יאָרק.

סאָניטשקע האָט אַרומגעפּלאַטערט איבערן צימער ווי אַ זאַרגלאָז זומער־פייגעלע.

— וואָס האָבן מיר צו זאָרגן? — האָט זי קינדיש געפרעגט אַרומ־געמענדיק שלמהלעס האַלדז — ווען מיר ביידע זענען צוזאַמען האָבן מיר נישט פאַרוואָס זיך צו שרעקן, און דער מאָרגן זעט גאַרנישט אויס צו זיין אַזוי טונקל ווי מיר האָבן געמיינט. פּונקט אַזוי ווי דאָס שלעכטע קומט פּלוצלינג ווי אַ שלעכטער אומגעבעטענער גאַסט, אַזוי קאָן אויך קומען אומדערוואַרטערהייט דאָס גרעסטע גליק...

— ביסט געדעכט סאָניטשקע — האָט שלמהלע איר געענטפערט — עס איז נישט קיין פּלאַן זיך אוועקזעצן און זאָרגן סתם אין דער וועלט אַריין, מען דאַרף עפּעס טאָן.

סאָניטשקע האָט געצערטלט שלמהלעס קרויזיקע האָר און זיך צע־לאַכט. זי האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט די טרייסט־ווערטער וואָס איר מאַמע, טעמע ע״ה, פלעגט זאָגן אין אַן עת־צרה:

— גאָט, געלויבט זאָל זיין זיין ליבער נאָמען, פאַרלאָזט נישט אַ ווערעמל אונטער אַ שטיין, בפרט אַ מענטשן. נו, קום, שלמהלע. אויף היינט ביסטו דאָך באַשטעלט צו האָבן אַ שמועס מיטן פאַרוואַלטער פון דער „יוניאָן", פונעם אַקטיאָרן פאַריין. וועלן מיר צוגיין אַהינצו און פון דאָרטן וועלן מיר גיין אין טאָמאַשעווסקים טעאַטער, אפשר וועלן מיר שוין קאָנען באַשטימען מיט אים דעם דאַטום פון אונדזער אויפטרים.

***

אין אַקטיאָרן־פאַריין האָט מען שלמהלען אויפגענומען גאַנץ קאַלט. דער פאַריינס־פאַרוואַלטער האָט אים אויסגעהערט און שפּעטער געענט־פערט אין אַן אָפיציעלן טאָן, קורץ און שאַרף.

— מיר קענען נישט מאַכן פאַר אייך קיין שום אויסנאַם. איר מוזט דורכמאַכן אַן עקזאַמען, ווי דאָס פאָדערן אונדזערע סטאַטוטן.

אומזיסט האָט אים שלמהלע געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פונעם איינציקן אויפטריט וואָס וועט פאָרקומען ביי טאָמאַשעווסקין קאָן מען מער זען זייערע קינסטלערישע פעאיקייטן און דערפאַרונג, ווי פון אַ פּראָוויזאָרישער פּראָבע. דער שעף פונעם אַקטיאָרן־פאַריין האָט אים געגעבן אַ קאַטעגאָרישן ענטפער:

— נאָך אייער אויפטריט מיט טאָמאַשעווסקין, וועט איר קאָנען אַרויספאָרן אויף דער פּראָווינץ מיט אַ טרופּע. דאָס איז דערווייל אַלץ וואָס מיר קענען טאָן פאַר אייך.

— און אויף ווען באַשטימט איר מיין עקזאַמען? — האָט שלמהלע געפרעגט.

— אין זעקס חדשים אַרום — איז געווען דער ענטפער.

אַ טרויעריקער און דערשלאָגענער האָט שלמהלע געמוזט מיט דעם ענטפער פאַרלאָזן די ביוראָ פונעם אַקטיאָרן־פאַריין.

טאָמאַשעווסקי האָט דערווייל אָנגעהויבן צוגרייטן דעם איינציקן אויפטריט פונעם „פאַרפאַלק", ווי ער האָט זיי גערופן, ביי זיך אין טעאַטער. ער האָט דאָס געטאָן מיט דער גאַנצער ערנסטקייט און איבערגעגעבנקייט. פאַרזאָרגט די געהעריקע רעקלאַמעס, געגעבן אַנאָנסן, געוואַכט דעריבער אַז די אויפפירונג זאָל זיין שיין און פאַרביק. ענדלעך איז געקומען דער אָוונט פונעם אויפטריט. דער טעאַטער־זאַל איז געווען פולגעפּאַקט. אַן ערך אַ פערטהלק פון די באַזוכער זענען געווען אַקטיאָרן. דאָס געהער אויך צו די אַקטיאָרישע שוואַכקייטן, צו קומען זען דעם „דורכפאַל" פון אַ פרישן־אָנגעקומענעם אַרטיסט.

אָבער קיין דורכפאַל, ווי די אַקטיאָרן האָבן זיך גערעכנט דערויף, איז נישט געווען. די פאָרשטעלונג איז דורך מיט דערפאָלג. דער עולם האָט אויפגענומען זייער וואַרעם די צוויי יונגע קינסטלער.

די אַקטיאָרן אָבער וואָס זענען געזעסן אין זאַל, האָבן נישט געוואָלט מודה זיין אינעם דערפאָלג פון דער פאָרשטעלונג. דאָס וואָס דער עולם אַפּלאָדירט — האָבן זיי געזאָגט — איז נאָך קיין שום באַווייז נישט. זיי האָבן שטענדיק אַזוי געזאָגט, ווען עס איז אָנגעקומען אַ פרישער אַקטיאָר, נאָך בפרט ווען זיי האָבן דערזען אין שלמהלען און סאָניען דאָס צוקומען פון צוויי יונגע כוחות, וועלכע קאָנען זיך נאָך אַרויסבאַקומען אויף דער פאָדערגרונט. זיי האָבן זיך דעריבער באַמיט צונישט צו מאַכן דעם דערפאָלג פון דער אויפפירונג.

— ווייס איך וואָס, אַ יינגל מיט אַ שטימע — האָט איינער געזאָגט.

— ער וואָלט געקאָנט זיין נישט קיין שלעכטער „קאָריסט” (כאָ־ריסט) — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער.

— נישקשה, סע וועט אים גאָרנישט שאַדן, אויב ער וועט אָפּשפּילן אין דער פּראָווינץ עטלעכע יאָר — האָבן אַנדערע צוגעגעבן.

געווען אַזעלכע וואָס האָבן געפילט אַז עס ווערט באַגאַנגען אַן עוולה, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט גענוג מוט און געשוויגן. און האָט זיך שוין געפונען איינער אַן ערלעכער, וואָס האָט געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגן די צוויי נייע יונגע כוחות, איז מען אים באַפאַלן און פאַרשריגן פון אַלע זייטן.

51. — דער עקזאַמען

נאָך אַ דעם איינאַונאַיינציקן אויפטריט אין ניו־יאָרק איז שלמהלע מיט סאָניען אַרויסגעפֿאָרן שפּילן טעאַטער אין דער פּראָווינץ. די טרופּע מיט וועלכער זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין איז געווען צונויפגעשטעלט פון לויטער „נישט־עקזאַמינירטע” אַקטיאָרן, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס מען האָט געמאַכט דורכפאַלן אָדער מען האָט נישט צוגעלאָזט צום עקזאַמען. דאָס אַרויספאָרן מיט אַ טרופּע וואָגלער האָט שלמהלען געקאָסט זייער פיל געזונט, און דאָס וואַנדערן גופא האָט זיך אים איצטער מער אַריינגעביסן אין די ביינער, ווי דאָס ביז־איצטיקע אַרומיאָגן זיך נאָך גליק איבער דער גאַנצער וועלט. פאַרדראָס און פאַרביטערונג האָבן אָנגעפילט די נשמות פון די צוויי יונגע שוישפּילער, און זיי האָבן געטראָגן אַ האַס אין האַרצן קעגן די אומברחמנותדיקע פירערס פונעם ניו־יאָרקער פאַריין, אָדער ווי מען רופט זיי, די „יוניע”, וועלכע האָט איבערגעהאַקט זייער וועג און נישט דערלאָזט זיי שטייגן העכער אין זייער קינסטלערישן גאַנג.

אָבער די צייט היילט אַלע וווּנדן, און פּאַמעלעך האָבן שלמהלע מיט סאָניען זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צום פּראָווינצער טעאַטער־לעבן און זיי האָבן שלום געמאַכט מיט זייער גורל. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט פון זייערע נייע חברים, די מיטגלידער פון דער וואַנדער־טרופּע, אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט דעם גאַנצן ענין פון „פלעגן קונסט”, פאַרקוקן ביים שפּילן אויף פיל זאַכן, וואָס פריער וואָלטן זיי זיך נישט דערלויבט דאָס צו טאָן. זיי האָבן פאַרגעסן זייער יוגנטלעכן ענטוזיאַזם און איבערגעגעבנקייט ביים אויפפאַסן אַ ראָל, ביים אינטערפּרעטירן ווי געהעריק די פּיעסע. זיי האָבן שוין פיל ווייניקער מדקדק געווען אויף דער אויסשטאַטונג, אויף די קאָסטיומען און רעקוויזיטן. עס האָט געמעגט פעלן אפילו דאָס עלעמענטאַרסטע, האָט מען זיך אָפּגעווישט די ליפּן און די פאָרשטעלונג איז געגאַנגען.

געשפּילט האָט מען אַ באַשרענקטן רעפּערטואַר און קיינעם איז נישט געגאַנגען אין לעבן אַרויסצושטופּן אין פאָדערגרונט. איין טאָג האָט

שלמהלע געשפּילט זײַנע אַ פּיעסע, און אַ צווייטן האָט אַן אַנדערער אַק־טיאָר אויפגעפירט זײַנע אַ „קרעאַציע". דאָס טעאַטער־שפּילן האָט פאַר־לוירן בײַ אַט די אַלע וואַנדערער דעם כאַראַקטער פון שאַפן און פלעגן בינע־קונסט, נייערט עס איז געוואָרן פשוט אַן ענין פון לויטער פּרנסה, פון עקזיסטענץ. אין דער טרופּע האָט געהערשט שלום, פּונקט ווי בײַ קריגס־חברים, וואָס ווייסן אַז סוף־כל־סוף דערוואַרט אַלעמען דער זעל־בער גורל.

אַן ערנסטע זאָרג איז איצטער צוגעקומען — סאָניעטשקעס שוואַנ־גערשאַפט, און אַנשטאָט זיך דערמיט צו פרייען, ווי צוויי יונגע לעבנס־לוסטיקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך גרענעצלאָז ליב, האָבן זיי אַנגעהויבן זיך פאַרטראַכטן מיט אומענדלעכן טרויער וועגן זייער איצטיקער לאַגע. אין ניו־יאָרק האָבן זיי טאַקע נישט געקאָנט פאַרדינען אויף זייער חיונה, אָבער דאָס וואַנדערן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, איז געוואָרן אַן אוממעגלעכע זאַך צוליב סאָניעס צושטאַנד. קיין אַנדערע עצה האָבן זיי אָבער נישט געהאַט, און ווי נישט איז צוגעצויגן ביז די זעקס חדשים פון אַרומוואַנדערן מיט דער טרופּע.

פילוויניק אין דער זעלבער צייט האָט שלמהלע באַקומען אַ מעלדונג פונעם פאַריין, אַז ער דאַרף זיך שוין צושטעלן צום עקזאַמען. בינו־לבינו איז די וואַנדער־טרופּע אויפגעלייזט געוואָרן און שלמהלע מיט סאָניען זענען צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק.

***

צום עקזאַמען אין דער „יוניע" איז שלמהלע געגאַנגען איינער אַליין ווייל סאָניע איז שוין דעמאָלט געווען אין די הויכע חדשים. אַרײַנקומענ־דיק אין זאַל ווו דער עקזאַמען האָט געזאָלט פאָרקומען האָט שלמהלע שוין דאָרטן געטראָפן אַ היפּשן עולם פון אַקטיאָרן און אַקטריסעס וועלכע זענען געקומען בײַוווינען דעם פּרווו פון שלמהלעס טאַלאַנט. מערסטנ־טייל זענען עס געווען מיטליאָריקע און עלטערע שוישפּילער, און זעלטן עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ פּנים פון אַ יונגן מענטשן. די גאַנצע פאַר־וואַלטונג מיטן פּרעזידיום בראש זענען שוין געזעסן אַרום דעם גרינעם טיש און דער פּרעזידענט, אַן אַפּערעטן־סטאַר, האָט גלייך פאַרגעשטעלט פאַרן עולם דעם נייעם קאַנדידאַט צו ווערן אַ מיטגליד אין פאַריין.

—באַלד ווען פאָרקומען די פּראָבע — האָט ער פאַרענדיקט זײַן

קורצע רעדע — אַלע „מעמבערס" (מיטגלידער) ווערן געבעטן צו שטי־
מען ערלעך, אין הסכם מיט זייער געוויסן.

אַ צווייטער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד האָט באַלד פאַרטיילט צווישן די
פאַרזאַמלטע וואַלבאַרעכטיקטע צו צוויי צעטעלעך. אויף איין צעטעלע
איז געווען אָפּגעדרוקט אַ „יעס" (יאָ) און אויפן צווייטן אַ „נאָ" (ניין).
אין אָט די צעטעלעך, מיט וועלכע עס ווערט געמאַכט די געהיימע אָפּ־
שטימונג, איז געלעגן שלמהלעס גורל.

שלמהלע האָט געקוקט אויף די אַנוועזנדיקע אַקטיאָרן, און מיט זיין
געניטן אויג פון אַ מענטשן, וואָס איז שוין אויסגעוווען אַ וועלט, האָט ער
געפּרוווט דורכדרינגען זייערע געדאַנקען. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט
אין זייערע פּנימער, אין די פּנימער פון אַלטע אָפּגעלעבטע אַקטיאָרן, פון
וועלכע עס שרייט אַראָפּ טאַלאַנטלאָזיקייט, פּנימער פון מענטשן, וואָס
האָבן נישט דערגרייכט זייער ציל אין לעבן און דעריבער קאָנען זיי קיי־
נעם גאָרנישט פאַרגינען און האַסן אַלץ וואָס איז שיין און יונג און פעיק.
זיי זענען אַלע געזעסן אויסגעזעצט אויף בענקלעך, און שלמהלעס בליק
האָט געוואַנדערט איבער די גרויע און פליכעוואַטע קעפּ זייערע, ווי ער
וואָלט זוכן עפּעס אַן אָנשפּאַר, אָבער ער האָט אים נישט געפונען. זיין
בליק האָט געוואַנדערט ווייטער און אָנגעטראָפן אויף פרויאישע געזיכ־
טער, אָבער די דאָזיקע פרויען וואָס האָבן נאָך עד־היום געשפּילט סוב־
רעטנס און ליבהאָבערנס, האָבן איצטער אויסגעזען אַלט און אָפּגעלעבט.
פיל פון זיי זענען שוין זיכער געווען באָבעס. אַרום זייערע מיילער האָט
זיך געבלאָנקעט אַ ציניש שמייכעלע, וואָס האָט שלמהלען קיין שום גוטס
נישט פאַרויסגעזאָגט.

צום עקזאַמען האָט שלמהלע צוגעגרייט אַ פראַגמענט פון האַמלעטס
מאָנאָלאָג: „זיין אָדער נישט זיין". שלמהלע האָט ליב געהאַט צו שטו־
דירן שעקספּירן און האָט פון לאַנג שוין געחלומט אויפצוטרעטן אין דער
ראָל פון האַמלעטן. ווען ער איז אַרויסגעקומען אויפן קליינעם בינעלע,
אַן אָנגעטוענער אין אַ האַמלעט קאָסטיום, האָט ער צוגעשמידט צו זיך די
אויגן פון אַלע אַנוועזנדיקע. ער האָט אויסגעזען ווי אַ דערשיינונג פון אַן
אַנדערער וועלט, פון דער וועלט פון אמתער קונסט וווּ מען ווייסט נישט
פון טעאַטער־אינטריגעס און פון אַקטיאָרישער קנאה־שנאה. מיט זיין טי־
פער און לירישער טענאָר־שטימע האָט ער אָנגעהויבן צו רעציטירן די
וווּנדערלעכע שעקספּיר־פערזן, און ער אַליין האָט פאַרגעסן וווּ ער גע־
פינט זיך און פאַר וועמען ער שפּילט. ער האָט אַרויסגעבראַכט יעדן מינ־
דעסטן ניואַנס, יעדן סובטעלן טאָן און זיין וויבּרירנדיקע שטימע האָט גע־
טראָפן אין יעדן האַרץ, געצוואונגען אַלעמען איינהערן זיך מיט אויפמערק־

זאַמקייט און ערנסטקייט. אפילו די סאַמע פאַרביסענע „נישט־צולאָזער" האָבן זיך פאַרגעסן, און פון זייערע פּנימער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן דער איראָנישער אויסדרוק צוזאַמען מיט די ציניש שמייכעלעך וועלכע האָבן זיך געבלאָנקעט אין די מויל־ווינקלען.

ווען ער האָט געענדיקט איז אויסגעבראָכן אַ ספּאָנטאַנער שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן, אָבער שלמהלע איז נאָך אַלץ געווען פאַרטאָן אין זיין האַמלעט־ראָל. ער האָט זיך מעכאַניש פאַרנויגט, אָבער ער האָט נאָך אַלץ איבערגעלעבט די שטאַרקע מאָמענטן פון דער רעציטאַציע.

***

עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָצעדור פון אָפּשטימען און ציילן די אָפּגעגעבענע שטימען. די פאַרוואַלטונג האָט געהאַלטן אָרדענונג. יעדער איינער פאַרעגיסטרירטער מיטגליד איז לויט דער ריי אַרויסגערופן געוואָרן ביים נאָמען, און אַריינגעוואָרפן זיין שטים אין וואַל־קעסטעלע.

לויט דער שטימונג וואָס האָט געהערשט אין זאַל בשעת שלמהלעס עקזאַמען, האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן אַז ער וועט ווערן גלייך אָנגענומען אין פאַריין. געווען עטלעכע ערנסטע און ערלעכע אַקטיאָרן צווישן די אָנוועזנדיקע, וועלכע האָבן נישט געצווייפלט קיין איין מינוט אפילו, אַז שלמהלע וועט דורכגיין דעם עקזאַמען מיט טריאומף. ווער האָט עס זיך דען געקאָנט פאַרשטעלן אַז שלמהלע, וועמענס גורל איז געלעגן אין די הענט פון העסלעכע נישט־פאַרגינערס, וועט ליידן אַזאַ גרויזאַמען דורכפאַל?

מען האָט אָנגעהויבן ציילן די שטימען. אויף יעדע פינף אָדער זעקס „ניינס" איז געווען קוים איין „יאָ". דער אַלגעמיינער רעזולטאַט האָט געגעבן באַ די אַכציק פּראָצענט „ניינ'ס" און צוואַנציק "יאָ'ס".

פיל פון די אָנוועזנדיקע, אין דער ערשטער ריי די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, האָבן זיך געשעמט אויפצוהויבן זייערע אויגן. יעדער איינער איז אַרויסגעגאַנגען פון זאַל מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, ווי ביי אַ לוויה. שלמהלע האָט זיך אויך געשעמט, אָבער נישט פאַר זיין דורכפאַל. ער האָט געוווּסט אַז נישט ער איז דורכגעפאַלן. עס זענען דורכגעפאַלן די יעניקע וואָס האָבן דעצידירט וועגן זיין גורל, עס זענען דורכגעפאַלן די וואָס האָבן געשטימט קעגן אים.

52. — שלמהלע באַשליסט צוריקצופֿאָרן קיין אייראָפּע

סאַניטשקע האָט אינגאַנצן איצטער אויפֿגעהערט אַרויסגיין פֿון שטוב און ווייזן זיך צווישן מענטשן. זי האָט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן די אומ־פֿאַרשעמטע גלימשיקע בליקן פֿון די אַקטריסעס, ווען זיי האָבן געקוקט אויף איר יעדעס מאָל ווען זי האָט זיך צווישן זיי געוויזן. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז אין זייערע בליקן ליגט אַ חוזק־געלעכטערל און זי האָט אין דמיון געהערט די רכילות וואָס מען האָט אויף זיי ביידן גערעדט.

זי האָט שטענדיק ליב געהאַט צו זיין צוזאַמען מיט שלמהלען און עס איז איר שווער אָנגעקומען די איינזאַמקייט אַפילו ווען שלמהלע איז אַוועק פֿון שטוב נאָר אויף עטלעכע שעה, אָבער אין איר איצטיקן צו־שטאַנד האָט די איינזאַמקייט נאָך מער איר וויי געטאָן, און יעדע מינוט וואָס שלמהלע האָט איר געלאָזט אַליין, האָט זיך איר אויסגעוויזן צו זיין אַן אייביקייט.

אויך איצטער, ווען שלמהלע איז אַוועק צום עקזאַמען, האָט זי זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפֿינען. מיט אומגעדולדיקע טריט האָט זי אַרומ־געשפּאַנט איבערן צימער, און שטיל געפּליסטערט אַ נאַיווע תּפֿילה אַז „ער זאָל אַלץ איבערקומען בשלום".

„גאָטעניו — האָט זי געשעפּטשעט — נעם אַוועק די קלעצער, וואָס דער פֿאַריין האָט געלייגט מיין שלמהלען אין וועג. גיב אונדז צוריק אונדזער פֿרייד און אונדזער רו".

זי איז מיד געוואָרן פֿונעם אַרומשפּרייזן איבערן צימער און זיך צו־געלייגט אויפֿן בעט. איר געדאַנק האָט נישט גערוט אויף קיין איין רגע. אין איר דמיון האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצושיילן געשטאַלטן פֿון ווייטן עבר, געשטאַלטן טייערע און נאָענטע, וועמען זי האָט שוין לאַנג פֿאַר די אויגן נישט געזען.

עס האָט זיך איר פּלוצלינג גענומען אויסדוכטן, אַז טעמע, די מאַמע אירע, שטייט לעבן איר און קוקט אויף איר מיט גוטע, צערטלענדיקע בליקן.

— מאַמע, מיין גוטע מאַמע — האָבן סאַניעס ליפּן געפּליסטערט — זע מאַמע, איך טראָג אין מיין לייב אַ נאָמען פֿאַר דיינעטוועגן, אַ נאָמען

צו פאַראייביקן דיין אָנדענק. מי זיך פאַר אונדז, מאַמע, אין די הימלען, טו עס פאַר אונדז פאַר דיינע קינדער, פאַר דיין טאָכטער וועלכע געפינט זיך אַן עלנטע אין אַ פרעמד־ווייטן לאַנד, פאַר דיין איידעם, פאַר שלמה־לען וועמען דו האָסט אַזוי ליב געהאַט. גיב אים צוריק זיין רו, זאָל ער ווייטער קאָנען אַרבעטן, זאָל ער ווידער פול ווערן מיט מוט און מיט האָפענונג... אָ, מאַמע, ווי איך האָב דיך נויטיק איצטער, ווען איך געפין מיך אויפן ראַנד פון לעבן און טויט..."

אַ לייכטער סקריפּ פון דער טיר האָט סאָניען אַרויסגעריסן פון איר פאַרטראַכטקייט. ערשט איצט האָט זי דערפילט אַז זי ליגט אין אַ טייך פון שווייס און אירע אויגן זענען פאַרלאָפן מיט טרערן. עס איז איר אַ שאָד געווען וואָס איר חלום איז איבערגעריסן געוואָרן, אַזוי גוט געווען זיך דורכצורעדן מיט דער מאַמען, זיך אָפּרעדן פון הארץ פאַר איר שאַטן...

— העלאָ, סאָניטשקע — האָט שלמהלע אַ זאָג געטאָן מיט געמאַכטער פריילעכקייט — וואָס איז? דו שלאָפסט גאָר?

— ניין, שלמהלע, איך שלאָף נישט, איך וואַרט אויף דיר — האָט זי אים געענטפערט און איילנדיק אָפּגעווישט די טרערן פון אירע אויגן. זי האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און געקוקט אויף שלמהלען מיט אויגן וועלכע זענען פול געווען מיט דערוואַרטונג.

אָבער שלמהלע האָט גאָרנישט דערציילט. ער האָט זי אַרומגענומען און אויסגעקושט די פאַרוויינטע אויגן און אויסגעזויגן די טרערן וועלכע זענען געהאַנגען אויף אירע וויעס.

— פאַרוואָס עפּעס וויינען, נאַרעלע? זיי אַלע, מיט דעם גאַנצן דורכגעפוילטן פאַריין זייערן האָבן נישט די ווערט, אַז דו זאָלסט צוליב זיי כאָטש איין קליינינקע טרער פאַרגיסן. נישטאָ וואָס צו וויינען, סאָניטשקע. מיר פאָרן צוריק קיין אייראָפּע. דאָס איינציקע וואָס איך וועל יאָ מיטנעמען פון דאַנען איז אַן אַמעריקאַנער פּאַס, און מיט אָט דעם פּאַס וועל איך זיך קאָנען פריי באַוועגן איבער מיין היימלאַנד. דאָרט, אין רוסלאַנד, וועל איך רואיק קאָנען פאָרזעצן מיין קינסטלערישע אַרבעט.

סאָניטשקע האָט שוין מער נישט געפרעגט. פון זיינע רייד בלויז האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ער איז דורכגעפאַלן ביים עקזאַמען.

— ווו וועסטו נעמען אַן אַמעריקאַנער פּאַס, שלמהלע? — האָט זי געפרעגט.

— דאָ, אין די פאַרייניקטע שטאַטן, קאָן יעדער מענטש נאָך אָפּזיין אַ געוויסע צייט אין לאַנד ווערן אַ בירגער. איך האָב געפאָלגט טאַמאַ־

שעוּסקים עצה, און גלייך נאָכן אָנקומען איינגעגעבן אויף בירגערשאַפט. ער וועט מיר שוין העלפן שנעל אַרויסצובאַקומען דעם פּאַס.

— און ווען רעכנסטו וועלן מיר פאָרן?

— איצטער קלער איך נאָך נישט פון קיין שום פאָרן, כל־זמן דו ביסט נישט איבערגעקומען דעם קינפּעט. ביזן מאָמענט ווען דו וועסט שוין, מיט גאָטס הילף, האָבן איבערגעקומען אַלץ בשלום, רירן מיר זיך נישט פון אָרט. דערווייל וועל איך זיך איבערשרייבן מיט פישזאָנס טרופּע. איך האָב שוין זייער געגויעם אַדרעס, און ביז דער ריכטיקער צייט וועל איך שוין שטיין מיט זיי אין קאָנטאַקט. אָבער דו סאָניטשקע מוזט מיר צו־זאָגן, אַז דער דורכפאַל מיינער ביים עקזאַמען, וואָס איז פאַרורזאַכט גע־וואָרן דורך שלעכטע און בייזווילּיקע מענטשן וועט דיך גאָרנישט אַרן. מיר וועלן עס פאַרצייכענען אין אונדזער וואַנדער־קאַריערע ווי נאָך אַ לע־בערלעכן און כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד פון טעאַטער־לעבן.

— דיינע פאַרלאַנגען זענען אויך מיינע, שלמהלע טייערער, און איך זאָג דיר צו צו טאָן אַלץ וואָס דו ווילסט — האָט סאָניטשקע געענטפערט קוקנדיק אויף אים מיט אויגן פולע מיט דאַנקבאַרקייט און ליבשאַפט. — מיר וועלן פאָרן אַהין ווו מען דאַרף אונדז יאָ... — האָט זי צוגעגעבן אַ פאַרטראַכטע.

— פאַר קיין פאַל וויל איך מער נישט בלייבן דאָ — האָט שלמהלע ווייטער גערעדט, ווי ער וואָלט געוואָלט ענטפערן זיינע אינערלעכע גע־דאַנקען — ניין, דאָ וויל איך נישט בלייבן, אפילו ווען מען זאָל מיך בעטן, אפילו ווען מען זאָל מיר פאַרלייגן די בעסטע באַדינגונגען. דער דורכפאַל מיינט גאָרנישט פאַר מיר, דער גערעכטער בין איך און נישט זיי, אָבער וואָס עס טוט מיר צום שטאַרקסטן ווייַ — האָט ער ווייטער גערעדט אַ פאַרקלערטער, מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן — איז דאָס וואָס איך האָב אָוועקגעגעבן אַזוי פיל נשמה ביים שטודירן האַמלעטן. דער רושם אין זאַל איז געווען אַ גוואַלדיקער. איך האָב עס געפילט פון דער בינע אַראָפּ... און זיי, די בייזווילּיקע ברואים, האָבן געהאַט אַזעלכענע קופּערנע שטערנס, אַזוי פיל חוצפּה... אָבער נישט כדאַי צו רעדן וועגן אָט דעם אַלעם. עס איז נישט מער ווי פּשוטע קליינלעכע מורא פאַר קאָנקורענץ, ווי דאָס ציטערן צו זיין געזיכערט מיט דעם שטיקעלע פּרנסה.

— זיי האָבן מורא פאַר אַזעלכענע שלמהלעך, ווי דו ביסט עס — האָט סאָניטשקע געזאָגט. זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך און אַרויפגע־שאַרט מיט אירע ווייסע פינגער די צעשויבערטע האָר זיינע און ווייטער גערעדט — אָבער אויך דו מוזט מיר שווערן, אין נאָמען פון אונדזער גרויסער ליבע, אַז אויך דו וועסט זיך נישט נעמען צום האַרצן דאָס וואָס

זיי האָבן צו דיר געטאָן. מיר וועלן געדולדיק וואַרטן אויפֿן מאָמענט פֿון אָנקומען פֿון אונדזער ליבן קליינעם „גאַסט“... אָט איצטער קלאַפּט ער ביי מיר אינעווייניק מיטן פֿיסעלע... ס'איז אַזאַ זיסער געפֿיל... מיר וועלן איצטער האָבן פֿאַר וועמען צו זאָרגן... ס'וועט זיין אַ זיסע זאָרג, ווי מיינסטו, שלמהלע?

— ווי שיין דו רעדסט איצטער סאָניטשקע, פֿונוואַנען דערנעמט זיך עס צו דיר? דאָס איז דאָך די שענסטע פּאָעזיע, וואָס איך האָב ווען עס איז געהערט... זי קומט דאָך פֿון דער טיפֿעניש פֿון דיין נשמה...

ער איז שטיל געבליבן און בלויז ביידנס אויגן האָבן גערעדט. אויגן פֿון צוויי יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב און גלויבן אין דעם זעלבן הייליקן אמת.

53. — שלמהלע מיט סאָניען האָבן אַ טאָכטער

סאָניטשקע איז כסדר געווען אונטערן אויפזיכט פון אַ געניטן דאָקטאָר, וועלכער האָט זי פון צייט צו צייט אונטערזוכט און געוואַכט איבער איר געזונט-צושטאַנד. ער האָט איר די גאַנצע צייט פאַרזיכערט אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג און ער זעט נישט פאַר קיין שום קאָמפּליקאַציעס.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט סאָניטשקע אָנגעהויבן זיך צו קלאָגן טאָר, וולכער האָט זי פון צייט צו צייט אונטערזוכט און געוואַכט איבער ערנסטער מאָמענט דערנענטערט זיך. זיי האָבן זיך געריכט אויף אָט דעם מאָמענט. די גאַנצע צייט, און דאָך ווען ער איז געקומען, האָבן זיי זיך ביידע דערשראָקן און נאָך שטאַרקער דערפילט זייער איינזאַמקייט אין ווייטן פרעמדן לאַנד. שלמהלע איז אַראָפּ אין גאַס, גערופן אַ טאַקסי און ביידע זענען גלייך אַוועקגעפאָרן אין דער סאַנאַטאָריע, וואָס שלמהלע האָט שוין געהאַט באַשטעלט פון פריער. דער דאָקטאָר וואָס איז דאָרט געווען האָט באַלד באַטראַכט סאָניען, און באַפוילן איר בלייבן אין אַנשטאַלט.

שלמהלע האָט געקוקט אויף די גרויסע, ווייס-געמאָלטע סאַנאַטאָריעווענט, אויף דער ריינקייט און זויבערקייט וואָס האָט געהערשט אין יעדן ווינקעלע, צוגעזען די פיינע אָרדענונג וואָס האָט דאָרט געהערשט, די גוטע באַדינונג, וואָס מען האָט געגעבן די פּאַציענטקעס און דאָס אַלץ האָט אים דערמוטיקט און געמאַכט אים פילן זיך זיכערער און שטאַרקער ביי זיך. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון סאָניעס בעט און געטיילט זיך מיט איר מיט זיינע איינדרוקן, געטרייסט איר, צוגעגעבן מוט און צוגעזאָגט, אַז ער גייט נישט אַוועק אין ערגעץ, אַז ער בלייבט דאָ, לעבן איר.

אין אַ געוויסן מאָמענט ווען סאָניע האָט אָנגעהויבן זיך צו פילן נישט גוט, האָט ער אַריינגערופן די קראַנקן-שוועסטער און יענע האָט גלייך אַריינגערופן דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט באַפוילן שלמהלען אַרויסגיין אין וואַרט-צימער.

ער האָט איבערגעלעבט שווערע שעהן, אַ געמאַטערטער פון מורא און אומגעדולדיקייט. ענדלעך איז אַרויסגעקומען די קראַנקן שוועסטער

און געמאָלדן שלמהלען אַז סאָניטשקע האָט געבוירן אַ מיידעלע. שלמה־לע איז געזעסן אין אַ ווייכער שטול, און באַהאַלטן דאָס פּנים איןביידע הענט. ווען ער האָט באַנומען דעם באַדייט פון דער קראַנקן־שוועסטערס ווערטער האָט ער זיך געגעבן אַ ריס פון זיין אָרט און געלאָזט זיך לויפן אַהינצו, אין צימער, ווו סאָניטשקע האָט זיך געפונען, אָבער די קראַנקן־שוועסטער האָט אים איידל אָנגענומען ביים אָרעם און פאַרהאַלטן.

— איר קאָנט נאָך נישט אַריינגיין — האָט זי געזאָגט מיט אַ גראַציעז העפלעך שמייכלעלע — מיר וועלן אייך רופן ווען מיר וועלן נאָר קענען דאָס טאָן — און זי איז אַריין אין צימער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

שלמהלע איז שטיין געבליבן אַ צעטומלטער, און נישט אומשטאַנד געווען צונויפצונעמען די געדאַנקען. ער האָט נישט געוווסט פון וואָס צו טראַכטן פריער. „דער עיקר איז — איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק — אַז סאָניע, דאַנקען גאָט, לעבט און... און איך האָב שוין אַ טעכטערל... אַ טעכטערל...”

ער האָט שוין מער נישט געקאָנט איינזיצן אויף אָן אָרט, געהאַלטן אין איין אַרומשפּרייזן איבערן צימער אַהין און צוריק. אַלע מאָל האָט ער געוואָרפן אַ בליק צו דער טיר, הינטער וועלכער עס איז פאַרשוווּנדן גע־וואָרן די קראַנקן־שוועסטער — אפשר רופט מען אים שוין. יעדע מינוט האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זיין לענגער פון אַ שעה.

ענדלעך האָט זיך די שמייכלענדיקע קראַנקן־שוועסטער באַוויזן אויפסניי. ער איז איר אַנטקעגנגעלאָפן מיט פרעגנדיקע און בעטנדיקע אויגן.

יאָ, איר קאָנט שוין אַריינגיין צו אייער פרוי — האָט זי געזאָגט צו אים מיט אַ קלינגעוודיקער, ווייכער שטימע.

**
*

סאָניטשקע האָט איבערגעלעבט שווערע מאָמענטן. זי האָט געוווסט אַז די יסורים וואָס זי ליידט זענען אומפאַרמיידלעכע, און זי איז געווען אינערלעך צוגעגרייט דערויף, אָבער עס איז איר דאָך שווער געווען אי־בערצוטראָגן די גרויסע ווייטיקן. אין איר נויט האָט זי געהאַלטן אין איין רופן די פאַרשטאָרבענע מוטער אירע: „מאַמע, — האָט זי געשעפּטשעט — באַשיץ מיך פון אַלדאָס בייז און העלף מיר ברענגען אויף דער וועלט דאָס עופהלע, וואָס וועט טראָגן דיין נאָמען”.

איצטער איז זי שוין געלעגן אַ רואיקע, נאָר אַן אויסגעשעפּטע און אָפּגעשוואַכטע פון די גרויסע ווייטיקן וואָס זי האָט דורכגעמאַכט. זי איז געלעגן אַ באַפרייטע, אַן אויפגעבונדענע, נאָר אָן כוחות. איצטער, מער ווי שטענדיק, האָט איר געשוועדט איר איינזאַמקייט. פאַרוואָס לאָזט מען נישט אַריין דעם איינציקן טייערן און נאָענטן מענטשן, וועמען זי פאַרמאָגט דאָ, שלמהלען. מיט אַ שוואַך קול האָט זי זיך געווענדעט צו דער קראַנקן-שוועסטער:

— אפשר קאָנט איר מיר אַריינרופן מיין מאַן, איך וועל אייך זייער דאַנקבאַר זיין דערפאַר.

די שוועסטער האָט אַ שמייכל געטאָן. אַזוי פיל קינפּעטאָרנס זענען שוין אַדורך דורך איר האַנט, אָבער אָט די יונגע אויסלענדישע פרוי איז אַזאַ שיינע און צאַרטע. זי האָט זיך איבערגעבויגן און איר אַ צערטלעכן קוש געטאָן, ווי אַ מאַמע.

— אָט גיי איך דיר אַריינברענגען דיין מאַן — האָט זי געזאָגט.

סאָניע האָט זיך געפּרוווט אויפזעצן.

— נאָ! — האָט די קראַנקן-שוועסטער אויף איר אָנגעשריגן ווי אויף אַ קינד — דאָס טאָרסטו נאָך נישט טאָן.

שלמהלע איז אַריינגעקומען און אַ בלאַסער זיך דערנענטערט צו איר בעט. ער האָט איר אַ קוש געגעבן אין שטערן און שטיל אַ זאָג געטאָן: „מזל-טוב!"

סאָניטשקע האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, געוואָלט טיילן זיך מיט שלמהלען מיט דער גרויסער פרייד אירער, אָבער זי האָט דערפילט אויף זיך דעם שטרענגן בליק פון דער קראַנקן-שוועסטער און איז ליגן געבליבן אַ רואיקע און שטילע. דער ווייטיק, וואָס האָט איר אָנגעכאַפּט ביי דער בלויזער באַוועגונג פון וועלן זיך אויפזעצן האָט איר איבערצייגט אויף וויפל די קראַנקן-שוועסטער איז געווען גערעכט. זי איז געלעגן אַ רואיקע און שווייגנדיקע, מיט אַ בלאָס בלוטלאָז געזיכט, און בלויז אירע אויגן האָבן דערציילט שלמהלען ווי גליקלעך זי איז איצטער.

אין ביידנס אויגן האָבן געפינקלט טרערן פון פרייד.

54. — בריוו פון איראָפּע

דעם קינד האָט מען אַ נאָמען געגעבן טעמעלע, נאָך סאָניעס מאַמע טעמע ע"ה. דאָס קליינע, שיינע נפשל האָט איצטער פאַרנומען אַלע זייערע געדאַנקען און זיי האָבן צומאָל נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן אפילו וועגן עפּעס אַנדערש. ביידע, סיי שלמהלע און סיי סאָניע זענען איצטער כמעט נישט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. שלמהלע האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען ווי קאָן מען עס ליב האָבן אַזוי אַזאַ קליין נפשל. ער איז גרייט געווען זיך מוסר-נפש צו זיין דערפאַר. גאַנצענע טעג פלעגט ער האַלטן דאָס קינד אויף די הענט און שפּילן זיך דערמיט, און סאָניטשקע פלעגט זיצן און קוקן אַ גליקלעכע אויף איר מאַן וואָס שפּילט זיך מיט זייער קליינער טאָכטער.

זיי זענען ביידע געווען אַזוי פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג מיטן קינד אַז שלמהלע האָט אינגאַנצן פאַרגעסן צו טראַכטן וועגן פּרנסה. ביינאַכט אָבער פלעגט ער בלייבן ליגן שלאָפלאָז אויף זיין געלעגער און מאַכן אַ חשבון פון זיינע פינאַנסן. די לאַגע איז ווייט נישט געווען קיין געהויבענע. דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון זיינע גאַסט-שפּילן אין רומעניע, לעמבערג, ווין און אין לאָנדאָן, האָט זיך אָנגעהויבן אויסצולאָזן. פון דעם אַרומפאָרן מיט דער טרופּע אויף דער פּראָווינץ איז אים ווייניק וואָס געבליבן. ערשט די הוצאות, וואָס ער האָט געמאַכט אין צוזאַמענהאַנג מיט סאָניעס קינפּעט, האָבן אים אינגאַנצן אויסגעשעפּט אַלע רעזערוון.

פלעגט ער ליגן און פאַרברענגען שלאָפלאָזע נעכט, קוקנדיק צו דער סטעליע פונעם האָטעל-צימער, וואָס איז געווען באַלויכטן מיטן שוואַכן שיין פונעם נאַכט-לעמפּל. ער האָט באַטראַכט זיין גרויס פאַרמעגן — זיין יונגע שיינע און געטרייע פרוי מיט דעם פּיצעלע קינד, וואָס שלאָפן אין צווייטן בעט. יאָ, דאָס איז אַ גרויס פאַרמעגן — האָט ער געטראַכט — און עס איז פשוט אַ נחת אויף זיי צו קוקן. קוקנדיק אויף זיי קאָן מען פאַרגעסן פון דער גאַנצער וועלט, אָבער ווו נעמט מען די מיטלען צו פאַרזיכערן זיי אַ רואיק און גליקלעך לעבן?

עס האָט אים שטאַרק געוווּנדערט, פאַרוואָס ער האָט נאָך נישט באַ־

קומען קיין ענטפער נישט פון פישזאָנען און נישט פון מיליען. אפשר איז עס דערפאַר — האָט ער געטראַכט — ווייל ער האָט זיי אַרויסגעשריבן וועגן זיין קריטישער לאַגע און זיך געהיימן שיקן געלט אויף שיפסקאַרטן? אָבער פונדעסטוועגן... מילא, פישזאָן ווי פישזאָן, אָבער מיליע, אַט די גוּ־טע נשמה זאָל איגנאָרירן אַן אים פאַרגעסן און אים אפילו נישט ענטפערן?

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אים אַזוי אָפּגעמאַטערט אַ גאַנצע נאַכט און ערשט אינדערפרי איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן, אָבער זיינע טראַכטע־נישן האָבן אים פאַרפאָלגט אויך אין שלאָף. אַט רעדט ער מיט פישזאָנען, און אַט ווידער שטייט לעבן אים מיליע. זי איז יונג און לעבנסלוסטיק, מיליע טאַקע, און פרייט זיך צוזאַמען מיט אים און מיט סאָניען אַז זיי האָבן אַזאַ שיין און ליב קינד. זי לאַכט און שפּילט זיך מיטן קינד, און קושט הארציק סאָניטשקען ווי אַ מאַמע...

פון אַט דעם חלום האָט אים אויפגעוועקט דאָס געוויין פון דער קליי־נער טעמעלע. דאָס קליינע נפשל האָט געשריגן עסן, ביז וואַנען סאָניע האָט זיך איבערגעוועקט און איר געגעבן צו זויגן.

די נאַכטיקע זאָרגן זענען ווידער באַפאַלן שלמהלען אָבער ער האָט נישט געוואָלט רעדן וועגן דעם מיט סאָניען. די פינאַנציעלע זאָרגן האָט ער געהאַלטן פאַר אַן ענין וואָס דאַרף קימערן אויסשליסלעך אים אַליין און סאָניע דאַרף גאָרנישט וויסן וועגן דעם אַלעם.

— גוטמאָרגן, סאָניע! — האָט ער פריילעך אויסגערופן — וואָס איז? די קליינינקע האָט דיך אויפגעוועקט? מ׳וואָלט איר געדאַרפט אָנפּאַטשן דעם הינטן פאַר אַזאַ זאַך.

— האָסט רויטע אויגן, שלמהלע.

— איך בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, ערשט נישט לאַנג בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן.

— פאַרוואָס ביסטו עס ניט געשלאָפן באַנאַכט? — האָט סאָניע גע־פרעגט.

— איך האָב געטראַכט פאַרוואָס איך האָב נאָך אַלץ נישט קיין ענט־פער פון פישזאָנען.

— עס וועט מסתמא אָנקומען אַן ענטפער אינגיכן — האָט סאָניע מיט אַ מאָדנער זיכערקייט אין שטים געענטפערט — האָסט אַ ברירה נאָך היינט צו באַקומען אַן ענטפער.

דאָס קינד האָט אָפּגעלאָזט די ברוסט און געקוקט מיט אויסגעוואַ־שענע פינקלענדיקע אייגעלעך אויף טאַטע־מאַמע, פונקט ווי עס וואָלט פאַרשטאַנען זייער שמועס.

— שלמהלע, קום אַהער וועל איך דיר עפּעס ווייזן, — האָט סאָניטש־קע מיט אַ קינדערישער פרייד אין שטים פלוצלינג צוגערופן איר מאַן.

שלמהלע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און צוגעלאָפן צום קינד. דאָס קינד האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרשטענדיקע, קלוגע אויגן. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ כלומרשטן געבייזער צו רעדן צום פּיצעלע נפשל:

— פאַרוואָס האָסטו מיך אויפגעוועקט? האַ? נו, ענטפער, טעמעלע...

— עס זעט דאָך אויס ווי אַן אמתדיק מלאכל — האָט סאָניע גערעדט מיט אַנטציקונג — זע, שלמהלע, ווי זי לאַכט.

ביידע האָבן באַוואונדערט דאָס קליינע טעכטערל זייערס און געלאַכט אויפן קול קוקנדיק אויפן קינד. „אַזאַ פרייד קאָן מען פאַר קיין שום אוצר אין דער וועלט נישט קויפן" — האָט שלמהלע געטראַכט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד אויף די הענט און אָנגעהויבן אַרומטאַנצן דערמיט אי־בערן צימער. סאָניטשקע האָט געזונגען און צוגעפּליעסקעט מיט די הענט צום טאַקט.

אַ קלונג אין טיר האָט איבערגעריסן די דאָזיקע סצענע. דער האָטעל־דינער איז אַריינגעקומען און געבראַכט שלמהלען צוויי בריוו, איינעם אַ געוויינלעכן און אַ צווייטן אַן „עקספּרעס" — ביידע פון אייראָפּע. צו־ערשט האָט שלמהלע געעפנט דעם עקספּרעס־בריוו, און ער האָט דאָרט געפונען צוויי אָנווייזונגען: איינע צו אַ שיפס־געזעלשאַפט און די צווייטע צו דער „באַנק אָף אַמעריקאַ".

— סאָניע — האָט שלמהלע אויסגעשריגן מיט פרייד — זע וואָס איך האָב דערהאַלטן. שיפסקאַרטן און אַן אָנווייזונג אויף געלט. אַהאַ — דאָ איז אַ צושריפט פונעם דירעקטאָר פישזאָן אַליין — ער האָט אַ ווײַלע געלייענט שטיל און שפּעטער זיך געווענדעט צו סאָניען — הער זיך איין, ער לאָזט אונדז האַרציק גריסן, און בעט אַז נאָכן דערהאַלטן דאָס געלט מיט די שיפסקאַרטן, זאָלן מיר זיך גלייך אויפזעצן אויף דער שיף און נישט פאַרלירן דאָ קיין צייט.

סאָניע איז געשטאַנען מיטן קינד אויף די הענט און נאָכגעקוקט יעדע באַוועגונג שלמהלעס. איר פּנים האָט געשטראַלט פאַר פרייד און איבעראַשונג.

— נו זעסט שוין שלמהלע — האָט זי אויסגערופן — וואָס האָב איך דיר אָקאָרשט געזאָגט? מען טאָר זיך נישט פאַרלירן, נאָך בפרט ווען אַט דאָס אַ איז געבוירן געוואָרן וועט שוין זיכער אַלץ זיין מזלדיק. און וואָס געפינט זיך אין צווייטן בריוו?

שלמהלע האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט.

— דאָס איז פון מיין חברטע מיליע, וועגן וועלכער איך האָב דיר אַזוי פיל דערציילט.

און ער האָט גענומען לייענען:

„האַרציקער פריינט סאַלאָמאָן! איך האָב נישט קיין ווערטער צו שיל־דערן מיין פרייד, ווען איך האָב דערהאַלטן דיין בריוו. איך בין גליקלעך בלויז מיט דער האָפענונג, אַז אין דריי וואָכן אַרום וועל איך דיך שוין זען צוזאַמען מיט דיין ווייבעלע, סאָניען, און כאָטש איך קאָן זי נאָך נישט פערזענלעך, שטעל איך זיך פאָר אַז זי איז דיין ווירדיקע פרוי, און צוליב דעם אַליין איז זי מיר שוין איינגעבאַקן אין האַרצן, ווי זי וואָלט געווען מיין אייגענע טאָכטער...

סאָניטשקע האָט איבערגעריסן דאָס לייענען:

— זי ווייסט נאָך נישט אַז מיר האָבן אַ טאָכטער.

— פונוואַנען זאָל זי וויסן? איצטער, מיין טייערע, דאַרפן מיר זיך נעמען ערנסט גרייטן פאַרצוזעצן אונדזער וואַנדער־מאַרש. וואָס אַן אמת ווערט איצטער אונדזער וועג אַביסעלע באַשווערט... אָבער עס וועט זיין דערפאַר אינטערעסאַנטער, כ׳מיין די רייזע צוזאַמען מיט דער נייער אָנ־טיילנעמערן אין אונדזער וואַגלעניש, וואָס מיר האָבן צוגעקריגן.

שלמהלע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, ווי שטענדיק אין אַזעל־כע פאַלן, איז ער זיצן געבליבן אַ פאַרטראַכטער, מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן און געקוקט ערגעץ ווייט אין דער צוקונפט אַריין.

55. — טאָמאַשעווסקי אַנגאַזשירט שלמהלען מיט סאָניען

אין ניו־יאָרק האָט מען שוין דערוווּסט פאַרגעסן אַז ערגעץ אין אַ האָ־טעל וווינט דער אַקטיאָר סאַלאָמאָן טאָמאַסאָוו מיט זיין קליינער משפּחה, און ער אַליין, שלמהלע, האָט געוואָלט שוין וואָס גיכער אַוועק פון ניו־יאָרק און פאַרגעסן דאָס גאַנצע בייזע וואָס האָט דאָ מיט אים פּאַסירט. ער איז געווען פאַרנומען מיטן דורכפירן זיין פּלאַן — וואָס שנעלער אַוועקפאָרן קיין אָדעס צו דער פישזאָן־טרופּע.

עס איז געווען סוף 1913. פישזאָן האָט זיך שוין געהאַט פאַרזאָרגט מיט אַ זאַל צום קומענדיקן סעזאָן. ער האָט געדונגען דעם זאַל פון „רוס־קי טיעאַטר" (רוסישער טעאַטער), צום ווינטער־סעזאָן פון 1914. טאַקע צוליב דעם האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָנעם געדאַנק פון אַראָפּברענגען דאָס פּאָרפּאָלק סאַלאָמאָן און סאָניע טאָמאַסאָוו.

שלמהלע האָט שוין דערלייזיקט אַלע פאָרמאַליטעטן. ער האָט שוין אַפילו געקראָגן זיין פּאַס אַלס נאָרדאַמעריקאַנער בירגער. זיין באַגאַזש איז שוין אויך געווען איינגעפּאַקט און גרייט צום וועג. עס איז שוין אַפילו באַשטימט געווען דער דאַטום פון אַרויספאָר. די ענגלישע שיף פאַר וועל־כער זיי האָבן געהאַט די שיפסקאַרטן, האָט געדאַרפט רירן אין וועג אַריין אין דריי טעג אַרום. שלמהלע האָט אַפילו דערלייזיקט אַ נאָטיץ אינעם „פאָרווערטס", וואָס האָט געמאָלדן אַז דעם 26־טן אָקטאָבער פאָרן אָפּ קיין רוסלאַנד די באַוווּסטע אַרטיסטן סאַלאָמאָן און סאָניאַ טאָמאַסאָוו.

דאָס פּאָרפּאָלק איז שוין אַרומגעגאַנגען מיט רייזע־פיבער. בלויז די קליינינקע טעמעלע איז זיך רואיק געלעגן אין איר ניי וויגעלע, וואָס האָט איר געדאַרפט דינען אויף דער שיף פאַר אַ בעטעלע.

עס איז געווען אַ נאָכמיטיק. די קליינע טעמעלע איז געשלאָפן, און שלמהלע מיט סאָניען זענען זיך געזעסן לעבן בעטעלע און באַוווּנדערט זייער שלאָפנדיק מלאכל. זיי האָבן געשמועסט דערביי וועגן דעם גרויסן וועג וואָס שטייט זיי פאָר. שלמהלע האָט דערציילט סאָניטשקען אינטע־רעסאַנטע עפּיזאָדן פון דער פישזאָן־טרופּע, געשילדערט איר פאַרשיי־דענע פּערזאָנען מיט וועלכע עס איז אים אויסגעקומען דאָרטן מיטצו־

אַרבעטן. זייער פיל האָט ער איר דערציילט פון מיליען, ווען איר גוטס־קייט און איידלקייט, ווען איר חברישקייט און איר מענטשלעכער באַציאונג.

זייער שמועס האָט איבערגעריסן דער האָטעל־דינער, וועלכער איז פּלוצלינג אַריינגעקומען און געמאָלדן, אַז „אַ מיסטער מיט אַ זייער רייכן אויסזען וויל זען דעם מר. טאָמאַסאָוו".

— לאָז אים אַריין — האָט שלמהלע געזאָגט. זיי האָבן ביידע אָנגעהויבן צו ברענגען אין אָרדענונג זייער אויסערלעכן אויסזען און ביידע זענען געווען זייער נייגעריק, ווער עס קאָן דאָס זיין דער אומגעריכטער גאַסט. אַזוי לאַנג איז שוין ווי קיינער האָט זיי נישט באַזוכט און זיי באַזוכן קיינעם נישט. סאָניע האָט אויף גיך פאַריכט איר פריזור קעגן שפּיגל און שלמהלע האָט זיך אָנגעטאָן דאָס רעקל.

— העלאָ, קינדער — האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ פעסטע שטים. אויף דער שוועל איז געשטאַנען באַרים טאָמאַשעווסקי בכבודו ובעצמו.

— וואָס פאַר אַ כבוד, מיסטער טאָמאַשעווסקי! — האָט אויסגערופן שלמהלע אַנטקעגנקומענדיק דעם גאַסט מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. טאָמאַשעווסקי האָט באַגריסט אים און סאָניטשקען און שטיין געבליבן קוקנדיק אויף זיי מיט זיין ליבלעכן, פאָטערלעכן שמייכל.

— זיצט מיסטער טאָמאַשעווסקי! — האָבן ביידע אויסגערופן צוזאַמען.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק! איר דאַרפט נישט זיין איבעראַשט, איך קום צו אייך ווי אַ חבר קומט צו חברים. לייענענדיק אייער נאָטיץ אין „פאָרווערטס" אַז איר פאָרט אַוועק, בין איך געקומען זיך געזעגענען מיט אייך.

טאָמאַשעווסקי איז געשטאַנען מיט אַ צעשטראַלטן פּנים, און עס האָט געוויייעט פון אים מיט וואַרעמער פריינטשאַפט. שלמהלע מיט סאָניען האָבן דערפילט בחוש אַז ער ברענגט זיי עפּעס אַ גוטע בשורה, אָבער עס האָט זיי נישט געפּאַסט צו פרעגן מער. זיי האָבן געוואַרט, אַז טאָמאַשעווסקי זאָל אַליין אָנהויבן ריידן.

— ווילט איר נישט זען מיין מיידעלע? — האָט סאָניע אַ פרעג געטאָן, און אָנעמענדיק טאָמאַשעווסקין פאַר דער האַנט האָט זי אים צוגעפירט צום בעטעלע. טאָמאַשעווסקי האָט אַ קוק געטאָן אויפן קינד און זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט אַנטציקונג און ליבשאַפט.

— סאַראַ קראַסאָוויצע — האָט ער אַ דונער געטאָן מיט זיין ריזן־שטימע — זאָל זי אייך זיין צו לאַנגע יאָר.

די קליינטשיקע טעמעלע האָט זיך איבערגעוועקט פון שלאָף, אַן עפן

געטאָן די צוויי בלויע אייגעלעך און גענומען קוקן אויפן ריז, וואָס איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער איר בעטעלע. אויפן פּיצעלע פּנימל איז געווען אויסגעשפּרייט אַ לענגערע ווײַלע אַן אויסדרוק פון פאַרווונדערונג, און פּלוצלינג האָט זי „געמאַכט אַ פּיסקעלע” און זיך הילכיק צעוויינט. טאָמאַשעווסקי האָט זיך דערפילט שולדיק.

— אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב זי אויפגעוועקט — האָט טאָמאַשעווסקי געמורמלט.

— גאָרנישט, ס'איז גאָרנישט — האָט געזאָגט סאָניע. זי האָט אַ נעם געטאָן דאָס קינד אין די אָרעמס און עס איינגעשטילט.

— איר וווּנדערט אײַך אוודאי, וואָס איך בין פּלוצלינג אַרײַנגעפאַלן צו אײַך ווי אַ „יוון אין אַ סוכה” — האָט טאָמאַשעווסקי ווײַטער אָנגעהויבן ציען דעם פאָדעם פון זײַן שמועס — אַלזאָ, הערט זיך איין. איך בין געקומען אײַך אַנגאַזשירן פאַרן קומענדיקן סעזאָן פון 1914.

אויף שלמהלעס און סאָניעס פּנימער האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון אומבאַשרײַבלעכער פאַרווונדערונג.

— נו, און וואָס וועט זאָגן די „יוניע”? — האָבן זיי געפרעגט מיט־אַמאָל.

— אַלס גאַסטראָליאָרן, אָדער בעסער געזאָגט, אַלס סטאַרן, זענט איר באַרעכטיקט אַנגאַזשירט צו ווערן — האָט טאָמאַשעווסקי געענטפערט — איר ווערט אַרײַנגענומען אין טעאַטער אויסער דער צאָל, וואָס ווערט באַשטימט דורכן פאַריין, און נאָכן אָפּשפּילן דעם סעזאָן, ווערט איר שוין אויטאָמאַטיש אַקטיווע מיטגלידער, און איר דאַרפט שוין מער נישט אָפּגעבן קיין שום עקזאַמען.

שלמהלע און סאָניע האָבן זיך ביידע איבערגעקוקט, און פּלוצלינג אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געלעכטער. טאָמאַשעווסקי האָט זיך פאַרלוירן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די צוויי יונגע מענטשן חוזקן פון אים.

— וואָס איז דען דאָ צו לאַכן? — האָט ער האַלב-ברוגזלעך געפרעגט
— איך מיין עס גאַנץ ערנסט.

שלמהלע האָט אַרויסגענומען פון בוזעם-קעשענע פּישואַנס בריוו מיט די שיפסקאַרטן און געלט-אַנווייזונגען און דערלאַנגט דאָס אַלעס טאָ־מאַשעווסקין.

— אָט דאָס האָב איך דערהאַלטן ערשט אייערנעכטן — האָט ער גע־זאָגט. טאָמאַשעווסקי האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן שטוים פּאַפּירן, אַ קלער געטאָן אַ ווײַלע און שפּעטער אויפסניי זיך געווענדעט צום פאַר־פאָלק.

— און ווען איך זאָל אייך געבן אַן אַנדערן טשעק אויף דער סומע וואָס איר האָט דערהאַלטן פון פישזאָנען, וואָלט איר זיך יאָ אַנגאַזשירט צו מיר? איך מיין אַז איר דאַרפט עס טאָן. אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך נישט יעדעס מאָל. איר דאַרפט גלייך אָפּשיקן צוריק דאָס געלט, די שיפסקאַרטן קאָן מען גלייך אַנולירן, און איר פאַרשפּאָרט דעם נסיון פון מאַכן אַזאַ לאַנגע רייזע מיט אַ פּיצעלע עופהלע. אויסערדעם, פרעג איך, ווו איז לאָגיק? וואָס הייסט איר ווילט אַוועקפאָרן? פאַרוואָס זאָלט איר אייך נישט רעהאַביליטירן, אָפּשפּילן אַ סעזאָן אין ניו־יאָרק און ווערן דערנאָך אַן אַקטיוועד מיטגליד? איך עצה אייך פאַר אייער וואיל וועגן, און איר וועט געווים טאָן ווי איר פאַרשטייט. איר זענט דערוואַקסענע מענטשן און איר האָט זיך אייער אייגענעם שכל, אָבער לויט מיין פאַרשטאַנד דאַרפט איר דאָ שפּילן כאָטש איין סעזאָן, זיך דערוואַרבן דאָ אַ נאָמען, ווערן אַן אַקטיוועד מיטגליד, און אויב איר וועט שפּעטער וועלן פאָרן, איז פאַרפאַלן, פאָרט. באַזונדערס אין אַ יאָר אַרום וועט אייך זיין פיל לייכטער צו פאָרן, ווייל דאָס קינד וועט שוין זיין גרעסער.

—עס איז מיר זייער שווער צו טאָן אַזאַ זאַך — האָט שלמהלע געזאָגט — די מענטשן וועמען איך האָב צוגעזאָגט צו קומען, פאַרדינען נישט איך זאָל זיי פאַרפירן. זיי האָבן מיר געטאָן בלויז גוטס, קיין שלעכטס האָב איך פון זיי נישט געהאַט.

— און וואָס זאָגט צו דעם אַלעם די מיסעס טאָמאַסאָוו? — האָט געפרעגט טאָמאַשעווסקי — געפינט איר עס פאַר ריכטיק איצטער אַוועקצופאָרן, צעברעכן זיך, פּלאָגן זיך אַזאַ רייזע מיט אַ פּיצעלע קינד אויף דער האַנט, אין דער צייט ווען איך גיב אייך אַ געלעגנהייט איינצוואָרדענען זיך דאָ אויפן אָרט?

סאָניע האָט געקוקט אויף שלמהלען מיט פרעגנדיקע אויגן, און געוואַרט וואָס איר מאַן וועט זאָגן.

— וואָסזשע שווייגסטו סאָניע? — האָט שלמהלע געפרעגט — מיסטער טאָמאַשעווסקי וואַרט אויף דיין ענטפער.

— דו ווייסט גאַנץ גוט שלמהלע, אַז איך וועל שטענדיק טאָן דאָס וואָס דו וועסט געפינען פאַר ריכטיק. אַזוי ווי דו וועסט באַשליסן, אַזוי וועלן מיר טאָן.

— מיר בלייבן דאָ — האָט שלמהלע פּלוצלינג געזאָגט מיט אַן אַנטשלאָסענער שטימע — מיסטער טאָמאַשעווסקי, מיר שליסן דאָס געשעפט.

— בראַוואָ! — האָט טאָמאַשעווסקי אויסגערופן מיט פרייד. ער האָט אַרויסגענומען אַ טשעקן־ביכל און אויסגעפילט אַ טשעק אויף פינפהונדערט דאָלאַר, און דערלאַנגט שלמהלען — איצטער דאַרפט איר אָפּשיקן

פּישזאַנען דאָס געלט און אָפּרופן די שיפסקאַרטן. איר קריגט ביידע דריי הונדערט דאָלאַר אַ וואָך. זענט איר צופרידן?

— מיר פאַרלאָזן זיך אינגאַנצן אויף אייך — האָט שלמהלע געזאָגט מיט אַ צופרידענעם שמייכל.

— אַלזאָ, מיר וועלן זיך טרעפן אין דער „יוניע", און דאַרטן ענדגיל-טיק שליסן אונדזער אָפּמאַך — האָט טאָמאַשעווסקי געזאָגט און דער-לאַנגט שלמהלען די האַנט.

— איר זענט אַ וואונדערלעכער מענטש, מיסטער טאָמאַשעווסקי — האָט שלמהלע געזאָגט דריקנדיק טאָמאַשעווסקיס האַנט.

— און דו — האָט טאָמאַשעווסקי אַ דונער געטאָן — ביסט אַ טייער יינגל, קום אהער און לאָמיר זיך צעקושן.

סאָניע האָט אָנגעהויבן ארומטאַנצן איבערן צימער, פּאַטשנדיק מיט די הענט פאַר פרייד.

— איצטער מעגן מיר זיך שוין אויספּאַקן — האָט זי זיך צעלאַכט מיט איר קינדיש גלעקלדיק געלעכטערל.

טאָמאַשעווסקי האָט זיך געזעגנט אויך מיט סאָניען און אַ שטראַלנ-דיקער פאַר פרייד פאַרלאָזט דעם צימער פון זיינע יונגע פריינט.

56. — אין דער „יוניע״

נאָך טאָמאַשעווסקים אַוועקגיין האָבן שלמהלע מיט סאָניען זיך ערשט אַוועקגעזעצט איבערשמועסן נאָכאַמאָל אַלעס וואָס איז דאָ פאָרגעקומען. עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט אַז דאָס אַלץ וואָס איז געשען איז נישט מער ווי אַ חלום, אָבער טאָמאַשעווסקים טשעק, וואָס שלמהלע האָט געהאַלטן אין האַנט האָט דערמאָנט אַז דאָס איז ווירקלעכקייט. זיי זענען ביידע געווען איבערפולט מיט דאַנקבאַרקייט צו טאָמאַשעווסקין. זיי זענען אים דאַנקבאַר געווען דערפאַר, וואָס ער אַליין אין גאַנץ ניו-יאָרק האָט זיך דערמאָנט אָן זיי. זיי זענען דאַנקבאַר געווען פאַר זיין דזשענטלמענישער האַנדלונג, פאַרן זשעסט מיטן טשעק אויף די פינפהונדערט דאָלער, וואָס ער האָט זיי געגעבן אַלס אַדערויף צום קומענדיקן סעזאָן. איבערהויפּט האָט סאָניטשקע נישט געקאָנט פאַרגעסן דעם מאָמענט, ווי טאָמאַשעווסקי האָט אַרומגענומען שלמהלען און זיך מיט אים צעקושט, ווי מיט אַן אייגענעם זון. זיי זענען ביידע געזעסן און אַרומגעשמועסט די איינצלהייטן פון די היינטיקע פריידיקע געשעענישן, ביז שלמהלע האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט זייער פיל זאַכן צו טאָן אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַלע ענדערונגען וואָס זענען פאַרגעקומען.

— דאָס ערשטע מוז איך אַוועקשרייבן בריוו צו פישזאָנען און צו מיליען — האָט שלמהלע געזאָגט — מיר וועלן נעמען פאַר אַן אויסרייד די קליינע מויד אונדזערע. איך וועל זיי שרייבן אַז צוליב איר האָב איך געמוזט אָפּלייגן אונדזער רייזע אויף אַ לענגערן טערמין.

— זייער גוט — האָט סאָניע געענטפערט, אַ צופרידענע פון שלמהלעס איינפאַל.

— פאַרשטייסט, עס קומט מיר אָן שווער צו טאָן די גאַנצע זאַך — האָט שלמהלע גערעדט — עס איז מיר שווער אַרויסצווייזן אומדאַנקבאַרקייט צו מענטשן וועמען איך האָב פיל צו פאַרדאַנקען.

— איך בין מסכים מיט דיר — האָט געזאָגט סאָניע, וועלכע האָט פאַרשטאַנען איר מאַנס ספקות — איך ווייס אַז דו ביסט אַן ערלעכער און דו געדענקסט אויב מען טוט עפּעס גוטס פאַר דיר, אָבער אין דעם פאַל וואָלט דער גרעסטער צדיק נישט געקאָנט האַנדלען אַנדערש.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט שלמהלע אַלץ דערליידיקט. ער האָט אָפּ־גערופן די שיפסקאַרטן, צוריקגעשיקט דאָס געלט און גלייך אַוועקגעשיקט האַרציקע אַנטשולדיקונגס־בריוו צו פּישזאָנען און צו מיליען.

⁂

אין אָוונט איז שלמהלע אַוועקגעגאַנגען אין אַקטיאָרן פאַריין צו טרעפן זיך דאָרט מיט טאָמאַשעווסקין, כדי צו דערליידיקן פאָרמעל דעם ענין פונעם אָפּמאַך. דער פאַריינס־פירער מיסטער געַנדזל האָט אויפגע־נומען שלמהלען מיט אַ שמייכל און אים דערציילט אַז אַחוץ טאָמאַ־שעווסקין זענען שוין אין פאַריין געווען נאָך צוויי בעלנים, וואָס האָבן גע־וואָלט אַנגאַזשירן שלמהלען צום קומענדיקן סעזאָן אַלס סטאַר.

ווייזט אויס, אַז נישט קוקנדיק אויף דער גרויסער צאָל „נאָ'ס" וואָס זענען געפאַלן אין דער אָפּשטימונג נאָך שלמהלעס עקזאַמען, איז ער אַזוי אַריינגעקראָכן אין די הערצער פון די אַנוועזנדיקע פאַריינס־מיטגלידער, אַז אַלע אונטערנעמער האָבן זיך געשאַרפט די ציין צו אַנגאַזשירן דעם אַרטיסט סאַלאָמאָן טאָמאַסאָוו פאַרן סעזאָן פון 1914, אָבער טאָמאַשעווסקי איז געווען פלינקער און זיי אַלעמען פאַרלאָפן דעם וועג.

— אַ שאָד וואָס איר קאָנט נישט אָנעמען מער ווי איין אַנגאַזשירונגס־אָפּמאַך — האָט מיסטער גענדזל געזאָגט לאַכנדיק צו שלמהלען — נו, זעט איר שוין, טאַלאַנט איז נישט שייך, טאַלאַנט ברעכט אייזערנע טויערן.

— אַ דאַנק פאַר אייער מיינונג — האָט שלמהלע געזאָגט אַ פאַרכמו־רעטער. ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאַרגעסן די עוולה וואָס דער פאַריין האָט צו אים געטאָן.

— איך באַגריס אייך פאַר אייער אויסוואַל, — האָט זיך מר. גענדזל געווענדעט צו טאָמאַשעווסקין.

טאָמאַשעווסקי, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און בלויז צוגעשאָקלט שמייכלענדיק מיטן קאָפּ האָט זיך איצטער אָנגערופן:

— נאָכן דורכפאַל ביים עקזאַמען, האָט מען באַדאַרפט זיין אַן אידיאָט נישט צו אַנגאַזשירן טאָמאַסאָוון, ווייל ווען ער זאָל באמת זיין אַ טאַלאַנט־לאָזיקייט, וואָלטן ביי דער אָפּשטימונג געפאַלן זיכער מער „יעס'ן" ווי „נאָ'ס". אַזוי איז עס, די חברה אַקטיאָרעלעך האָבן מורא פאַר טאַלאַנטן.

— בראַוואָ, איר זענט גערעכט מר. טאָמאַשעווסקי — האָט גענדזל באַשטעטיקט.

שלמהלע האָט באַקומען אין האַנט אַן עקזעמפּליאַר פונעם פאָרמעלן

קאָנטראַקט, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורך דעם אַקטיאָרן־פאַריין. שלמהלע האָט איבערגעלייענט דעם טעקסט. ער האָט גאָרנישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן, און געגעבן זיין הסכמה אויף אַלע פּרטים וואָס טאָמאַשעווסקי האָט אָנגעגעבן. דער קאָנטראַקט האָט ארויסגענומען אַלע פראַגן און שלמהלע האָט אים געהאַלטן פאַר גינסטיק.

נאָכן אונטערשרייבן האָט טאָמאַשעווסקי איינגעלאַדן שלמהלען און מר. גענדזולען און אַלע דריי זענען אוועק אַביסעלע פאַרברענגען.

57. — דער אויסברוך פון דער מלחמה

עס איז געווען אויגוסט 1914. עס האָט נאָך געפעלט אַ קנאַפּער חודש צום נייעם טעאַטער-סעזאָן, וועלכער הויבט זיך אָן געוויינלעך אין די ערשטע טעג סוכות. דאָס לעבן איז געפלאָסן נאָרמאַל אין ניו־יאָרקער טעאַטער-וועלטל, הגם אַ מין אומרואיקייט האָט געהאנגען אין דער לופטן און ווער עס האָט זיך אינטערעסירט מיט פּאָליטיק האָט געפילט אַז בייזע ווינטן הויבן אָן בלאָזן איבער דער וועלט.

די ידיעה וועגן דעם אויסברוך פון שטורעם האָט דערגרייכט קיין ניו־יאָרק. די קעפּ פון די צייטונגען האָבן געשריגן מיט גרויסע אותיות: „מלחמה! אַ סערבישער סטודענט האָט דערמאָרדעט אין סאַראיעוואָ דעם עסטרייכישן קרוינפּרינץ!" עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מלחמה.

מענטשן זענען געוואָרן צעטומלט. מען האָט נישט געוווסט ווי לאַנג קאָן דויערן אָט־די שרפה וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין דער ווייטער אייראָפּע. מען האָט באַלאַגערט די בענק. יעדער האָט געוואָלט אַרויסכאַפּן זיינע אָפּגעשפּאָרטע פּאָר דאָלער אויס מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. מאַמעס האָבן מורא געקראָגן פאַרן לעבן פון זייערע זין, וואָס וועלן מוזן גיין אין פייער אַריין אַזוי שנעל ווי אַמעריקע טרעט אויך צו צו דער מלחמה. די וועלט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, עס האָט געציטערט דער באָדן אונטער די פֿיס.

אָבער ביסלעכוויוז האָט זיך אַלץ באַרואיקט און דאָס לעבן האָט ווייטער אָנגעהויבן צו פליסן נאָרמאַל ווי פריער. די טעאַטערס האָבן זיך געעפנט און אָנגעהויבן מאַכן גלענצנדיקע געשעפטן. נאכט-לאָקאַלן און פאַרוויילונגס-פּלעצער זענען געווען איבערפולט. עס האָט זיך אויסגעדוכט אַז מענטשן ווילן זיך פאַרגעסן, אַז זיי ווילן אַריינכאַפּן און לעבן וואָס מער, איידער דער שטורעם פון דער מלחמה וועט אָנרירן אויך אַמעריקע.

שלמהלע איז אויפגעטראָטן אין טאָמאַשעווסקיס טעאַטער מיט גרויס דערפאָלג. ער איז גלייך געוואָרן דער ליבלינג פונעם פּובליקום. זיין רום איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. אָבער דאָס אַלץ איז אים שוין נישט באַקומען. עס האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק, אַז ער איז איצטער שוין אַן

אמעריקאנער בירגער, אז א ליאדע טאג קאן מען אים א רוף טאן אין די רייען, ער זאל דערפילן זיין פליכט לגבי זיין נייעם היימלאנד. וואס וועט דעמאלס טאן סאניע מיטן פיצעלע קינד אויף די הענט? ווער וועט איר דעמאלס ארויסהעלפן?

בארים טאמאשעווסקי האט זיך געפילט אביסעלע שולדיק לגבי שלמהלען. דאס האט ער דאך, טאמאשעווסקי, געראטן שלמהלען צו ווערן אן אמעריקאנער בירגער. ווען נישט דאס, וואלט דאך שלמהלע נישט גע־האט פארוואס מורא צו האבן.

יידן־פאליטיקאנער האבן געהאלטן זיך אין איין אמפערן. געוועזן אזעלכע וואס האבן געטענהט אז צוליב די נייע מאדערנע וואפן וועט די מלחמה נישט דויערן לאנג, ווייל דער שכל אליין איז דאך מחייב, אז טא־מער דויערט עס לענגער ווי עטלעכע וואכן איז דאך אויס וועלט. און אויב אזוי, אויב די מלחמה וועט נישט לאנג דויערן, איז דאך קלאר אז אמע־ריקע וועט בכלל נישט באווייזן אנטיילצונעמען. שלמהלע האט זיך אנ־געכאפט אין אט דער האפענונג און געלעבט מיט ציטערניש און הארצ־קלאפעניש, און יעדן טאג ווען ער האט א קוק געטאן אויף זיין ווייב און קינד האט א פרישע מורא אנגעהויבן צו באהערשן זיין געמיט.

די „סטראטעגיק" פון די היימישע פאליטיקער איז דורכגעפאלן. דאס פייער האט ארומגעכאפט די גאנצע וועלט. די צייטונגען האבן געמאלדן אז די פאראייניקטע שטאטן זענען שוין אויך אין קריג.

אין איינעם א פרימארגן האט שלמהלע באקומען א מעלדונג אז ער דארף זיך צושטעלן צו אקטיווער מיליטער־דינסט. א ביטערער שמייכל האט זיך באוויזן אויף זיינע ליפן. „יא! — האט ער א טראכט געטאן — איצטער זע איך אז איך בין געווארן אן אמעריקאנער בירגער נישט אויף קיין קאטאוועס, נישט בלויז כדי צו קריגן דעם אמעריקאנער פאס, נאר אויך צו זיין אן אמעריקאנער סאלדאט".

אויפן לויטערן הימל פון שלמהלען און סאניען האבן זיך באוויזן שווארצע וואלקנס. ער האט פשוט נישט געקאנט פארשטיין ווי אזוי וועט ער קענען לעבן נישט זייענדיק צוזאמען מיט סאניען און מיטן קינד. אבער דאך איז עס אזוי געשען. אין באשטימטן טאג האט ער זיך צוגעשטעלט צום רעקרוטירונגס־פונקט. ער האט געהאט מזל. מען האט אים באשטימט אין א רעקרוטן־לאגער, פונוואנען ער האט געקאנט אפט קומען אהיים נאך די איבונגען און פארברענגען מיט זיין ווייב און קינד.

ווען שלמהלע איז דאס ערשטע מאל אריינגעקומען אין זיין שטוב אין די סאלדאטישע קליידער, האט זיך ביי סאניען עפעס ווי אפגעריסן אין הארצן. זי האט אים ארומגעכאפט מיטביידע ארעמס און פעסט גע־

דריקט צו זיך, ווי זי וואָלט אים געוואָלט צוהאַלטן אויפן אָרט און מער אים נישט אָוועקלאָזן פונדאַנען. ביידנס מוחות האָט געגעבערט די זעלבע פראַגע: „וואָס וועט זיין, אויב מען וועט אים, שלמהלען, שיקן אויפן פראָנט?" סאָניע איז אויסגעבראָכן אין אַ האַרצרייסנדיקן יאָמער און שלמהלע האָט זי קוים געקאָנט בארויקן.

ער האָט גענומען אויף דער האַנט די קליינע טעמעלע און דאָס עופה־לע האָט געקוקט אויף אים מיט אומשולדיקע בלויע אייגעלעך און גע־לאַכט.

— זע, סאָניע, ווי עס לאַכט אונדזער מלאכל — האָט ער געזאָגט מיט פאַרטרערטע אויגן.

— וואָס ווייסט עס דען, אַזאַ פּיצעלע נעבעך. הלוואי וואָלט איך אויך גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָלט איך נישט געפילט דעם חורבן, וואָס רוקט זיך אָן אויף אונדזער שטילער היים.

— אָבער סאָניטשקע, דו טאָרסט זיך אַזוי נישט פאַרלירן — האָט שלמהלע אויסגערופן — דערוויילע איז דאָך נאָך גאָרנישט קלאָר. עס איז דאָך מעגלעך, אַז די גאַנצע זאַך וועט זיך נאָך אויסלאָזן צום גוטן. פריער פאַר אַלץ דאַרף מען זיין שטאַרק.

— ביסט גערעכט, שלמהלע — האָט סאָניע געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער די טרערן האָבן אויפסניי זי אָנגעהויבן צו שטיקן אין האַלדז און זי איז ווידער אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין.

שלמהלע האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט באַהערשן. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען און געוויינט גלייך מיט סאָניען. זיין בליק איז פּלוצלינג געפאַלן אויפן וואַנט־זייגער. די ווייזערס האָבן אים דערמאָנט אַז די שעה פון זיין צוריקקער אין קאַזאַרמע דערנענטערט זיך. ער איז צוגעגאַנגען צו סאָניען און געקושט די פאַרוויינטע טייערע אויגן אירע.

— זיי געזונט, סאָניטשקע — האָט ער געזאָגט — וועסט זען איך וועל אָפט באַקומען אורלויב. נו, וויין נישט מער, וועסט זען אַז איך וועל אָפט קומען אַהיים, אַלץ וועט נאָך זיין גוט. זאָרג נישט טייערע.

ער האָט געגעבן עטלעכע קוש דעם קינד און מיט איילנדיקע טריט אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

סאָניטשקע איז געבליבן אַליין. זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך אויף איין אָרט און פאַרשיידענע געדאַנקען האָבן דורכגעשניטן איר מוח. פּלוצ־לינג האָט זיך דאָס קינד צעוויינט, און אָט דער געוויין האָט איר דער־מאָנט אַז זי מוז זיין שטאַרק, אַז זי טאָר זיך נישט פאַרלירן, אַז זי

מוז זאָרגן פאַרן פּיצעלע עופהלע, וואָס איז די פאַרקערפערונג פון איר גרויסער ליבע צו שלמהלען. זי איז צו צום קינד און געגעבן דער קלייבינ־קער צו זויגן, און ווען זי האָט דערזען אַז דאָס קינד האָט זיך שוין אָנגעזוי־טיקט, האָט זי אָנגעהויבן שטיל זינגען אַ וויג־לידל, כאָטש פון אירע אויגן האָבן נאָך אַלץ געקאַפּעט די טרערן.

58. — ווינטער 1916

טעג האָבן זיך געפלאָכטן אין חדשים, און חדשים האָבן זיך גע־קייטלט אין יאָרן, און פּאַוואָלינקע זענען אַוועק די יאָרן 1914 און 1915, און די מלחמה איז שוין אַריין אין יאָר 1916. אַ קאַלטער ווייסער און פראָסטיקער ווינטער האָט אַרומגענומען ניו־יאָרק.

די צייטונגען האָבן יעדן טאָג געבראַכט וואָסאַמאָל מער שווידערלעכע ידיעות און באַשרייבונגען, וואָס אַמאָל מער שרעקלעכע טעלעגראַמעס. די מלחמה האָט געבושעוועט אין אייראָפּע ווי אַ העליש פייער, וואָס קיינער איז נישט אימשטאַנד עס צו פאַרלעשן. מענטשן האָבן זיך צוגע־וווינט צו די ציפערן פון דעם בלוטיקן טויט־שניט פון די שלאַכטן: „די רוסן האָבן פאַרלוירן ביי פּשעמישל פערציק טויזנט מאַן". מען האָט גע־רעדט וועגן דער ציפער פערציק טויזנט און מען האָט אפילו נישט פאַר־טראַכט זיך איבער דעם באַדייט פון פערציק טויזנט אויסגעקוילעטע מענ־טשן. מען האָט גערעדט וועגן אַן אויפגעריסענער בריק וואָס האָט גע־קאָסט טויזנטער מענטשלעכע לעבנס, פּונקט ווי וועגן אַ פוטבאָל־מאַטש.

די טעאַטערס און וואַריעטעס האָבן געהאַלטן אין איין מאַכן שטיקער גאָלד. די שפּעקולאַציע איז געשטיגן אויף אַ מוראדיקן אופן. מענטשן האָבן אַרומגעשמייעט אויף די גאַסן און בירזשעס פאַרנומענע מיט צי־פערן, אָבער נישט מיט די ציפערן פון טויטע און פאַרוווּנדעטע, נייערט מיט די ציפערן פון די דאָלאַרן וואָס עס קאָן אַריינברענגען די אָדער יענע שפּעקולאַציע. דער יקרות האָט גענומען שטייגן אויף אַ שרעקלעכן אופן. דאָס געלט האָט פאַרלוירן אַ העלפט פון זיין ווערט.

שלמהלען האָט מען דערווייל נאָך נישט געשיקט צום פראָנט. מען האָט אים צוערשט צוגעטיילט צו לאָקאַלער דינסט. ער האָט איצטער אָפטער געקאָנט באַקומען אַ דערלויבעניש צו זען זיך מיט זיין ווייב און קינד. ער האָט אויך באַקומען פון דער מלוכה אַ פּענסיע, פּונקט ווי יעדער סאָלדאַט וואָס האָט אַ פאַמיליע.

סאָניטשקע האָט זיך אויך אַביסעלע באַרואיקט. זי פלעגט איצטער זען שלמהלען צוויי־דריי מאָל אַ וואָך און צו ביסלעך זיך צוגעוווינט צו דעם אַרט לעבן. זיי האָבן איצטער ביידע געהאָפט אַז עס וועט זיי געלונ־

גען אַזוי אַרום ווי נישט איז איבערצוקומען די מלחמה, און געהאַפט צו דערלעבן בעסערע צייטן ווען עס וועט קומען דער שלום. דער וועלט-שטו־רעם וועט זיך איינשטילן, און דעמאָלם וועט אויך זייער הימל זיך ווידער אויסלייטערן און זיי וועלן קענען לעבן רואיק און דערציען זייער אוצרל, די שיינע טעמעלע, וועלכע האָט זיך שוין אויפגעהויבן פון איר אַרומפּוי־זען און זי לויפט אַרום מיט אַ גלעקעלדיקער איבערן צימער. עס גייט איר שוין דאָס דריטע יאָר, טעמעלען טאַקע, און זי וווּזעט אַרום און שפּרינגט אַרום איבער דער שטוב ווי אַ שרעטעלע, ווי אַ שטיק קוועקזילבער. רעדן רעדט זי פאַר פייער און פאַר וואַסער. קלוג איז זי ווי די גאַנצע וועלט. פאַר יעדער חכמהלע וואָס זי זאָגט קושן איר אוים אירע יונגע טאַטע־מאַמע איעדעס אבר.

ביידע סיי שלמהלע, סיי סאָניטשקע, האָבן טיף אין האַרצן געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז אָט אָט קומט דער שלום און מען וועט דאָך שלמה־לען נישט שיקן צום פראָנט.

— זעסט דאָך, מיין טייערע — פלעגט שלמהלע זאָגן צו סאָניען — פאַראַן נאָך ערגערס ווי ביי אונדז. מיך האַלט מען נאָך דאָ, דאַנקען גאָט דערפאַר. אָבער וויפל יונגע מענטשן האָט מען שוין אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט און זיי האָבן זיך נישט אומגעקערט. גאַנצע פאַמיליעס ווערן צע־בראָכן, טראַגעדיעס שפּילן זיך אָפּ יעדן טאָג, יעדער מינוט. מען דאַרף קוקן אַביסעלע ווייטער, פאַרשטיין אַז דאָס איז אַ וועלט-מלחמה, אַז לגבי אַנדערנס ליידן, זענען מיר נאָך אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק גליקלעכער לאַגע.

— הלוואי זאָל עס אַזוי זיין, טייערע, — פלעגט סאָניע אים ענט־פערן — הלוואי זאָל מען דיך נישט אַוועקשיקן. איך פאַרשטיי, מיין לי־בער, אַז אַנדערע ליידן מער, אָבער צי קאָן עס דען פאַרמינערן מיין מורא פאַרן מאָרגן.

און ווידער זענען זייערע בליקן געפאַלן אויפן קינד, און ווידער האָבן זיי פאַרגעסן אָן אַלע זאָרגן קוקנדיק אויף איר ליכטיק פּנימל און איינ־הערנדיק זיך אין איר פריילעך געלעכטערל.

59. — די צעשיידונג

סאָניטשקע האָט זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען בלייבן אַליין מיטן קינד. שעהן־לאַנג פלעגט זי זיצן ביים בעטעלע, ווו דאָס קינד איז געשלאָפן און עפעס נייען צי שטריקן, אַבי צו פאַרטרייבן די צייט, וואָס האָט זיך געצויגן אַזוי מאָנאָטאָן, אַזוי אומעטיק, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין איר לעבן.

זי האָט זיך צוגעפּאַסט צו די אומשטענדן. עס האָט זיך איר אָנגעהויבן אויסווייזן אַז אַזוי איז געווען פון אייביק אָן. בלויז ווען שלמהלע האָט געדאַרפט אהיימקומען האָט איר הארץ אָנגעהויבן צו פלאַטערן. זי האָט שטענדיק געפילט מיט איר אינטואיציע ווען ער דאַרף קומען און זיך קיינמאָל נישט טועה געווען. דעמאָלס פלעגט אַוועק פון איר די שטענדיקע רואיקייט. זי פלעגט ווערן אומגעדולדיק און אויפגעברויזט. יעדער מינוט האָט זיך איר אויסגעוויזן צו זיין צו לאַנג, און זי פלעגט דערווייל אָנטאָן דאָס קינד און זי צוגרייטן צו שלמהלעס אַריינקומען.

— אָט באַלד וועט קומען דער פּאַפּאַ — פלעגט זי איר זאָגן — ער וועט ברענגען גוטע זאַכן. האָסט ליב דעם פּאַפּאַ?

— יאָ! איך האָב אים שטאַרק ליב. איך האָב אים אַזוי ליב, ווי... ווי...

— און פון איר גרויסער קינדערישער באַגייסטערונג האָט זי אַזש נישט געקאָנט געפינען קיין ווערטער ווי שטאַרק זי האָט ליב דעם פּאַפּאַ אירן.

— אַזוי ווי שאָקאָלאַד? — פלעגט סאָניע איר פּרווון אונטערזאָגן.

— ניין, נאָך שטאַרקער.

— אַזוי ווי די מאַמאַ?

— מהם! — פלעגט דאָס קינד מסכים זיין מיט אַ ברומען, און פון גרוים ענטוזיאַזם אַרומכאַפּן און קושן סאָניען אין ביידע באַקן. אַזוי פלעגט זיך ציען דער שמועס צווישן מאַמע און קינד, ביז שלמהלע פלעגט אָנקומען.

אין איינעם אַ טאָג, ווען סאָניע איז געזעסן און ווי געוויינלעך אויסגעטענהט זיך מיט טעמעלען, איז אַריינגעקומען שלמהלע. סאָניע האָט אים כמעט נישט דערקאַנט. ער איז געווען בלאַס ווי די וואַנט, און אויף זיין פּנים האָט זיך געמערקט דערשלאָגנקייט און צער. ווען סאָניע האָט

אויף אים אַ קוק געטאָן, האָט עפּעס אַ צאַפּל געטאָן און זיך אָפּגעריסן ביי איר אין האַרצן. זי האָט אַרויסגעלאָזט דאָס קינד פון אירע אָרעמס און אַ דערשראָקענע אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז געשען?

— ס'איז גאָרנישט נישט געשען — האָט שלמהלע געענטפערט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול שווער און מיד ווי אַ זקן.

— וואַרשיינלעך איז עס אומפאַרמיידלעך. עס האָט געמוזט קומען — האָט ער ווייטער געגומען רעדן.

סאָניע איז געזעסן מיט אַ פלאַטערדיק האַרץ, אָן אָטעם, און געוואַרט אויף זיינע ווייטערדיקע ווערטער.

— פאַראַן אַ באַפעל פון שטאַב — האָט שלמהלע פאַרגעזעצט — די צווייטע וואָך דאַרף אָפּמאַרשירן די 87-טע קאָמפּאַניע, מיין קאָמפּאַניע הייסט עס. ווהין ווייסט מען נאָך נישט. דערווייל אָבער דאַרפן מיר זיין גרייט.

איצטער איז געקומען די ריי אויף סאָניען. זי, די שוואַכע, אומבאַהאָלפענע פרוי האָט זיך געדאַרפט אַרויסווייזן שטאַרקער און „מענטשלען זיך" אין אָנבליק פון שלמהלעס פאַרלוירנקייט. זי איז צוגעגאַנגען צו אים מיט אַ שוואַכן טראָט, אַרומגענומען זיין קאָפּ מיט די הענט און געפּרווט אים דערמוטיקן:

— מען דאַרף נישט פאַרצווייפלען, שלמהלע — האָט זי געזאָגט מיט אַ קול, וואָס האָט פאַראָטן איר אייגענע שרעק און פאַרצווייפלונג — אַ מענטש טאָר נישט פאַרלירן זיין גלייכגעוויכט.

שלמהלע האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. זי, סאָניטשקע, איז מוטיקער פון אים. דאָס איז גוט — האָט ער געטראַכט, ווייל אים איז דאָך נישט געגאַנגען אַזויפיל אין זיך אַליין ווי דערין אַז סאָניע זאָל זיך נישט פאַרלירן, אַז זי זאָל זיין שטאַרק און האָבן כוח אויסצוהאַלטן איר איינזאַמקייט, ווען ער וועט מוזן אַוועק אויפן פראָנט, און אַז זי זאָל אימשטאַנד זיין צו דערציען דאָס טייערע מיידעלע זייערס.

— הער מיך אוים סאָניע — האָט ער אַ זאָג געטאָן אין אַ ענערגישן טאָן — מיר דאַרפן קוקן אויף דער זאַך אַזוי ווי זי איז, און כאָטש מיר ווייסן נאָך נישט צי מען שיקט מיך שוין טאַקע אַוועק אויפן פראָנט, דאָך מוזן מיר דאָס אָנעמען אַלס אַ געשעענעם פאַקט, און מיר מוזן גענוי דורכרעדן זיך וועגן פאַרשיידענע ענינים. מיר זענען דערוואַקסענע מענטשן און דאָס ערשטע איז אַז מיר זאָלן זיך גוט איינפאַרשטיין. אויב מיר וועלן זיין רואיק, וועלן מיר קאָנען אַלץ געדענקען.

ער האָט געאָטעמט שווער און אויף זיין שטערן האָבן זיך באַוויזן

דריבנע טראַפּעלעך שוויים. ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט וועלן פּרוּוון ברענגען אין אָרדענונג זײַנע געדאַנקען, ווי ער וואָלט זוכן די פּאַסיקע ווערטער די דאָזיקע געדאַנקען פון זיך אַרויסצוברענגען.

— הער סאַניטשקע — האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן — דאָס ערשטע וויל איך מיר זאָלן זיך אַלע דרײַ פאָטאָגראַפירן, איך, דו, און דאָס קינד. איך וויל האָבן בײַ זיך דעם קינדס בילד, און בײַ דיר זאָל אויך בלײַבן דאָס פאַמיליען-בילד אונדזערס. ערשט בנוגע בריוו, איך וועל שרײַבן אַזוי אָפט ווי איך וועל נאָר קענען, און דו זאָלסט מיר שטענדיק ענטפערן גלײַך נאָכן דערהאַלטן מײַנעם אַ בריוו. און אויב עס וועט אויס־קומען אַמאָל און אַ בריוו מײַנער וועט זיך פאַרזוימען, זאָלסטו נישט באַלד אויסטײַטשן אַלץ צום שלעכטן. געדענק אַז איך בין אַ סאָלדאַט און וואַרט מיט געדולד.

אַזוי זענען זיי געזעסן און געשמועסט וועגן זייער אויפירונג אויף להבא פונקט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אַרויספאָר אויף עט־לעכע טעג בלויז. בײַ ביידן זענען געווען די נערוון אָנגעשטרענגט ביז גאָר, ביידע האָבן געפילט אין האַרצן דעם גרויסן ווייטיק פון צעשיידונג וואָס האַלט זיך אין איין דערנענטערן, אָבער ביידע האָבן באַשלאָסן אויס־צוהאַלטן דעם עקזאַמען און „מענטשלען" זיך ביזן סוף. עס איז געקומען דער מאָמענט ווען שלמהלע האָט שוין געדאַרפט אַוועקגיין פון שטוב. ער האָט שוין איצטער געוווסט אויף זיכער אַז ער גייט אויפן פראָנט. צום לעצטן מאָל פאַר זײַן אַרויספאָרן, און אפשר צום לעצטן מאָל אויף איי־ביק נעמט ער אַרום זײַן פרוי, נעמט ער אויף דער האַנט זײַן קינד, אָבער ער איז נאָך אַלץ געווען דער שטאַרקער, מוטיקער שלמהלע, ער האָט אַלץ נאָך געפונען אַ שמייכל און אפילו אַ שפּאַס פאַר די צוויי טײַערסטע נפשות אויף דער וועלט.

סאַניטשקע האָט מיטגעשמייכלט און מיטגעשפּאַסט. זי האָט נישט געוואָלט אָפּשטיין פון איר מאַן אין אָט דער העראָישער רואיקייט, אָבער ווען די טיר האָט זיך צום לעצטן מאָל פאַרמאַכט הינטער שלמהלען, ווען אויף די שטיגן זענען שטיל געוואָרן די אָפּקלאַנגען פון זײַנע טריט, ערשט דעמאָלט האָט זי דערפילט אין דער גאַנצער גרויזאַמקייט די גרויסע בראָך וואָס האָט איר געטראָפן. ניין, מער מאַכן אַן אָנשטעל פאַר זיך אַליין האָט זי נישט געקאָנט, זי האָט נישט געקאָנט מער זיך אָפּנאַרן. זי איז אַוועקגעפאַלן אויפן בעט און אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעכן ספּאַזמאַ־טישן געוויין, וואָס האָט געקאָנט רירן אַ מויער.

די קלײנינקע טעמעלע האָט זיך פאַרוווּנדערט. זי האָט נישט גע־קאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס די מאַמע וויינט אַזוי שטאַרק. שווינזשע צוליב

דעם וואָס דער פּאַפּאַ איז אַוועק? איז דאָך דער פּאַפּאַ שוין אַזוי פיל מאָל אַוועקגעגאַנגען און שטענדיק קומט ער צוריק און די מאַמאַ האָט נאָך קיינמאָל אַזוי שטאַרק ווי היינט נישט געוויינט. די קליינע איז אַרויפגע־קראָכן אויפן בעט און אָנגעהויבן גלעטן סאָניעס קאָפּ, מיט די קליינע קיילעכיקע פינגערלעך אירע.

— מאַמאַ! וויין נישט — האָט זי זיך געבעטן און אַליין אויך אָנ־געהויבן צו העשען — מאַמאַ! מאַמאַ! וויין נישט! איך וויל נישט דו זאָלסט וויינען.

סאָניע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונעם קישן און אַ קוק געטאָן אויפן קינד.

— ביסט געדערכט קינד מיינס — האָט זי כליפּענדיק געזאָגט — ביסט געדערכט, אוצרל מיינער, כ׳וועל נישט וויינען. מיר טאָרן נישט וויינען. מיר מוזן לעבן און דערלעבן דעם מאָמענט ביז וואַנען שלמהלע, דיין יונגער טאַטע, וועט צוריקומען.

60. — דער ערשטער בריוו

סאָניטשקע האָט פּאַמעלעך זיך אָנגעהויבן צופּאַסן צו איר איצטיקער לאַגע. זי איז געווען אַליין און איינזאַם. אַחוץ איר קליין טעכטערל האָט זי קיינעם נישט געהאַט, וואָס זאָל זיך אינטערעסירן מיט איר גורל. די וועלט אירע איז איצטער געווען קליין און באַשרענקט — דאָס האָטעלצימער און טעמעלע און ווייטער גאָרנישט.

נאָר איין מענטש האָט דערפילט איר איינזאַמקייט און ביסלעכווייז זיך מיט איר באַפריינדעט. דאָס איז געווען די פרוי מאַטילדע, די אַלטיטשקע אויפזעערן איבערן פּערסאָנאַל פונעם האָטעל וווּ סאָניע האָט געוווינט. אַ שיינע אַלטיטשקע איז זי געווען, אַט די 60־יאָריקע האָלענדערן מאַטילדע, מיט איר ווייסן קאָפּ האָר און בכבודיקן אויסזען. אַלע דינער האָבן זי געשעצט און זי איז צו אַלעמען געווען ווי אַ מוטער. פריער, ווען שלמהלע איז נאָך געווען אינדערהיים האָט זיך מאַטילדע געהאַלטן פון דערווייטנס, אָבער איצטער ווען זי האָט דערזען אַז אין דעם האָטעל־צימער געפינט זיך אַן עלנט יונג ווייבל, וואָס האָט נישט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, איז זי מאַטילדע געקומען די ערשטע צו דערלאַנגען אַ וואַרעמע האַנט מיט אַ טרייסטוואָרט. די צוויי פרויען, טראָץ דעם גרויסן אונטערשייד אין זייער עלטער האָבן זיך גאָר שטאַרק באַפריינדעט. מאַטילדע האָט זיך פאַרליבט אין דער קליינער טעמעלע און צו סאָניען האָט זי געפילט אַ ליבשאַפט ווי צו אַן אייגענער טאָכטער. אין אָנהויב פלעגט זי אַריינקומען צו זיי איינמאָל אין טאָג, און שפּעטער האָט זי אָנגעהויבן אָפּגעבן סאָניען די גאַנצע פרייע צייט אירע.

אויך סאָניע האָט זייער ליב באַקומען די אַלטע, ממש ווי אַ מוטער. זי פלעגט וואַרטן, סאָניע, מיט אומגעדולד אויפן מאָמענט ווען מאַטילדע וועט זיך שוין באַפרייען פון אירע פליכטן און אַריינקומען צו איר אין צימער. מאַטילדע פלעגט אַריינברענגען אין סאָניעס אָרעם און עלנט צימערל היימלעכקייט, זאָרגעוודיקייט און פריינטשאַפט. סאָניע פלעגט פאַר איר עפענען איר האַרץ ווי נאָך פאַר קיינעם נישט, שמועסן מיט איר וועגן אַלעם אין דער וועלט, דערציילן איר וועגן איר פאַרגאַנגענהייט, וועגן איר ווייטער היים און וועגן איר טייערן שלמהלע וואָס איז אַוועק אַזוי ווייט,

פלענט ווידער סאָניע שטיל ווערן, אַזוי פלעגט גלייך די אַלטע אָנהויבן צו רעדן און אויך דערציילן וועגן איר לעבן, וועגן אירע טייערע וואָס זי האָט פאַרלוירן, וועגן אַלעם וואָס זי האָט דערפאַרן במשך פון אירע זעכציק יאָר.

געווען אַ שטילער נאָכמיטיק. סאָניע האָט שוין איינגעשלעפט דאָס קינד און געבליבן זיצן אַליין אין שטוב. זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן שלמהלען און פלוצלינג האָט זיך אין איר האַרץ דערוועקט אַ פאַרגעפיל אַז היינט, טאַקע היינט, מוז אָנקומען אַ בריוו פון שלמהלען. דער דאָזיקער פאַרגעפיל האָט מיט יעדער מינוט אַלץ מער זיך געשטאַרקט ביי איר, ביז ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין זיכערקייט, אַז אַ בריוו מוז טאַקע היינט אָנקומען, און זי איז געזעסן און געקוקט אויף דער טיר, וואַרטנדיק אַז דער האָטעל-דינער זאָל אַריינקומען און איר ברענגען דעם אַזוי געגאַרטן בריוו.

אָבער די טיר האָט זיך נישט געעפנט און קיינער איז נישט געקומען און ווי שטענדיק זענען סאָניען באַפאַלן טרויעריקע מחשבות. די שטיל־קייט אין צימער האָט אַזש געזשומעט און ס'האָט זיך געהערט בלויז דאָס טיקטאַקעווען פונעם זייגער און דאָס לייכטע אָטעמען פונעם שלאָפנדיקן קינד. אירע מחשבות האָבן זיך געקריצט און געפלויגן אין אַ ווירוואַר פון יאוש. פאַר די אויגן האָבן זיך איר אָנגעהויבן שטעלן די שרעקלעכע ביל־דער פונעם פראָנט, ווו איר שלמהלע געפינט זיך איצטער, ווער ווייס, ווער ווייס וואָס מיט אים קומט פאָר איצטער, אין אָט דעם מאָמענט טאַ־קע? זי האָט אָנגעהויבן קוקן צום שלאָפנדיקן קינד און כמעט ווי אויפן הויכן קול אויסגערופן: „וואָלט כאָטש די פרוי מאַטילדע אַריינגעקומען”.

אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר האָט סאָניען אויסגעלייזט פון אירע פייני־לעכע טראַכטענישן. אין צימער איז אַריינגעקומען מאַטילדע, פונקט ווי סאָניע וואָלט איר אַריינגערופן מיטן בלויזן כוח פון איר ווילן. סאָניע איז אויפגעשפרונגען און אַ דערפרייטע אויסגערופן:

— איך וואַרט שוין אויף אייך. מיין טעכטערל איז איינגעשלאָפן און איך זיץ אַליין, שטענדיק אַליין — האָט זי זיך ווי באַקלאָגט פאַר דער אַל־טיטשקער — זיצט, מאַטילדע!

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, איך וועל שוין זיצן.

— איך וועל מאַכן אַ טיי, וועט איר טרינקען אַ טיי מיט מיר?

—יאָ, יאָ. מאַך טיי, מיין קינד, איך האָב ליב צו טרינקען די טיי וואָס דו מאַכסט.

סאָניע האָט זיך אָנגעהויבן צו פאָרען, און איינצייטיק צו רעדן מיט מאַטילדען. זי האָט צוגעטראָגן די גלעזער מיט דער קאָכעדיקער טיי צום

טיש. און ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט טרינקען. פּלוצלינג האָט זיך די טיר געעפנט און דער האָטעל־דינער איז אַריינגעקומען מיט אַ בריוו אין האַנט.

— אַ בריוו פון מיין שלמהלען, — האָט סאָניע אויסגעשריגן — איך האָב געפילט, אַז היינט וועט אָנקומען אַ בריוו — די לעצטע ווערטער האָבן זיך אַרויסגעריסן ביי איר אַזוי הילכיק, אַז זי האָט אויפגעוועקט דאָס שלאָפנדיקע קינד, וואָס האָט זיך אויפגעזעצט און זיך געריבן די אייגעלעך.

— עס איז דאָ אַ בריוו פונעם פּאַפּאַ — האָט סאָניע פריידיק אָנגעזאָגט דעם קינד די גוטע בשורה און מיט ציטערדיקע פינגער אויפגעריסן דעם בריוו — יאָ, מיין שלמהלעס האַנטשריפט, איך דערקען די אותיות זיינע.

די קליינע טעמעלע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, צעקושט זיך מיט דער פרוי מאַטילדע און דערנאָך איז זי אַרויף צו סאָניען אויף די הענט און צוגעלייגט איר אויערל צו הערן וואָס די מאַמע וועט לייענען.

„מיין האַרציקע סאָניע!... — האָט סאָניע אָנגעהויבן לייענען, אָבער זי האָט געמוזט אָנטשוויגן ווערן, ווייל די טרערן האָבן אָנגעהויבן זי צו שטיקן אין האַלדז און זי האָט געוואָלט זיך באַרואיקן. נאָך אַ ווײַלע האָט זי ווידער גענומען לייענען:

...מיר געפינען זיך שוין אויפן פלאַץ, וווּ מען האָט אונדז איינגעקוואַרטירט. איך קאָן דיר נישט גענוי אַרויסשרייבן דאָס אָרט, אָבער זיי ווייסן אַז איך בין שוין אין פראַנקרייך און געפין זיך נישט ווייט פון די פראָנט־ליניעס. איך בין געזונט און פיל זיך זייער גוט. טייערע סאָניע, איך בעט דיך זאָלסט נישט צופיל איבערטראַכטן און נישט זאָרגן אַזוי פיל וועגן מיר. דו דאַרפסט זיין אַ געזונטע מאַמע צו אונדזער טעכטערל. מיר וועלן מיט גאָטס הילף אינגיכן ווידער זיין צוזאַמען. זיי שטאַרק און מוטיק. דאָ שיק איך דיר מיין ציטוויייליקן אַדרעס און איך וואַרט מיט אומגעדולדיקייט אויף דיין ענטפער. איך קוש האַרציק דיך און דאָס קינד. דיין שלמהלע.

סאָניע איז געבליבן שטיין מיטן בריוו אין דער האַנט אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרקוקטע ערגעץ ווייט מיט נישט־זעענדיקע אויגן, און געטוליעט צו זיך די קליינע טעמעלע.

— נו, דאַנקען גאָט דערפאַר — האָט די אַלטע מאַטילדע פרום אַ זאָג געטאָן — עך, עך, יונגע מענטשן, אומגעדולדיק און קענען נישט וואַרטן... איך בין אויך אַמאָל יונג געווען... האָט זי פאַרטראַכטערהייט צוגעגעבן — און ער, יאַהאָן, איז אויך געווען יונג.

— ווער איז דאָס געווען יאָהאַן? — האָט סאָניע געפרעגט.

— מיין מאַן דער גאָטזעליקער, א שיינער און שטאַרקער מאַן געווען מיין יאָהאַן. מיינע עלטערן האָבן אים נישט געוואָלט פאַר קיין איידעם, און איך האָב מיט אים חתונה געהאַט קעגן זייער ווילן. איך האָב צוליב דעם פאַרלאָזט מיין היים און מיין היימלאַנד — האָלאַנד, און אַוועק מיט אים קיין אַמעריקע. דאָ איז מיין יאָהאַן געוואָרן א שאָפער. ער האָט פאַר־דינט ווייניק אָבער מיר זענען געווען גליקלעך, געמאַכט א שיין לעבן און... — מאַטילדע איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— און וואָס? — האָט סאָניטשקע געוואָלט וויסן וואָס מיט איר מאַן איז געשען.

— אַן אומגליק, א קאַטאַסטראָפע, ער האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַן אויטאָבוס... — מאַטילדע האָט איבערגעריסן, זי האָט נישט גע־קאָנט ווייטער דערציילן.

— ער איז דערהרגעט געוואָרן?... — האָט סאָניע שטיל געפרעגט און געקוקט אויף דער אַלטיטשקער מיט באַדויער.

—יאָ! — האָט מאַטילדע שטיל געענטפערט — איך בין דעמאָלט אַלט געווען 25 יאָר, און ער עלטער פון מיר מיט פיר יאָר. קיין קינדער האָבן מיר נישט געהאַט, יונגעלייט זענען מיר נאָכגעלאָפן, געוואָלט חתונה האָבן מיט מיר. אָבער איך האָב זיי אַלעמען אָפגעזאָגט. איך האָב נישט געקאָנט פאַרגעסן מיין יאָהאַנען. איך האָב אים נישט פאַרגעסן ביזן היינ־טיקן טאָג.

61. — האָפענונג און יאוש

נאָך צוויי בריוו, כמעט מיטן זעלבן אינהאַלט וואָס דער ערשטער האָט סאָניע באַקומען פון שלמהלען. יעדער בריוו האָט איר צוגעגעבן מער האָפענונג. זי האָט זיך באַמיט, די אָרעמע סאָניע, אויסצופּאָלגן איר מאַנס פאַרלאַנג, און זי האָט אויף זיך אַרויפגעצוווּנגען מער רואיקייט. זי האָט געלעבט מיט דער דערוואַרטונג אויפן גרויסן מאָמענט, ווען זי וועט שוין צוריק קענען זען איר שלמהלען מיט זיך צוזאַמען. אירע אַלע געדאַנקען זענען פול געווען מיט דעם דאָזיקן פאַרלאַנג, מיטן פאַרלאַנג צו דערלעבן דעם גליקלעכן מאָמענט פון זיין אַהיימקומען.

אין אירע בריוו צו אים האָט זי געפּרוּווט אים צו דערמוטיקן. און איינצייטיק האָט זי דערמוטיקט זיך אַליין, געשטאַרקט זיך אַליין צום ווירדיקן דערפילן די גרויסע אויפגאַבע — זיין אַ גוטע, געזונטע מאַמע צו איר קליין פאַריתומט טעכטערל. זי פלעגט זיצן כסדר אין שטוב, נישט אַרויסגיין אין ערגעץ און דער איינציקער מענטש מיט וועלכן זי האָט גערעדט, אויסער מיט טעמעלען איז געווען די פרוי מאַטילדע.

דאָס וואַרטן אויף בריוו איז געוואָרן אַ טייל פון איר לעבן. יעדעס מאָל ווען דער האָטעל־דינער פלעגט אַנקלאַפּן צו איר אין צימער, פלעגט זי אויפשפרונגען מיט פרעגנדיקע אויגן: „אַ בריוו?" אָבער די בריוו האָבן אויפגעהערט צו קומען, און סאָניע פלעגט זיך פאַרקלאָגן פאַר איר איינציקן פריינט, פאַר מאַטילדען. יענע פלעגט איר אויסרעדן די זאָרגן, הייסן זיין געדולדיק, טרייסטן.

— עס וועלן נאָך קומען בריוו, גוטע בריוו — פלעגט די אַלטעטשקע פאַרזיכערן.

פלעגט זי זיך צוכאַפּן צו די פריער־באַקומענע בריוו און לייענען זיי ווידער און ווידעראַמאָל. זי האָט אָנגעהויבן לייענען דעם לעצטן בריוו „צווישן די שורות". שלמהלע האָט דאָרט געשריבן אַז ער קאָן איר שוין איצט נישט אָנווייזן קיין אַדרעס, מען שיקט זיי אַוועק ווייטער. וווהין מען שיקט זיי האָט ער נישט געשריבן. דאָס אַלץ איז איר אויסגעקומען זייער פאַרדעכטיק. אַפילו דער טאָן פון זיין שרייבן האָט זיך איר אויסגעוויזן צו זיין אַנדערש ווי שטענדיק, מער אומעטיק, מער דערשלאָגן...

וואָס קאָן דאָס באַדייטן? — האָט זי זיך געשמאַטערט אליין מיט פראַגן.

זי האָט אַט די בריוו געלייענט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. וואָס מער זי האָט אים געלייענט אַלץ מער האָט זי געפילט אַ קלעמעניש אין האַרץ. זי האָט דערפילט אַז אַ גרויזאַמע שוואַרצע כמאַרע רוקט זיך אָן איבער איר קאָפּ. זי האָט אַפילו נישט צו וועמען צו רעדן, פאַר וועמען אָנצופאַר־טרויען איר מורא, אויסער פאַר דער פרוי מאַטילדע.

וואָס האָט איר די אַלטע פרוי מאַטילדע געקאָנט העלפן? זי האָט געפּרוווט אויסטייטשן דעם בריוו צום גוטן, און אַפילו זיך אויף איר מכלומרשט אָנגעבייזערט:

— אַ מענטש טאָר זיך נישט אַריינלאָזן אין בייזע געדאַנקען... מיר דאַרפן געדולדיק וואַרטן, ביז עס וועט קומען אַ גוטער בריוו פון דיין מאַן. אָבער ביז דעמאָלט, פאַרגעס נישט אַז דו האָסט פליכטן, דו ביסט אַ מאַמע, דו האָסט צוליב וועמען צו לעבן.

סאָניע האָט איר אויסגעהערט און ביטער געשמייכלט. זי האָט דען אָן אַנדער ברירה ווי וואַרטן? — האָט זי געוואַרט.

עס איז אַוועק אַ וואָך, און צוויי, אַ חודש און קיין בריוו פון שלמה־לען איז נאָך אַלץ נישט געקומען. סאָניטשקע האָט שוין מער נישט גע־וואָלט וואַרטן. זי האָט אָנגעהויבן גיין און פרעגן איבער די מיליטערישע אַמטן, אפשר איז פאַרט ערגעצווו אָנגעקומען עפּעס אַ ידיעה וועגן איר מאַן. מען האָט איר געשיקט פון איין אָרט צום צווייטן, אָבער קיין קלאָרן ענטפער האָט זי אין ערגעץ נישט באַקומען. מען האָט געזוכט אין די ליסטעס פון די געפאַלענע סאָלדאַטן. זיין נאָמען האָט מען אין ערגעץ נישט געפונען. מען האָט איר צוגעזאָגט אַז אַזוי גיך ווי זיי וועלן וויסן עפּעס וועט מען איר גלייך מיטטיילן, אָבער וואָכן זענען אַוועק און קיין שום ידיעה איז פון אים נישט געקומען.

סאָניעס יונג לעבן האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און פאַרלוירן די גלייכ־געוויכט. איר געמיט איז געוואָרן דורכגעזאַפּט מיט עצבות און טרויער. אין די עטלעכע וואָכן וואָס שלמהלע האָט אויפגעהערט שרייבן, איז זי עלטער געוואָרן מיט אַ סך יאָרן.

די גוטע פרוי מאַטילדע האָט זיך געבייזערט אויף איר, געשריגן ווי אַ מאַמע שרייט אויף אַן אייגענער טאָכטער, אָבער אָן אַ שום רעזולטאַט. זי האָט איצטער אָנגעהויבן צו פאַרנאַכלעסיקן אירע פליכטן אין האָטעל, די גוטע פרוי מאַטילדע, און אַריינקומען אָפטער צו סאָניען, ווייל זי האָט נישט געקאָנט צוזען ווי סאָניע גייט אוים ווי אַ ליכט. סאָניע האָט פאַר־נאַכלעסיקט איר וווינונג, וואָס האָט שטענדיק געשיינט פאַר ריינקייט און זויבערקייט, זי האָט אַפילו אָנגעהויבן צו פאַרנאַכלעסיקן איר שיין טעכ־

טערל. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרזונקענע אין אַ מרה־שחורה, אין אַ שטילער אַפּאַטיע, זי האָט זיך אויפגעהערט אָנצוטאָן ווי עס פּאַסט פּאַר איר, פּאַר אַ יונגער שיינער פרוי, זי האָט אויפגעהערט צו פּאַרקעמען אירע פּרעכטיק־שיינע האָר. זי איז געזעסן גאַנצענע טעג אין אַ ווינקל און געהאַלטן אין איין קוקן אין אַ ווייט פּינטל וואָס בלויז זי האָט געזען, און געשוויגן.

נאָך אַ דעם לאַנגן איבערריים איז פֿון שלמהלען פּלוצלינג געקומען אַ בריוו. אייגנטלעך איז עס געווען בלויז עטלעכע ווערטער, אַ לעבנס־צייכן און נישט מער:

„מען האָט איבערגעטראָגן אונדזער רעגימענט אויף אַן אַנדערן אָפּ־שניט פֿון פראָנט — האָט ער געשריבן — איך קאָן דיר ווי דער, צום באַ־דויערן, קיין גענויעם אַדרעס נישט געבן. אפשר אין עטלעכע טעג אַרום, וועל איך שוין וויסן. דערוויייל בעט איך דיך זאָלסט נישט זאָרגן, זאָלסט לגמרי גאָרנישט זאָרגן. זאָלסט אָפּהיטן אונדזער טעכטערל. איך קוש אייך ביידן, דיך און טעמעלען,

דיין שלמהלע.”

דער בריוו האָט איר אַריינגעטריבן אין נאָך אַ גרעסערער אומרואי־קייט. מען האָט נישט געדאַרפט זיין קיין גרויסע חכמה בכדי צו פאַר־שטיין אַז שלמהלע האָט נישט געקאָנט שרייבן ווייל ער האָט זיך געפונען אין סאַמע מיטן פֿון פייער, אַז זיין לעבן דראָעט אַ סכנה יעדע רגע, יעדע מינוט. נו, און איצטער? וואָס איז מיט אים איצטער? איז ער דען שוין אויסער דער געפאַר?

זי האָט זיך געפּרוווט טרייסטן מיט אַט די עטלעכע ווערטער וועלכע זענען אָנגעקומען נאָך אַזאַ לאַנגן שטילשווייגן, אָבער זי האָט נישט גע־קאָנט זיך באַרואיקן. איר נשמה האָט געהאַלטן אין איין פלאַטערן צווישן האָפענונג און פאַרצווייפלונג.

62. — אונטער אַ האָגל פון קוילן

שלמהלע איז אַריינגעוואַקסן אינעם סאָלדאַטישן לעבן אַריין, פונקט ווי ער וואָלט קיינמאָל גאָר קיין אַנדערע זאַך נישט געטאָן. נאָך אין רע־קרוטישן לאַגער אין די שטאַטן האָט ער ביסלעכווייז אָנגעהויבן אין זיך איינצוזאַפּן די מידות פון אַ גוטן סאָלדאַט, געווען חבריש, געהאָרכזאַם און דיסציפּלינירט, אָבער דאָרטן זענען דאָך זיינע געדאַנקען געווען פאַר־נומען מער מיט באַקומען אָפּטער אַן אורלויב בכדי זיך אַראָפּצוכאַפּן צו זיין פרוי און קינד. דאָ דאַקעגן, אויפן פראַנצויזישן באָדן, ווו מען האָט אַוועקגעשיקט שלמהלעס רעגימענט, איז ער שוין געוואָרן אינגאַנצן אָפּ־געריסן פון אַלע אַנדערע זייטיקע פאַרלאַנגען און איז געווען איינער פון די בעסטע סאָלדאַטן אין רעגימענט. ער איז געווען מוטיק און פלינק, און עס האָבן אים ליב געהאַט אַלע אָן אויסנאַם, אָנהייבנדיק פונעם ליי־טענאַנט ביז דעם קוכער, וועלכער פלעגט שלמהלען קיינמאָל נישט זשאַ־לעווען קיין איבעריקע פּאָרציע סאָלדאַטסקע עסן. צו סאָניען פלעגט ער שרייבן אָפט, אָבער אוים מורא אַז זיינע בריוו דערגייען נישט צוליב דער אומזיכערער לאַגע אין וועלכער עס האָבן זיך שטענדיק געפונען די סאָלדאַטן פון דער פעלד־פּאָסט, האָט ער אומישנע געפלעגט שרייבן אַז דער אַדרעס איז נישט קיין גענויער, כדי סאָניטשקע זאָל זיך נישט צופיל זאָרגן אויב זי באַקומט נישט דעם בריוו צו דער צייט. ער אַליין פלעגט יעדן בריוו פון סאָניטשקען לייענען צו צענדליקער מאָל, ווייזן אַלע חברים די פאָטאָגראַפיע פון זיין שיין ווייב מיט דעם זיסן קינד זיינעם און פלעגט זיין צופרידן, ווען די יענקים פלעגן אַ פייף טאָן מיט באַוווּנדערונג.

— אַ ווערי נייס מיסעס... (זייער אַ שיין ווייב).

ליב געהאַט האָבן אים טאַקע אַלע אין רעגימענט, אָבער אַ נאָענטן חבר האָט ער געהאַט בלויז איינעם. פראָנט־חברשאַפט איז טיילמאָל שטאַרקער ווי בלוט־קרובהשאַפט, ווי ליבע אַפילו צו אַן אייגענעם ברו־דער. אַזאַ מין חברשאַפט האָט שלמהלע געשלאָסן מיט נייטן זיסקינד, אַ ניו־יאָרקער יידישן יאַט פון בראָנקס, וואָס איז שוין געווען אַ געבוירענער אין אַמעריקע. זיסקינד האָט גערעדט אַ שלעכטן יידיש, אָבער דאָך יידיש און שלמהלע פלעגט אין די פרייע שעהן טענהן מיט אים לאַנג און דער־ציילן וועגן אַלץ וואָס איז אים געלעגן אויף דער נשמה.

— זעסטו, אַ מענטש איז נישט קיין נביא — פלעגט שלמהלע האַלטן אין איין זאָגן צו נייטענען — אין אַלטן רוסלאַנד האָב איך נישט געוואָלט אוועקגעבן מיינע יונגע יאָרן די צאַרישע שוואַרצמאַהניקעס, נו בין איך געבליבן אַ בעל־חוב ניקאָלאַי דעם צווייטן. איז ווער האָט עס געקאָנט אויסרעכענען אַז פאַר מיין אַמעריקאַנער פּאַס וועל איך דאַרפן באַצאָלן אַזאַ גרויסן פּרייז, ווי ליגן איצטער אין אָט דעם בלאַטיקן אָקאָפּ? אַזוי, אַזוי, ברודערל, אַמעריקע מאָנט איין איר חוב ביי מיר?

— אַזוי איז עס, ברודערל, — האָט נייטן געענטפערט — דאָ וועסטו מוזן באַצאָלן דעם פולן פּרייז, וואָס איז נאָך גרעסער דערמיט וואָס איצטער ביסטו פאַרהייראַט, בעת אין רוסלאַנד, אַלס בחור, וואָלט דיך אַזוי פיל נישט געאַרט, ווען מען רייסט דיך אָפּ פון היים.

— יאָ, דאָס האָסטו ריכטיק באַמערקט. אַ מענטש וואָס האָט אַ ווייב מיט אַ קינד צאָלט אַ צו הויכן פּרייז זיין פּאַטערלאַנד, נאָך דערצו ווען דאָס פּאַטערלאַנד איז אַ נייס און איך האָב נאָך גאָרנישט באַוויזן צו געניסן פון לעבן דאָרטן. און דו, זיסקינד, ביסט אַן אַמעריקאַנער געבוירענער?

— יאָ. כאָטש מיינע עלטערן זענען פון יוראָפּ, אָבער איך בין „אַמעריקען" — האָט זיסקינד געזאָגט שטאָלץ — און איך האָב סיבות צו זיין אַ פּאַטריאָט, אַן אַ שום חכמות טאַקע, אַן אמתער פּאַטריאָט. איך ווייס פאַרוואָס איך דין.

שלמהלע האָט זיך צעלאַכט.

— ביי אונדז אין דער אַלטער היים, אַז מ'האָט געפרעגט אַ יידן פאַרוואָס ער דינט, האָט ער געענטפערט, אַז ער דינט דערפאַר ווייל מען האָט אים געמסרט.

ביידע חברים האָבן זיך צעלאַכט.

— אָבער אַן אַ וויץ — האָט נייטן אָנגעהויבן רעדן — איך ווייס יאָ פאַרוואָס איך דין. מיינע עלטערן זענען געקומען פון רוסלאַנד, פון אַ קליין שטעטעלע פונוואַנען זיי זענען אַנטלאָפן נאָך אַ פּאָגראָם. אַמעריקע האָט זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. און דאָרט אין דער פרייער אַמעריקע בין איך דערצויגן געוואָרן, אין שולע געלערנט, אַמעריקאַנער ברויט געגעסן, פאַרוואָס זאָל איך נישט זיין אַ פּאַטריאָט?

— יאָ, נייטן, דו ביסט גערעכט — האָט שלמהלע אָפּגעזיפצט — דו ווייסט טאַקע פאַרוואָס דו דינסט, אָבער ביי אונדז אין צאַרישן טיראַנישן רוסלאַנד, ווו אַ ייד טאָר נישט אויפהייבן זיין קאָפּ, ווו מען טרייבט אַרויס יידן פון זייערע היימען ווו זיי האָבן געוווינט דורות־לאַנג, ווו מען באַשרענקט יידן מיט ווינרעכט און אַנדערע גזירות. עס פלעגט טרעפן אַז

אַ ייד פלעגט אָפּדינען אין דער צאַרישער אַרמיי זיינע פיר יאָר מיט אַכט חדשים, אַהיימקומען און נישט טרעפן אינעם דאָרף די היים זיינע, ווייל מען האָט אים נישט אַריינגעלאָזט און זיינע עלטערן האָט מען שוין גע־האַט אַרויסגעטריבן. דאָס איז געווען זיין באַלוינונג פאַרן אָוועקגעבן די שענסטע יאָרן פון זיין לעבן. אין רוסלאַנד האָט מען אַפילו נישט געטאָרט שפילן קיין יידיש טעאַטער. ווייסטו דערפון חבר?

— מיינע עלטערן האָבן מיר פיל זאַכן דערציילט, אָבער דאָס וואָס דו דערציילסט מיר איצטער איז פאַר מיר אַ נייס.

— אוי, נייטן — האָט שלמהלע געענדערט די טעמע — עס ווילט זיך אַזוי שטאַרק לעבן בלייבן. און געניסן נאָך פון לעבן, פון דער פרייהייט, פון אַן אייגענער שטילער היים, ווו עס איז נישטאָ קיין אַקאָפּעס, קיין נאַכטיקע מאַרשן, קיין פּאַטרולעוועו...

אַ ווייט קנאַלן האָט איבערגעריסן זייער שמועס. עס האָט זיך אָנגע־הויבן דער נאַכטיקער קאָנצערט פון דער אַרטילעריע. אין דער פינצטער־ניש האָט געלויערט דער טויט.

***

די נאַכט איז געווען אַ חושכדיקע און אַ רעגנדיקע. אין דעם אונטער ערדישן אַקאָפּ איז אַריינגעקומען דער לייטענאַנט מיטן סערזשאַנט צו־זאַמען. ער האָט באַפוילן זיך צוגרייטן צו אַ נאַכטיקן אויסשפּיר־פּאַטרול. אין דער פינצטערניש האָט ער געלייענט די נעמען פון אַ פאַרשמירט צעטעלע, וואָס ער האָט באַלויכטן מיט אַן עלעקטריש לעמפּל, זייענדיק צוגעדעקט מיט אַ ברעזענט. צווישן די אַנדערע נעמען האָט מען אויך אויסגערעכנט זיסקינדן און שלמהלען.

דער וועג מיט וועלכן דער פּאַטרול האָט זיך גערוקט פאָרויס איז געגאַנגען דורך אַ וואַלד. די פיס זענען געזונקען אין דער טיפער בלאָטע. געווען אַ שטרענגער באַפעל נישט רעדן, נישט קלינגען מיטן וואָפן, נישט רויכערן. פון דיביימער האָבן געקאַפּעט דיקע טראָפּנס. די פינצטערניש מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן. איינער האָט נישט געזען דעם צווייטן. מען איז נאָכגעגאַנגען דעם שטילן כליופּטשען פון די סאָלדאַטישע שיך וואָס האָבן געטאַפּטשעט אין דער בלאָטע.

דער שונא האָט זיך, ווייזט אויס, געריכט, אַז דורכן וועלדל קאָן אָנ־קומען אַן אויסשפּיר־פּאַטרול. אין דער פינצטערניש האָבן געפייפט די קוילן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אָן די צווייגן איבער די קעפּ פון די מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן. וואָס נענטער צום ראַנד פונעם וועלדל, אַלץ שי־

טערער זענען געוואָרן די ביימער, אַלץ געדיכטער דער האָגל פון קוילן. נייטן זיסקינד איז געגאַנגען פאַר שלמהלען. רעדן האָט מען נישט גע־קאָנט, אָבער שלמהלע האָט געהערט דאָס שווערע אָטעמען פון זיין חבר, און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז ער הערט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ.

פלוצלינג האָט נייטן אַ געשריי געטאָן. עפּעס איז שווער אַוועקגע־פאַלן אין דער בלאָטע אַריין. דער סערזשאַנט איז צוגעקומען און בייז געשעפּטשעט.

— דאָנט קריי. טהי ענעמי אים ניער (שריי נישט, דער שונא איז נאָענט).

שלמהלע איז צוגעפאַלן צו זיין חבר. נייטן האָט שטיל געקרעכצט.

אַ רעפלעקטאָר האָט פלוצלינג באַלויכטן דעם ראַנד פון וועלדל און באַלד דערנאָך האָט אַ מוראדיקער קנאַל צעשפּאַלטן די אַרומיקע שטיל־קייט פון וואַלד. אַרום איז געוואָרן ליכטיק, גאָר ליכטיק. שלמהלע האָט דערזען זיין ווייב און זיין קינד גאָר נאָענט, און שפּעטער האָט ער דער־פילט אַז אַלץ ווערט שטיל און רואיק.

**
*

אויפצומאָרגנס פרי איז דער פּאַטרול צוריקגעקומען פון זיין אויס־שפּיר־אויפגאַבע. נייטן זיסקינדן האָט מען געבראַכט צושלעפּן אויף אַן אויסגעשפּרייטן שינעל. דער סערזשאַנט האָט געמאָלדן אַז דער פּאַטרול האָט איבערגעלאָזט אין וואַלד אַ טויטן חבר.

דער געפאַלענער איז געווען שלמהלע. אַ שפּליטער פון אַ שראַפּנעל האָט אים געטראָפן אין קאָפּ.

63. — דער פרעמדער סאָלדאַט

אומזיסט האָט איצטער סאָניע געוואַרט אויף אַ בריוו פון איר שלמה־לען. יעדן טאָג האָט זי געוואַרט אויף דעם געגאַרטן בריוו און יעדן טאָג געליטן די זעלבע אַנטוישונג. זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, וואָכנ־לאַנג זיך נישט אָנגעטאָן אין אַ לייטישן מלבוש, נישט פאַרקעמט די האָר, ווי זי פלעגט דאָס טאָן ווען שלמהלע איז געווען מיט איר. וואָכנלאַנג אַפּילו אין שפּיגל נישט געקוקט.

היינט איז איר פּונקט אויסגעקומען צוצוגיין צו דער קליידער־שאַנק. די שאַנק האָט געהאַט פון דער אינעווייניקסטער זייט אַ גרויסן שפּיגל און סאָניע האָט דאָרט צופעליק דערזען איר אויסגעמאַטערט געזיכט.

— וואָס איז פון מיר געוואָרן? — האָט זי שטילערהייט אַ זאָג געטאָן צו זיך. זי האָט באַמערקט זילבערנע פעדים אין די האָר — ניין, סאָניטשקע, אַזוי טאָר מען נישט — האָט זי ווידער גענומען רעדן צום שפּיגל — אַזוי איז עס קיין תכלית נישט. דו וועסט פאַלן פון די פיס, און וואָס וועט ווערן פונעם קינד? ניין, מען מוז זיך נעמען פעסט אין די הענט אַריין.

זי האָט זיך דערמאָנט מאַטילדעס ווערטער. מאַטילדע הייסט איר אַלץ פאַרגעסן און געדענקען בלויז אָן קינד, אָבער ווי אַזוי קאָן מען ביי זיך פועלן אַלץ צו פאַרגעסן, צו פאַרגעסן שלמהלען. ס׳רעדט זיך אַזוי פאַר־געסן, אָבער זי אַליין מאַטילדע, געדענקט איר יאָהאַנען נאָך ביזן היינ־טיקן טאָג...

סאָניע איז צוגעגאַנגען צום בעטעלע און גענומען קוקן אויף דער שלאָפנדיקער טעמעלע.

„עס שלאָפט מיין טייער אוצרל — האָבן אירע ליפּן געשעפּטשעט — מלאכל מיינס, בלויז צוליב דיר וויל איך נאָך לעבן, בלויז צוליב דיר מוז איך ווייטער זיך האַלטן אויף די פיס.

„פאַרוואָס איז נאָך היינט נישט אַריינגעקומען פרוי מאַטילדע? — האָט סאָניע געפרעגט ביי זיך אַליין. זי האָט אָנגעהויבן זוכן עפּעס אַן אַרבעט. זי האָט זיך דערמאָנט אַז טעמעלע האָט נעכטן צעריסן דאָס

בלויע קליידעלע אירס, וועט זי עס איצטער נעמען פאַריכטן. זי איז געזעסן און געגעניית און געטראַכט אַז געלט האָט זי וואָס אַמאָל ווייניקער, אַלץ ווערט טייערער און טייערער, פונוואַנען וועט זי נעמען אויף צו קויפן אַ ניי קליידעלע פאַרן קינד. סיידן איבערמאַכן עפּעס.

פלוצים האָט זי דערהערט ווי די פרוי מאַטילדע רעדט אין קאָרידאָר צו עמעצן: „אַטאַ דאַ וווינט די פרוי טאָמאַסאָוו”. ווערען קאָן דאָס מאַטילדע פירן צו איר?

די טיר האָט זיך געעפנט און סאָניע האָט דערזען עפּעס אַ פרעמדן סאָלדאַט מיט אַ ליידיקן אַרבל. אַ שרעקלעך פאַרגעפיל האָט איר אַ רים געטאָן אין הארצן. עס איז איר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. דער גאַנצער צימער האָט זיך אַ דריי געטאָן מיטן פרעמדן צוזאַמען.

פרוי מאַטילדע איז צוגעלאָפן צו איר און זי אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, אָפּגעווישט די טראָפּנס קאַלטן שוויים פון איר שטערן.

— בארואיק זיך, פאַרליר זיך נישט, אום גאָטנס ווילן!

— איך בין רואיק — האָט סאָניע געענטפערט — איך ווייס וואָס דער מענטש וועט מיר דערציילן. פון זיין פּנים האָב איך אַלץ אַרויסגעלייענט. אָבער דערציילט ביטע, איך וויל אַלץ הערן, איך וויל איר זאָלט מיט אייערע ווערטער מיך נעמען צו שלמהלעס לעצטע מינוטן.

דעם סאָלדאַט איז שווער געווען צו רעדן.

— איך היים נייטן זיסקינד — האָט ער אָנגעהויבן. זיינע ווערטער האָבן זיך געפּלאָנטערט. ער האָט דערציילט וועגן דעם וועלדל, וועגן דער שיסעריי, וועגן דעם שראַפּנעל וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד...

סאָניע האָט נישט געהערט ביזן סוף. אַלץ האָט זיך גענומען דרייען און זי האָט דערזען שוואַרצע פלעקן פאַר די אויגן. זי האָט דערפילט אַז זי פאַלט ערגעץ טיף, זייער טיף.

ווען זי האָט זיך איבערגעוועקט איז שוין דער פרעמדער סאָלדאַט נישט געווען אין צימער. איבער איר איז געשטאַנען בלויז די פרוי מאַטילדע און צוגעשאָקלט מיט איר ווייסן קאָפּ. געדיכטע טרערן האָבן געקאַפּעט איבער אירע צערונצלטע באַקן.

— טעכטערל מיינע, זיי רואיק, דאַרפסט לעבן, דו מוזסט לעבן — האָט די אַלטע געהאַלטן אין איין חזרן.

סאָניע האָט גאָרנישט געענטפערט. זי האָט פלוצלינג דערזען ווי טעמעלע שטייט נעבן איר.

— דער פּאַפּאַ וועט שוין נישט צוריקומען, דו הערסט. ער וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקומען — און זי האָט פעסט געטוליעט די קליי

נע צו זיך — אָבער מיר מוזן לעבן און שטענדיק אים טראָגן אין האַרצן.

פאַרנאַכטיקע שאָטנס האָבן זיך פאַרקליבן אויף די ווענט און די פינצ־טערניש איז געוואָרן וואָס אַמאָל געדיכטער און שוואַרצער, אַזוי געדיכט און שוואַרץ ווי עס איז געווען דער טרויער וואָס האָט אויף שטענדיק שוין זיך צעשפּרייט אין סאָניעס האַרץ.

(סוף)

Este libro se terminó de imprimir el día 10 de julio de 1950, Año del Libertador General San Martín, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires.